יזכור

צום אנדענק פון די קדושי קראסניסטאוו

רעדאגירט: אריה שטונצייגער

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

פארלאג „באפרייונג" ביים צ. ק. „פועלי־ציון" (צ. ס.)
מינכען 1948

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

הילע און צייכנונג – שמואל זילבערשטיין

Authorization for United Nations Displaced Persons Publication
Authorization No. 241.

דאָס יזכור־בוך איז דערשינען א דאנק
דער איניציאטיוו און מאטעריעלער
אונטערשטיצונג פון פאַרזיצער פון דער
קראסניסטאווער לאנדסמאנשאפט אין
לאָס־אנדזשעלאָס – ה׳ בען צוקערמאן.

פאָרוואָרט

דער ציל פון דעם היזיקן יזכור-בוך איז אויפצושטעלן א באשיידענע מצבה אונדזער קהילה קראָסניסטאַוו, וועלכע איז חרוב געוואָרן צוזאמען מיט צענדליקער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

דאס היזיקע בוך פּרעטענדירט נישט צו זיין אן אויסשעפּנדיקע היסטאָרישע ארבעט וועגן א יידישער קהילה; עס איז בלויז א זאמלונג פון מאטעריאלן, געשריבענע דורך געציילטע, פּשוטע יידן, וועמען ס'האט זיך איינגעגעבן צו ראטעווען פון דעם גרויסן חורבן. מערסטנטייל זענען עס זכרונות, וועלכע פיקסירן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון קראָסניסטאַוו אין דער צייט צווישן ביידע וועלט-מלחמות.

אויב ביים לייענען דאס דאזיקע יזכור-בוך וועט אויפטויכן אין זכרון פון די לעבנגעבליבענע שרידים דאס בילד פון אונדזער שטעטל, וועלן מיר האלטן, אז מיר האבן דערגרייכט אונדזער ציל.

ביים צונויפשטעלן די מאטעריאלן, האבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. קודם-כל צוליב דעם, וואס כמעט אלץ איז אויסגעקומען צו פארצייכנען פון זכרון. אפילו די רשימה פון די קדושים האבן מיר נישט געקענט מאכן, ווייל לייַדער האבן מיר פון די לעבנגעבליבענע נישט באקומען אריינגעשיקט די נעמען פון זייערע אומגעקומענע פריינט און באקאנטע. מיר האבן זיך דעריבער געמוזט באגרענעצן נאָר מיט פארצייכענען די נעמען פון דעם ראש-המשפחה און אויך דאס נאָר פון זכרון. עס קען דעריבער מעגלעך זיין, אז עטלעכע פאמיליעס זענען ארורכגעלאזן געווארן. מיר בעטן מחילה ביי די דאזיקע קדושים. זאָל זייער הייליקער אָנדענק אייביק לעבן ביים יידישן פאָלק צוזאמען מיטן אָנדענק פון די מיליאנען קדושים, פון וועמענס משפחות עס איז נישט געבליבן קיינער, וואס זאל זייער נאָמען דערמאנען.

* *
*

אויף דעם וועג הדיקן מיר אויך אויס א הארציקן דאנק, אין נאָמען פון אלע לעבנגעבליבענע קראסניסטאווער יידן, אונדזער חשובן לאנדסמאן ה' בען צוקערמאַן פון לאָס אַנדזשעלאָס, וועלכער איז געווען דער הויפּטאיניציאַטאָר און האט מיט זיין מאָראלישער, פּראקטישער און מאטעריעלער הילף דערמעגלעכט דאס דערשיינען פון דעם דאזיקן יזכור-בוך.

אריה שטונצייגער

אנשטאט א הקדמה

מיט א ציטערדיק געפיל טרעטן מיר צו ארויסצוגעבן אונדזער „יזכור"-בוך.

ביי אזא ערנסטער ארבעט ,איז שטענדיק פאראן די מורא, אז ס'וועט נישט געלונגען אין דער פולער מאס אויסצודריקן און פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים, וואס זענען אויף א גרויזאמען אופן אומגעבראכט געווארן דורך די היטלער-רוצחים.

מיט א געבויגענעם קאפ און מיט יראת-הכבוד בעט איך מחילה ביי אונדזערע קדושים פון קראסניסטאוו, אויב זייערע מורא'דיקע לײדן און הייליקער אנדענק, וועט נישט ווי געהעריק אפגעשפיגלט ווערן אינעם דאזיקן „יזכור"-בוך; ווייל זייערע לײדן און יסורים איז בכלל אוממעגלעך צו שילדערן. די מענטשלעכע שפראך האט נאך נישט געפונען דערצו די געהעריקע אויסדרוקן.

גרויסע קינסטלער האבן שוין באקלאגט אונדזער גרויסן חורבן מיט הארץ און טאלאנט, אבער אויך זיי האבן נאך נישט פולקאם ארויסגעבראכט דעם גרויסן ווי-געשריי — פון די ווייניק-לעבנגעבליבענע — איבערן גרויסן פאלקס-בראך.

דעריבער גלויבן מיר, אז אויך א פשוטער ייד האט דאס רעכט צו זאגן קינות און מספיד זיין די אומשולדיק אומגעקומענע קדושים, אויף א פאלקסטימלעכן אופן.

די גרויסע מצבה פארן אומגעקומענעם דריטל פון אונדזער פאלק — וועט זיכער שטעלן אן ארגאניזאציע, וועלכע עס וועט שאפן דאס גאנצע פאלק. אבער צושטייערן א באשיידענעם גר-תמיד, אין דער פארם פון אן יזכור-בוך פאר אונדזערע קראסניסטאווער קדושים — איז אונדזער חוב.

עס איז אונדזער חוב צו דערמאָנען יענע הייליקע געשטאַלטן פון קראַסניסטאַוו, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט מיט אהבת־ישראל, צניעות און קדושה. עס ווילט זיך אויך דערמאָנען יענע הערלעכע האַראַפּאַש־ניקעס פון דער „גראַבליע" און פון „שאָסיי", וועלכע האָבן, טראָץ דעם שווערן עול־פּרנסה, פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן אָפּטימיזם און אַ שטאַרקן בטחון, וואָס האָט זיי געגעבן כּוח און אויסדויער אַריבערצוטראָגן אַלע רדיפות און נגישות.

עס ווילט זיך צוטוליען צו די אַלטע ספרים, צו די אין הילצערנע טאַוולען געבונדענע גמרות פון דעם „גראַבליע"־בית־מדרש, וועלכן מיין עלטער־זיידע, משה־בערל, האָט געבויט מיט אַ נייַנציק יאָר צוריק.

מיר קענען נישט פאַרגעסן אונדזער שטעטל, וואָס איז אַזוי וואַרעם און האַרציק געשילדערט געוואָרן דורך אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פּרץ.

זאָל דאָס דאָזיקע „יזכור"־בוך דינען ווי אַ נר תמיד, אונדז צו דערמאָנען אונדזערע קדושים, ווען מען אָנדענק מיר וועלן טראָגן אייביק אין האַרצן, ביז מיר וועלן מתקן זיין זייערע נשמות אין אונדזער באַפרייטן און הייליקן לאַנד.

בען־צוקערמאַן

(פאָרזיצער פון דער קראַסניסטאַווער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס־אַנדזשעלאָס).

קראַסניסטאַוו

(מאָנאָגראַפיע)

קראַסניסטאַוו — א קליין קרייז (פּאָוויאַט)-שטעטל אין דער לובלינער געגנט (וואָיעוואָדשאַפט). הגם אין פלוג גענומען א שטעטל פונקט ווי א סך אנדערע קליינע שטעטלעך אין פוילן — האט קראַסניסטאַוו דאָך געהאט אירע אייגנארטיקייטן, וואס האבן ארויפגעלייגט אויף די איינוווינער א מין אריסטאָקראטישע אצילות; דאס איז אנערקענט געווארן אפילו דורך די איינוווינער פון די ארומיקע יידישע שטעטלעך.

אין קעגנזאַץ צו די ארומיקע, שמוציקע שטעטלעך, ווי: איזביצע, רייוויץ, קראַשניטשין א. אנד., איז קראַסניסטאַוו געווען א ריין, ציכטיק שטעטעלע. די הייזער אין צענטער שטאט, געמויערטע, העל-געפארבטע, איין- אדער צוויי-שטאָקיקע; די גאסן — גלייכע, פיין-געפלאסטערטע, מיט ברייטע טראָטואַרן — האבן צוגעגעבן דער שטאָט אן אנגענעם, פריילעכן אויסזען, וואס האט זיך גלייך געלאזט מערקן פאר יעדן פרעמדן מענטשן.

דאס שטעטל האט זיך גערעכנט פאר איינס פון די היסטארישע פוילישע שטעטלעך. אמאל — אין די צייטן פון קאזימיעזש דעם גרויסן — איז אויף דער דאזיקער הויכקייט געווען א שליאכטישע פעסטונג און צווישן די איינוווינער איז ארומגעגאנגען א לעגענדע, אז קאזימיעזש דער גרויסער, האט דא געהאט זיינס א ווילע, וווהין ער פלעגט יעדעס יאר קומען מיט זיין יידישער געליבטע, אסתר'קע.

אין די יארן צווישן ביידע וועלט-מלחמות, איז פון דעם דאזיקן שליאכטישן רום שוין ניט געווען קיין זכר. בלויז דער נאמען פון אַרעמען קווארטאל, „גראַבליע", האט אן עפעס דערמאנט וועגן דעם טראַדיציאָנעלן ארומשיטן מיטלאלטערלעכע פעסטונגען מיט אן ערד-וואַל, וואס הייסט אויף פויליש: „גראַבליא". די „גראַבליע", דאס איז געווען — דער קווארטאל פון די אָרעמסטע, סיי יידן און סיי קריסטן.

אין די אלטע צייטן, ווען פאר יידן איז געווען פארבאטן צו וווינען אין שטאָט, איז דאָ געווען דאס געטאָ, ווו אלע יידן האבן געוווינט. אין די לעצטע יארן האבן

שוין יידן געוווינט אויסגעמישט מיט קריסטן, סיי אין שטאָט-צענטער און סיי אויף דער „גראָבליע”.

די „גראָבליע” איז פון דער שטאָט געווען אָפּגעטיילט מיטן טייך וויעפּזש. דער דאָזיקער רואיקער טייך האט עס געברענגט דערצו, אז נח פּרילוצקי האט אין זיין בוך „איבער שטעט און שטעטלעך”, אנגערופן די קראסניסטאווער אייגוווינער מיטן נאָמען: „קראסניסטאווער וואסער-שווימער”. פּאקטיש האבן קינד-און-קייט געקענט שווימען און אין די הייסע זומערדיקע טעג, פלעגט מען זען באַבערדיקטע, חסידישע יידן ארומשווימען און „נורקעווען” אין דעם מחיה'דיקן, ווארעמען וויעפּזש, ווי להבדיל, אמתע ספּארטלער.

אויף דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון בערך 25 טויזנט מענטשן — האבן יידן געציילט בערך א פינפטל, ד. ה. 5 טויזנט נפשות. אין דער אלגעמיינער צאָל אבער, זענען אריינגעגאנגען אויך די פאָרשטעט, ווי די „קראָקעווער פאַרשטאָט” און די „זאקרענטשע”, וווּ יידן האבן געוווינט אין א קליינער צאָל. בערך 30 — 35 פּראָצענט פון דער יידישער באפעלקערונג, האבן געווינט אויף דער „גראָבליע”. דאָ האבן זיך רעקרוטירט די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, ווי: שוסטער, שניידער, בעקער, גלעזער, שמידן און דאָרפסגייער.

העכער 40 פּראָצענט פון דער יידישער באפעלקערונג, האט זיך באשעפטיקט מיט מלאכה; די אנדערע 60 פּראָצענט — זענען געווען סוחרים און קליינהענדלער, אויסער א גאָר קליינעם פּראָצענט כלי-קודש און אנד. אומבאשטימטע באשעפטיקונגען.



צענטער פון קראסניסטאוו — מאגיסטראט-געביידע.

הגם די איבערוויגנדע צאָל יידן אין קראָסניסטאַוו איז געווען א שטרענג-רעליגיעזע, איז פונדעסטוועגן אויפן שטעטל נישט געלעגן דער חותם פון אָפּגעשטאַנענקייט, וואס איז געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר פיל אנדערע יידישע שטעטלעך אין פוילן; אויסער געציילטע טיפּן, וואס האבן זיך נאך געהאלטן „פארקנייטשט" און נישט נאכגעגאנגען דעם גייסט פון דער צייט; האבן שוין כמעט אלע — אפילו די חסידישע עלעמענטן — ארייגעלאזט אין זייערע הייזער דאס מאָדערנע, וועלטלעכע לעבן. דאס איז, ראשית-כל, געשען אונטער דער השפּעה פון יונגן דור, וואס איז אוועק אויף גאנץ אנדערע וועגן.

דאס רעליגיעזע לעבן האט זיך קאָנצענטרירט אין די צוויי בתי מדרשים: דאס שטאָטישע, וואס איז ניי-רעמאָנטירט געווארן נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה און דאס צווייטע, אויף דער „גראָבליע". אויסער דעם האבן עקזיסטירט צוויי חסידישע „שטיבלעך" — דאס „טריסקער" און „גערער".

דער עלטערער דור האט זיך נישט פארנומען מיט קיין פּאָליטיק און נישט געהערט צו קיין פּאָליטישע אָרגאניזאציעס. זיי האבן אבער געפירט א ברייט-פארצווייגטע, געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. עס האט עקזיסטירט א סוחרים- און קליינהענדלער-פארבאנד, א האנטווערקער-פארבאנד, גמילות חסדים קאסע, פאלקס-באנק און א חברה קדישא.

דער געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראמענט און די קלאסן אונטערשידן האבן זיך ארויסגעוויזן אין די קריגערייען ביי וואלן צום שטאָט-ראט, קהילה און ביים קלייבן א גבאי אין בית-מדרש, ווו די הויפּטקעגנער זענען שטענדיק געווען די בעלי-מלאכות און די חסידים — על פי רוב סוחרים און קליינהענדלער. די אויבערהאנט האבן אין די אלע פאלן געהאט דער אָרעמער קלאס — די בעלי-מלאכות. אזוי צ. ב. איז דער שטאָט-רב איבערהויפּט געווארן אונטערשטיצט און געוויילט דורך דעם בעלי-מלאכות- און אָרעמען פאלקסשטאַנד. אויך אין דער קהילה האבן זיי געהאט זייער בכבודיקן טייל פארשטייער און צייטנווייז איז אפילו דער פרעזעס אויך געווען זייערער. מען קען זאָגן, אז דער בעלי-מלאכה'שער עלעמענט האט אין שטעטל דאָמינירט.

דערפאר האט זיך שוין די יוגנט פארנומען מיט פּאָליטיק און געהאט אירע פּאָליטישע אָרגאניזאציעס.

עס האט עקזיסטירט א ציוניסטישע אָרגאניזאציע, מזרחי, אגודה, רעוויזיאָניסטן, החלוץ — פּועלי-ציון (צ. ס.), פּועלי-ציון (לינקע) און א פּראָפעסיאָנעלער פאריין, וואס האט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון די „רויטע".

כמעט די גאנצע יוגנט פון דער „גראָבליע" — אויסער געציילטע אויסנאמען — זענען געווען מיטגלידער פון קאמוניסטישן פּראָפּ. פאראיין, אדער סימפּאַטיזירט מיט זיי. די יוגנט פון דער „שטאָט", ד. ה. פון צענטראלן טייל, האט אין גרעסטן טייל געהערט צו די פארשידענע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס.

די קולטורעלע ירושה צוזאמען מיט דער „פּרץ-ביבליאָטעק", האט די ציוניסטישע יוגנט איבערגענומען פון די ערשטע שטעטלדיקע משכילים: שלמה שארף, לייזער לאפּער און די אלע אנדערע, וועלכע בען צוקערמאן דערמאָנט אין זיינע זכרונות אין דאָזיקן בוך.

די גרופּע פון בען צוקערמאַן און חברים, זענען עס געווען די ערשטע „פייגל" פון דער השכלה אין קראַסניסטאַוו.

דער שרייבער פון די שורות — וועל־כער האָט געהערט צום יינגערן דור און איז געווען איינער פון די יורשים פון דער דאָ־זיקער גרופּע — האָט שפּעטער צוזאַמען מיט זיינע חברים איבערגענומען די „פּרץ־ביבליאָטעק" און זי ווייטער אַנטוויקלט. מען קען דרייסט זאָגן, אַז די ביבליאָטעק איז געווען דער צענטער פון דער מאָדערנער קולטור פאַר דער יידישער יוגנט אין שטעטל. אַרום איר האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון

דער גאַנצער יוגנט אין שטעטל, אויסער דער יוגנט פון דער „גראָבליע", וועלכע איז געווען אָרגאַניזירט אין פּראָפּ. פאַריין און האָט געהאַט איר אייגענע ביבליאָטעק. זיי זענען אָבער קולטורעל געשטאַנען אויף אַ באַדייטנד נידריקערער שטופע פון קולטו־רעלער אַנטוויקלונג.

די דערמאָנטע „פּרץ־ביבליאָטעק", אַרום וועלכער עס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ דור ציוניסטן און אַ סך חלוצים, וואָס פיל פון זיי לעבן נאָך הײַנט און אַרבעטן אין ארץ־ישראל, איז ווערט, אַז זי זאָל באַ־שריבן ווערן אין אַ באַזונדער אַרטיקל.

געזעלשאפטלעך לעבן
אין קראסניסטאוו

פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס

*

אריה שטונצייגער

עס איז באקאנט, אז אין די יידישע שטעטלעך אין פוילן, איז געווען אן אינטענסיווע און פולבלוטיק פארטייאיש און געזעלשאפטלעך לעבן. ווי קליין אזא שטעטעלע זאל נישט האבן געווען—זענען שטענדיק דארט געווען כמעט אלע פארטייען, וועלכע האבן נאר עקזיסטירט ביי יידן אין פוילן.

די פארטייען האבן געפירט צווישן זיך אן אידעאישן קאמף, וועלכער פלעגט אנגעמען היציקע פאָרמען.

אָט אין דער היגזיכט פון פארטייאישער „היציקייט" איז קראסניסטאוו געווען אן אנגענעמער אויסנאם. הגם אויך דאָ זיינען געווען „רעכטע", „לינקע" און „מיטעלע" פארטייען, דאך זענען די באציונגען שטענדיק צווישן זיי געווען קארעקטע און עס זענען כמעט קיינמאל נישט פארגעקומען קיין „אינצידענטן" אויפן פארטיי-פאָליטישן באָדן.

ס'איז כדאי צו פארצייכענען, אז אין קראסניסטאוו האט נישט עקזיסטירט קיין בונדישע אָרגאניזאציע. אין דער גאנצער שטאָט איז געווען איין-איינציקער בונדיסט מיטן נאָמען קנאבעל. דאס איז געווען אן אָרעמער, פארהאָרעוועטער סטאָליאר, וועלכן מען האט זעלטן געזען אין גאס, אָבער אלע האבן אים געקענט, ווייל ווי נאָר ער פלעגט זיך באווייזן אין שטאָט פלעגט ער גלייך ארום זיך זאמלען א גרופע פון קעגנער, מיט וועלכע ער פלעגט פירן הייסע דיסקוסיעס. מיט עכט יידישער עקשנות פלעגט ער פארטיידיקן דעם בונדישן פרינציפ פון „נאציאָנאל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע", נישט נתפעל ווערנדיק פון דעם לייכטן חוזק, מיט וועלכן די „קעגנער" האבן אים אויסגעהערט.

איינגנטלעך זענען אין שטעטל געווען צוויי הויפט-שטרעמונגען: א ציוניסטישע און א קאָמוניסטישע. פונקט ווי די שטאָט האט זיך געטיילט אין צוויי — די אָרעמע

„גראַבליע" און די „שטאַט" — אזוי אויך האט אויף דער „גראַבליע" געהערשט די קאָ־מוניסטישע שטרעמונג, דאקעגן אין „שטאַט" — די ציוניסטישע. דאס הייסט, נאטירלעך, נישט, אז אלע אויף דער „גראַבליע" זענען געווען קאָמוניסטן און אין „שטאַט" — אלע ציוניסטן. איבערהויפט איז אידעאיש דיפערענצירט געווען כמעט אויסשליסלעך די יוגנט, דאקעגן די עלטערע מענטשן — אחוץ ווייניקע אויסנאמען — האבן זיך בכלל נישט פארנומען מיט אזעלכע „נארישקייטן".

די קאָמוניסטיש־געשטימטע יוגנט, האט זיך גרופירט ארום דעם „פּראָפעסיאָנעלן פאראיין פון נאַדל־ארבעטער און קרובישע מלאכות". קיין גרויסן קאמף מיט דער „בור־זשואזיע" האבן די דאזיקע קאָמוניסטן נישט געפירט; פשוט דערפאר, ווייל עס זענען דארט קיין בורזשויען נישט געווען. די „ארבעטס־געבער", ביי וועמען די יונגע שניידער און שוסטער האבן געארבעט, זענען אליין געווען גרויסע אָרעמעלייט און וואלטן גערן אליין מסכים געווען אויף דער „אלוועלטלעכער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע" — ווי זיי פלעגן זיך אויסדריקן — אבי זיי זאלן האבן פרנסה. אבער דערפאר האט דער פאראיין געהאט גרויסע פארדינסטן פאר ארגאניזירן די זעלבסטבילדונג פון דער ארבעטער־יוגנט, וועלכע איז געווען אָפּגעריסן פון דער שולע שוין אין די יונגסטע יארן. אנהויבנדיק ארבעטן צו 12 — 14 יאר, און די גאנצע בילדונג זייערע באשטאנען פון א יאר, אָדער צוויי תלמוד־תורה־חדר; אמאָל אויך א צוויי־דריי יאר „פּאָווישעכנע"־שולע. ביים פּראָפעסיאָנעלן פאראיין" האבן עקזיסטירט זעלבסבילדונגס־קרייזלעך, וווּ מען פלעגט זיך לערנען פון ד"ר עליאשעוו'ס „פאלקס־אוניווערסיטעט". מען פלעגט דארט אויך לייענען ביכער, צייטונגען, אויסהערן לעקציעס וועגן „פּאָליטישער עקאָנאָמיע", מארקס־טעאריע א. א. וו.

אזוי ארום האט דער „פאראיין" — ווי מען פלעגט אים פארקירצט רופן — גע־האט א גרויסע באדייטונג ביים אָפּהיטן דעם מאָראלישן ניוואָ פון דער ארבעטער־יוגנט. ער האט איינגעפלאנצט אין זיינע מיטגלידער א פיעטעט צום בוך און צום וויסן און דער־מיט אָפּגעצויגן פון לייכטע, דעמאָראליזירנדיקע פארגעניגנס, וואס זענען כאראקטערים־טיש פאר דער שיכט יוגנט ביי אנדערע פעלקער. פונדעסטוועגן האט די פּאָליצייאישע מאכט געהאלטן דעם דאזיקן פאראיין פאר געפערלעך און גאנץ אָפט, איבערהויפט פארן ערשטן מאי, פלעגט זי ארעסטירן די אנפירנדיקע יונגעלייט. אין גרעסטן טייל האבן זיי אלע זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט צו זייער אידעאל און מיט גרייטקייט צו די גרעסטע תפיסה־שטראפן פאר זייער גלויבן.

אין „שטאַט" האט, ווי געזאגט, געהערשט א ציוניסטישע שטימונג. אויך דא איז דער הויפט־כוח פון די אָרגאניזאציעס געווען די יוגנט. די עלטערע זענען אין גרעסטן־טייל געווען געשטימט חסידיש־רעליגיעז און פארטייאיש אומדיפערענט. די „פרייע" יונגעלייט, זענען אלע אָן אויסנאם געווען „אלגעמיינע ציוניסטן", ד. ה. ציוניסטישע סימפּאַטיקער, וועלכע האבן זיך נישט געגריבלט אין די באזונדערע ציוניסטישע שטרעמונגען. מען האט געלייענט דעם „היינט", מען האט געצאָלט אויף „קרן קימת" און ביי וואלן האט מען גע־שטימט פאר יצחק גרינבוים.

די יוגנט אבער איז געווען אָרגאַניזירט אין „החלוץ" און אין בית"ר. דעם „החלוץ" און „החלוץ-הצעיר" איז עס בעיקר צו פאַרדאַנקען, וואס א ריי יוגנטלעכע זענען דורך די קבוצי-הכשרה עולה געווען קיין ארץ-ישראל.

אויסער דעם האָבן די עלטערע חברים פון „החלוץ" געפירט א פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט: אויפגעהאַלטן די י. ל. פּרץ-ביבליאָטעק, וועלכע איז געווען די איינציקע יידישע ביבליאָטעק אין שטאָט (אויף דער „גראַפליע" האָט דער פאַראיין געהאַט א באַזונדערע ביבליאָטעק). זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט דעם קולטור-פאַראיין — באַקאַנט אַלס דער „קלוב" — וו עס פלעגן אָפט פאָרקומען פאָראַנשטאַלטונגען, לעקציעס, דיסקוסיע-אָוונטן א. א. וו.

די דאָזיקע אַרבעט פון די חלוצישע קולטור-טוער האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דער שטאָטישער יוגנט. ערשטנס, האָט זי אַריינגעבראַכט ליכט אין דער אָפּגעשטאַנענער, קלעריקאַלער אַטמאָספער, אין וועלכער די מערסטע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן, און פון דער צווייטער זייט, האָט זי נאַציאָנאַל געבונדן דעם טייל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן באַקומען א וועלטלעכע דערציאונג און געניגט געווען צו אסימילאַציע.

הערצל-אקאדעמיע פון „ברית-החייל".

עס זיצן: הערש ווייסוואַסער, יידל שטונציגער — א חבר פון מפקדה, משה אייזנבערג — אברהם וואַלדמאַן, שלמה, פנחס גאַרטלער, לייבל טענענבוים.

עס זיצן: הערש ווייסוואַסער, יידל שטונציגער — א חבר פון מפקדמה, משה אייזנבערג — א חבר פון שלטון בית"ר, משה לוסטהויז, נח ווייסוואַסער און יוסף מערנשטיין.

מען דארף אויך דערמאנען די אָרגאניזאציע פון די „פועלי-ציון”-לינקע. הגם זי האט אין די לעצטע עטלעכע יאר פאר דער מלחמה שוין נישט עקזיסטירט, האט זי א געוויסן צייט-אָפּשניט, פּאָזיטיוו געווירקט ביים אנטוויקלען דעם באוווסטזיין פון איר יוגנט. קיין גרעסערע השפעה אויף דער שטאָט האט זי נישט געהאט.

אין אלגעמיין קען געזאגט ווערן, אז די יוגנט האט זיך פּאָליטיש ארגאניזירט לויט איר קלאסן-כאראקטער. אזוי האבן די גרעסטע טייל ארבעטער-קינדער געהערט צום „פאראיין”; די מיטעלערע שיכטן און קינדער פון „בעלי-בתישע”-עלטערן — צום „החלוץ”, וועלכער איז געווען צוזאמען מיט דער „פועלי-ציון” (צ.ס.) קינדער פון די מער רייכערע שיכטן, האבן בכלל נישט געהערט צו קיין אָרגאניזאציע; ס'איז זיי נישט אָנגעשטאנען צו זיין מיטן „פעבל” און פאר זיך אויפשטעלן עפּעס אן אָרגאניזאציע, זענען זיי נישט געווען פעאיק.

אן אויסנאם שטעלט נאָר פאָר מיט זיך די רעוויזיאניסטישע אָרגאניזאציע, וועלכע האט גרופּירט ארום זיך א מאָדנעם ערב-רב פון אלע שיכטן, אָן וועלכן עס איז ממשות'דיקן פּאָליטישן באוווסטזיין.

דאס איז נוגע דער יוגנט. די עלטערע זענען אויך געווען אָרגאניזירט, אבער אין ריין-ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, אָן א פּאָליטישן כאראקטער. אזוי, למשל, האבן די בעלי-מלאכות געהאט זייער האנטווערקער-פאראיין, וועלכער האט פיל געטאָן פארן הויבן דעם זעלבסטבאוווסטזיין פונעם בעל-מלאכה. איבערהויפּט איז די ארבעט פון האנטווערקער-פאראיין באשטאנען אין אָרגאניזירן הילף פאר די אָרעמע און נויטבאדערפטיקע בעלי-מלאכות און ביים ווילן פארשטייער צו דער קהילה און שטאָט-ראט.

עס האט אויך עקזיסטירט א קליינהענדלער-פאראבאנד, וועלכער האט אָרגאניזירט א גמילות-חסדים-קאסע און א פאלקס-באנק.

די אלע אויבן-דערמאנטע אָרגאניזאציעס, האבן געפירט, מער אָדער ווייניקער, א לעבהאפטע ארבעט, אָבער אומעטום האט געהערשט די גוטע מידה פון קעגנזייטיקער הילף.

אחוץ א צוויי-דריי פערזאנען, וועלכע האבן ביי די אלע ארבעטן קודם-כל און זיינען געהאט זייערע אייגענע אינטערעסן און אמביציעס, האבן, בדרך כלל, אלע, וועלכע זענען געשטאנען אין שפּיץ פון די א. ד. אָרגאניזאציעס געארבעט לשמה. דאס איז איצט ספּעציעל כדאי צו פארצייכענען נאכדעם, ווי די מענטשן זענען פארשניטן געווארן דורך דער מערדערישער, היטלעריסטישער האנט.

יהי זכרם ברוך.

דער „קלוב“

*

אריה שטונצייגער

דער קלוב" — אזוי האבן די קראסניסטאווער יידן גערופן דעם לאָקאל, וווּ ס'האט זיך געפונען די יידישע שטאָטישע ביבליאטעק אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ.

די דאזיקע ביבליאָטעק, וועלכע האט אין דער לעצטער צייט שוין געציילט אנדערטהאלבן טויזנט יידישע און העברעאישע ביכער — ווערק פון יידישע קלאסיקער און איבערזעצונגען פון די בעסטע שאפונגען פון דער אייראפעישער ליטעראטור — האט אדורכגעמאכט א ריי גילגולים, ביז זי האט געפונען איר ריכטיקן תיקון אין „קלוב".

געווען איז זי א ירושה פון די ערשטע שטעטלדיקע משכילים, אבער נאכדעם ווי דער גרעסטער טייל פון זיי האט אויסגעוואנדערט מעבר לים און א טייל האט חתונה געהאט און אריינגעטאָן געווארן אין עול פון דאגות פרנסה, פארגעסנדיק אָן זייער קולטורעלער טעטיקייט, האט די דאזיקע ביבליאָטעק זיך געוואלגערט אונטער די בעטן פון פארשיידענע יונגעלייט. ביז עס איז ווידער אויפגעשטאנען א נייע גרופע קולטור-טוער און דאן איז די ביבליאָטעק איינגעאָרדנט געווארן „ביי רויזען".

„ביי רויזען" האט מען גערופן דעם לאָקאל פון דער ביבליאָטעק, אויפן נאמען פון דער אלטער יידענע, ביי וועמען מען האט אפגעדונגען איר צימער, איבערלאָזנדיק פאר איר א קליין ווינקל, פארהאָנגען מיט א ווייס ליילעך, וווּ זי האט געהאט שטיין איר בעטל.

פון צווישן די, וועלכע האבן ווידער אויפגעשטעלט די ביבליאָטעק און מיטגעווירקט צו איר אנטוויקלונג, דארף דערמאנט ווערן דער פאָרזיצער, מענדל רייכמאן ע"ה. כאָטש א גאַרפּאטער, דאָך זייער אן ענערגישער מענטש. און דער סעקרעטאר — משה פרעכטער — דעם שטאָט-חזנ'ס זון.

אין יענער צייט האט די ביבליאָטעק א סך אויפגעטאָן, ווירקנדיק אויך צווישן דער בית-מדרש-יוגנט. די ווערק פון סמאָלענסקין, א. מאפו, פרץ, מענדעלע און שלום עליכם, האבן זיי ארויפגעפירט אויף די שליאכן פון מאָדערנעם יידישן לעבן. די יידישע מיידלער

האבן א דאנק דער ביבליאָטעק באקומען א קולטורעלע, יידישע דערציאונג, וואס האט זיי פארהיטן פון אסימילאציע. די דאזיקע ביבליאָטעק איז אויך געווען די הויפט-דערציערין פון דער ציוניסטישער יוגנט.

די גרינדער פון „קלוב" און די הויפט-אָרגאניזאטאָרן פון החלוץ-הכללי און פוע"צ (צ. ס.)-פארטיי אין קראסניסטאוו.

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: חיים מאיר פערלמוטער, ישעיהו שטעמער, משה בלאט.
עס שטייען: שלמה קערפעל, אריה שטונציגער, מאיר זייפער, מאיר דרעשער און גרשון שטערן.

שפעטער האט די ביבליאָטעק אריבערגעוואנדערט אין א נייעם לאָקאל, ווו עס האט זיך קאנצענטרירט די אלגעמיין-ציוניסטישע יוגנט. ער דארף אויך דערמאנט ווערן די ביבליאָטעקארין, הדסה פייערשטיין ע"ה, וועלכע האט א סך בייגעשטייערט צו דער ציוניס-טישער און קולטורעלער ארבעט צווישן די מיידלעך, קאָנטינואירנדיק די ארבעט, וואס איז נאך פריער אנגעהויבן געווארן דורך אסתר מיימאן, וועלכע האט עמיגרירט קיין קאנאדע.

אויסער די שוין דערמאנטע מענדל רייכמאן און משה פרעכטער, האבן אין דער ביבליאָטעק אקטיוו זיך באטייליקט: הדסה פייערשטיין, משה דרייבלאט, שלמה-שיע ווייסער, ישראל און לייבל אייזנבערג, ישראל פעכטער, לייבל שטיין און אנדערע.

ווען די גרופע איז געווארן עלטער, האט זי אנגעהויבן זארגן וועגן א נייעם דור, וואס זאל ווייטער ציען דעם ציוניסטישן און קולטורעלן פאָדעם. זיי האבן דעריבער גע-האלפן שאפן דעם „החלוץ הכללי", וועמענס גרינדער, וואס איז אויך ביזן חורבן געשטא-נען אין שפיץ פון דער ארבעט ביי דער יוגנט איז געווען גרשון שטערן, שפעטער איז צוגעקומען

אין דער אָרגאַניזאַציע אריה שטונציינגער, וואס איז ביזן חורבן געווען דער סעקרעטאַר אויסער די ביידע האבן אין דער ארבעט אקטיוו אנטיילגענומען די חברים: חיים פערל־מוטער, יחזקאל שטערן, משה בלאַט, שיינדל פרעכטער, אהרן שאַק, שלמה קערפעל, מענדל אייזנבערג, בנימין שמאראגד, משה רייכמאַן, מאיר זייפער, מאיר דרעשער, דבורה לערער, ברוך־לייב פייערשטיין און אנדערע.

די ראזיקע גרופּע, פון וועלכע א סך זיינען אלס חלוצים עולה געווען קיין א"י, א טייל האט אויסגעוואנדערט אין אנדערע לענדער און א טייל איז טראגיש אומגעקומען

קלוב־לאָקאל — דער בופעט.

אויפן בילד (פון רעכטס אויף לינקס): מרים יונגמאן, אריה שטונצייגער, חיים מאיר פערלמוטער, הערש זילבערמאן און לאלע פערלמוטער.

צוזאמען מיט דער עדה יידן פון שטאט — איז געווען דער רוח החיים פון דער ציוניס־טישער און קולטורעלער טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט אין דער שטאַט.

דער דאָזיקער גרופּע קען מען צושרייבן דעם הויפּט־פארדינסט ביים שאפן אן עכטע ציוניסטישע אטמאָספער צווישן דעם יונגן דור אין דער שטאָט, אנהויבנדיק פון 1932 יאר ביזן אנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואס איז געווארן דער סוף פון פוילישן יידנטום און אויך דער סוף פון יידיש־לעבן אין קראסניסטאוו.

דער פאַרבאַנד „אהבת אחים“

*

הערשל זיצער

אַלס איינער פון די געציילטע לעבנגעבליבענע קראסניסטאווער יידן, וויל איך געבן מיין ביישטייער צו דעם ספר הזכרונות פון הרוב געווארן יידיש לעבן ביי אונדז אין שטאָט. איך וויל דא דערמאָנען די גרופע פראָגרעסיווע יונגעלייט, וועלכע האבן זיך אין די לעצטע 10 יאָר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָרגאניזירט אונטער דעם נאָמען „אהבת אחים”.

לויט דער איניציאטיוו פון די אומגעקומענע חברים ישראל וואַרמאַן, אברהם זייפער און דעם שרייבער פון די שורות, איז דער חברישער פאַרבאַנד געשאפן געווארן אין יאָר 1930. פינצטערע וואָלקנס האבן זיך שוין דאן אנגעהויבן אנרוקן אויף דעם פוילישן יידנטום. דער אנטיסעמיטיזם אין פוילן, וואס האט מיט א פארשטארקטער קראפט אנגעהויבן זיך פארשפרייטן איבעראַל, האט ביי אונדז, אין קראסניסטאוו, געשלאָגן טיפערע וואָרצלען, ווי אין א סך אנדערע ערטער. די סבה דערפון איז געווען דאס, וואס אין קראסניסטאוו האבן געוווינט ווייניק יידן — בסך הכל א 10—12 פראָצענט פון דער אלגעמיינער שטאָטישער באפעלקערונג. און אויך צוליב דעם האבן די קראסניסטאווער יידן געהאט א קליינע רעפרעזענטאנץ אין די שטאָטישע קאָמונאלע אינסטיטוציעס און די אנטיסעמיטן האבן געטאָן אלץ, וואס זייער הארץ האט געגלוסט. די קראסניסטאווער שווארצע רעאקציע, איז געווען באקאנט אין דער גאנצער געגנט מיט איר שטארקער שנאה צו אלץ, וואס איז יידיש. מען דארף אונטערשטרייכן, אז ווען אין די שכנות'דיקע שטעטלעך, ארום קראסניסטאוו, האט זיך נאָך געפונען א קליינע צאָל יידן ביז דער צווייטער העלפט פון יאר 1943, איז קראסניסטאוו שוין אין דער ערשטער העלפט פון 1942 יאר, געווען „יודענריין”.

אין די פאר'מלחמה'דיקע יארן, האט זיך דער נאטשאלניק (עלטסטער) פון קראסניסטאווער שטייער־אמט, דראָזדאָווסקי, בארימט געמאכט אין גאנצן קרייז אלס סאדיסטישער שונא ישראל; ער האט מיט דער הילף פון דער שטייער־פרעס, עקאָנאָמיש רואי-

נירט פיל יידישע קליינהענדלער און בעלי־מלאכות. באַזונדערס שווער זענען געטראָפן געוואָרן די יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס אנגעהויבן איינאָרדנען ביי מסחר, אָדער מלאכה.

דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָט באַוויזן די יונגעלייט זיך צו אָרגאַניזירן, בכדי דורך קעגנזייטיקער זעלבסטהילף צו קענען עקאָנאָמיש זיך שטעלן אויף די פיס.

קיין אָרגאַניזאַציע פון פּאָליטיש־פּאַרטייאישן כאַראַקטער, האָט מען נישט געקענט שאַפן, ווייל צווישן דער גרופּע האָבן זיך געפונען אָנהענגער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע שטרומונגען, הגם דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען ציוניסטן. אויסער דעם, האָבן די דאגות פרנסה אָפּגעשטעמפּט ביי פיל דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין און א גרויסן טייל געמאַכט פּאָליטיש אומדיפערענט. די אָרגאַניזאַציע „אהבת אחים", ווי אַן אַפּאָליטישע, האָט דערמעגלעכט דאָס צוזאַמענלעבן פון אַלע מיטגלידער, אויף חברישע יסודות און קעגנזייטיקער הילף. די דיסקוסיעס, וועלכע מען האָט צווישן זיך געפירט, הגם זיי זענען געשטאַנען אויף א הויכן ניוואָ, האָבן אָבער קיינמאָל נישט דערפירט דערצו, אז עס זאָלן זיך צופיל צעשפּילן די ליידנשאַפטן און די פריינטשאַפט איז אויף ווייטער אָנגעהאַלטן געוואָרן.

די געזעלשאַפט „אהבת אחים", האָט אָפט איינגעאָרדנט אויגטן און אויך צוזאַמענקונפטן אין די שבתים און ימים טובים, בכדי צו פאַרברענגען אין א היימישער סביבה. געציילט האָט די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע קרוב הונדערט חברים.

צווישן די אומגעקומענע יידן פון קראַסניסטאַוו, האָבן זיך געפונען פאָלגנדע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע „אהבת אחים":

ישראל וואַרמאַן	און פרוי	שלום זינגער	
אברהם זייפער	,, ,,	יאָסל שניידער	און פרוי
ישראל פעכטער	,, ,,	דוד פעלין	,, ,,
בענטשע ראָזנבלאַט	,, ,,	שמואל פלעשלער	,, ,,
לייבל שטיין	,, ,,	מענדל בינדער	,, ,,
שלמה יהושע ווייסער	,, ,,	דוד זילבערצאַן	,, ,,
בצלאל האָפמאַן	,, ,,	שלמה זילבערליכט	,, ,,
אברהם פעכער	,, ,,	מאָטל פישלער	,, ,,
ברוך יונה פערלמוטער	,, ,,	משה דרעקסלער	,, ,,
שמואל פערלמוטער	,, ,,	מענדל רייכמאַן	,, ,,
יהושע זיצער	,, ,,	יהושע צוקער	,, ,,
דוד בוימפעלד	,, ,,	משה קערפעל	,, ,,
איטשע בלאַט	,, ,,	משה ליסטהויז	,, ,,
משה דרייבלאַט	,, ,,	מעכל לערמאַן	,, ,,
זיינוול מיטלמאַן	,, ,,	יצחק צוקער	,, ,,
ישכר ראָזנבלאַט	,, ,,	שמחה בוים	,, ,,
ברוך הערש לופּט	,, ,,	מאָטל פייערשטיין	,, ,,
יוסף מערנשטיין	,, ,,	ישראל אייזנבערג	,, ,,

על פי צופאל לעבנגעבליבענע מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע, און זייערע פאמי־ ליעס, זענען פארבליבן:

הערשל זיצער,	אהרן לערנער,
לייזער קאָרנפעלד,	בערל בוכבלעטער,
יצחק בערגערמאַן,	ברוך הארטשטיין.

על פי צופאל לעבנגעבליבענע מיט זייערע פאמיליעס:

משה רייכמאַן,	אשר שאַק,
מענדל ראָזנצווייג,	ישראל פערלמוטער.

די געזעלשאפט „אהבת אחים" האט געגרינדעט א גמילות חסדים קאסע, ווו יעדער מיטגליד האט געקענט באקומען אן אנפראצענטיקע הלוואה אין א שווערן, פינאנסיעלן מאָמענט. עס איז אויך געווען א ספעציעלע, אזוי גערופענע, „ראטגעבערישע קאָמיסיע", וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו העלפן מיט אן עצה, אָדער וורידישער הילף די חברים. ביי דער געזעלשאפט האט זיך אויך געפונען אן ערן־געריכט, וועמענס אויפגאבע ס'איז געווען אויסצוגלייכן סיכסוכים פון פארשיידענעם כאראקטער צווישן חברים און אין פיל פאלן זיך פארנעמען מיט בוררות ביי האנדלס־סיכסוכים.

מצד דער „אהבת אחים"־געזעלשאפט זענען אויך געוויילט געווארן אין דער קהילה: אברהם זייפער און דוד בוימפעלד און אין שטאט־ראט: שלום זינגער. די דערמאנטע פארשטייער האבן אָבער געגאָסן דעם צומרוי פון א פיל ברייטערן קרייז מחוץ דער אָרג. „אהבת אחים".

א באזונדער קאפיטל איז ווערט צו ווידמען די אָפטע חברישע צוזאמענקונפטן ביי פארשידענע חברים. עס איז געווען א ווארעמע, פריינטלעכע סביבה. מען פלעגט זיך צוזא־ מענטרעפן מערסטנטייל ביי ישראל ווארמאן, אָדער ביי אברהם זייפער, וו מען האט פאר־ בראכט פריילעך, געמיטלעך און קולטורעל.

דאס הארץ ווערט צעריסן ממש אויף שטיקער, ווען איך דערמאָן זיך די טייערע, איבערגעגעבענע חברים, ליכטיקע נשמות און איבערגעגעבענע פריינט, ווי אויך זייער האר־ ציקע צוגעבונדנקייט פון איינעם צום צווייטן.

איך מוז ספעציעל דערמאָנען דעם „יודנשטאטלער" בענטשע ראָזנבלאַט און זיינע אייביקע דיסקוסיעס מיטן „לינקן" שלמה יהושע ווייסער, וועלכע זענען געשטאנען אויף זייער א הויכן ניוואָ. ביי דער געלעגנהייט מוז איך אויך דערמאנען דעם אָנדענק פון מיינע אינטימע פריינט: ברוך יונה פערלמוטער און ישראל פעכטער. דאס זענען געווען ליכטיקע, לויטערע נשמות און א פנים.

בענטשע ראָזנבלאַט האט באזונדערס שווער געליטן באלד ביים אנהויב פון דער דייטשער אָקופאציע, ביים צוזאמענארבעטן מיט אנדערע יידישע פארשטייער אין קראָס־ ניסטאוו. דאן האט מען נאָך געגלייבט, אז מיט געלט וועט מען זיך קענען אויסקויפן פון די משחיתים און לינדערן די נויט פון די יידן אין שטאָט.

כ׳וועל דערמאָנען אַ פאַקט פון דייטשן סאַדיזם און פון די מאָראַלישע ליידן, וואָס בענטשע ראָזנבלאַט האָט דאָן געהאַט.

דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1939 יאָר. אַרום 12 ביינאַכט, ווען איך מיט מיין פרוי און קינדער זענען שוין געשלאָפן, האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ האַסטיק קלאַפּן אין טיר. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען דייטשן. אין גרויס שרעק האָב איך אויפגעמאַכט די טיר. עס איז אַריין אַן ס. ס.-אָפיציר מיט צוויי דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט זיך מיטגעפירט בענטשען. אַ טויט-בלאַסער וויל בענטשע עפּעס זאָגן, ער קען אָבער נישט עפענען דאָס מויל פאַר שרעק. דערזעענדיק די שרעק אין די אויגן פון מיין פרוי און קינדער — איז אים דאָס מויל פאַרשלאָסן געוואָרן. מיין פרוי האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער און דערמיט אים דערמינטערט.

דער ס. ס.-אָפיציר האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אים: יודע! שפּרעכן! ווען נישט, ווערסטו גלייך דערשאָסן!

מיט גרויס מי ווענדעט זיך דאָן צו מיר בענטשע:

— הער זיצער, מאָרגן פרי מוזט איר גלייך קומען אין די קאַזאַרמעס און מיט-ברענגען דאָס גאַנצע געלט; אין קעגנפאַל וועט איר דערשאָסן ווערן.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט בענטשע געמוזט גיין פון שטוב צו שטוב אין די יידישע הייזער, בכדי איבערצוגעבן דעם דאָזיקן באַפעל. ווען די דייטשן זענען אַרויס האָבן מיר לייכטער אָפּגעאָטעמט, איבערגעקומען דערוויל גאָר מיט שרעק. מיר זענען אָבער געוואָרן שטאַרק צוזאַמענגעבראַכן דערמיט, וואָס דווקא בענטשע האָט געדאַרפט זיין דער, וועלכער זאָל געצוווּנגען ווערן צו ברענגען די יידן דעם רויבערישן דייטשן באַפעל.

די געזעלשאַפט „אהבת אחים” האָט אַלץ געטאָן, בכדי צוזאַמענבינדן אירע חברים. צוליב דעם האָט מען אַפילו געגרינדעט אַ אייגן בית-התפילה, וווּ אונדזערע חברים ברוך-יונה פערלמוטער, בצלאל האָפמאַן און אַנדערע, פלעגן ווייזן באמת פיינע קענטענישן אין חזנות און ישראל פעכטער פלעגט מהנה זיין דעם עולם מיט פּרעכטיקע רעליגיעזע און פאָלקסטימלעכע לידער און ניגונים. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז אַפילו חסידים פלעגן ספּעציעל קומען צו אונדז הערן שיין דאַווענען פון אונדזערע „חזנים”.

און די אויף אייביק פאַרשאָלטענע היטלער-בעסטיעס מיט דער הילף פון פּאָליאַקן און אוקראַינער, האָבן אויף אייביק פאַרניכטן אַזאַ חברישע, אינטימע און פריילעכע סביבה.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

יידישע האנטווערקער אין קראסניסטאוו

*

אריה שטונצייגער

געוויינלעך ווארפט מען יידן פאר, אז זיי זענען א פאלק פון סוחרים, פארמיטלער און האבן פיינט צו ארבעטן. אבער הווקא קראסניסטאוו איז געווען א בולטער באווייז, אז יידן האבן ליב ארבעט און קענען זיין אויסגעצייכנטע האנטווערקער און בעלי־מלאכות.

פערציק פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג אין קראסניסטאוו, האט זיך פארנומען מיט האנטווערקעריי און מלאכה: שניידער, שוסטער, שמידן, רימער, טאפּעצירער, סטאָלער, מאלער א. אנד. פאכן, דאס זענען געווען די הויפט־באשעפטיקונגען פון דעם איבערוויגנדן טייל פון דער יידישער באפעלקערונג אין קראסניסטאוו. חוץ דעם זענען יידן געווען באשעפטיקט אויך ביי נים־קוואליפיצירטע ארבעטן, ווי צ. ב.: וואסער־פירער, בעלי־עגלות, מיל־ארבעטער, פאבריקס־ארבעטער (אין פעכער'ס מעבל־פאבריק), ווי אויך האנדלס־אנגעשטעלטע, בוכהאלטאָרן א. ד. גל.

אזוי ארום האט דער רוב מנין ורוב בנין פון דער יידישער באפעלקערונג אין ק. געפירט אן ערלעכן, שווערן, האָרעפּאשנעם לעבן. פארשטייט זיך, אז דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען גרויסע אָרעמעלייט, וואס האבן קוים פארדינט אויף חיונה.

נים קוקנדיק אויף די שווערע לעבנס־באדינגונגען, האבן די האזיקע יידן געזארגט פאר זייערע גייסטיקע הצטרכות'ן. אינעם אָרעמען קווארטאל — „די גראָבליע" — האבן זיי געהאט א באזונדער בית־המדרש. די עלטערע בעלי־מלאכות זענען געווען ארגאניזירט אין א האנטווערקער פאראיין און די ארבעטנדיקע־יוגנט אין א פראָפעסיאָנעלן פאראיין. דער עלטערער דור איז טאקע נישט געווען אויף אזויפיל אנטוויקלט, בכדי צו פירן א קאמף פאר אויסבעסערן די עקאָנאָמישע לאגע מיט דער הילף פון מאָדערנע מיטלען. דאָך, אָבער, האבן זיי, אויף זייער אופן, געקעמפט פאר זייערע רעכט און פאר א דעמאָקראטישער באציאונג צו זיי.

נישט זעלטן פלעגט דער „קאמף" זיין אביסל קאָמיש. אזוי צ. ב. פלעגט מען

זיך קריגן אין בית־המדרש איבער „מפטיר יונה", איבער אנ'אנדער „פעטער" עליה, איבער א שענערער „הקפה" שמחת־תורה, אז דאס זאל אריינפאלן צום פשוט'ערן און ארע־מערן ייד. די אָרעמע בעלי־מלאכות האבן אפילו געהאט אן אייגענעם רבי, דעם א. ג. טורבינער רבי. איך געדענק, אז כ'האב אמאל געפרעגט איינעם א דאָראָזשקאזש, וואס איז אגב גארנישט געווען אזא פרומער, נאך וואס ער דארף א רבי'ן, האט ער מיר געענטפערט אויף זיין פשוטן לשון: „זיי, די יאָלדישע נשמות, דארפן א רבי'ן און מיר נישט? — מיר

שמואל זאלצמאן ביי זיין שוסטער ווארשטאט
אין קראסניסטאוו און נעבן אים זיין טעכטערל

מוזן אויך האבן א רבי'ן". די לאָגיק איז אפשר א ביסל א קאָמישע, זי דרינגט אבער ארויס פון דער שטרעבונג, לכל הפחות, גייסטיק צו שטעלן זיך גלייך מיט די „שיינע יידן", וואס „האבן אויך א רבי'ן".

דער האנטווערקער פאראיין האט אנטוויקלט א טעטיקייט אויפן געביט פון פארבעסערן די עקאָנאָמישע באדינגונגען פון די בעלי־מלאכות, פאר קעגנזייטיקער הילף. ער האט אויך און אָרגאניזירטן אופן געקעמפט פאר אן אייגענער פארשטייערשאפט אין דער קהילה און אין שטאָט־ראט. דער בעלי־מלאכה האט נישט געוואלט זיך ווענדן צום רייכן „שיינעם ייד", נאר האט

געשטרעבט צו האבן א גאָענטן מענטש, צו וועמען ער זאל קענען פריי רעדן און הערלי־דיקן זיינע ענינים.

איך וויל דאָ דערמאָנען צוויי נעמען פון האנטווערקער, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פשטות. ערלעכקייט און אויסערגעוויינלעכן סאָלידאַריטעטס־געפיל מיט די אָרגאַניזירטע ארבעטער־פאראיינען, דאס זענען: שלמה־יהושע ווייסער און יונה מאנדלטאָרט.

שלמה־יהושע ווייסער — פון פאך א מאלער, אליין אָרעם, שטענדיק באשעפטיקט ביי שווערער ארבעט, אָבער זייער א פּעאיקער, מיט אן איינגעבוירענער אינטעליגענץ און א ספרא־רבא — איז געווען דער סעקרעטאַר פון האנטווערקער־פאראיין. ער האט זיך קיינמאל נישט געשטופּט אויף בכבודיקע אמטן פון א דאָזאָר אדער א ראטמאן, אבער שטענדיק האט ער געפונען צייט פאר א חבר, אים צו העלפן אין א נויט, מאן א טובה, מיט אן אפּענער האנט, נישט קליינלעך, פלעגט ער שטענדיק העלפן א חבר, א בעל־מלאכה, ווען יענער האט באדארפט שרייבן א „פּראָשעניע" (בימע) אן געלט א. ד. גל. מיטן גאנצן הארץ און איבערגעגעבנקייט, פלעגט ער ארויסהעלפן די חברים און שטענדיק האט מאָן מיט א לייכט געמיט און מיט א גוטמוטיקער איראָניע, נישט בלאָזנדיק פון זיך.

יונה מאנדלטאָרט, א פעלדשער, וועלכער האט אין פארגלייך מיט אנדערע בעלי־מלא־כות, זיך גערעכנט פאר א פארמעגלעכערן, איז געווען דער פרעזעס פון האנטווערקער־פאראיין. ער פלעגט היילן קראנקע, ארעמע קינדער און דערוואקסענע, נישט רעכנענדיק זיך קיינמאל מיט דעם געצאָלטן. אָפט מאל פלעגט ער אליין, ניט־גערופענערהייט, גיין צו אן אָרע־מען קראנקן.

די אָרעמע האבן צו אים געהאט מער צוטרוי, ווי צו א דאָקטאָר. מראָץ דעם, וואס ער האט זיך גערעכנט פאר אן אינטעליגענט — האט ער נישט פארמאָגט קיין טראָפּן גאווה אין זיך און איז געווען אויף „דו" מיט יעדן ארבעטס־מענטש. א שטילער און ערלעכער מענטש, וועגן וועמען קיינער האט נישט געקענט זאָגן א שלעכט וואָרט.

צוויי וווּנדערבארע טיפּן, מיט ריינע נשמות, וואס האבן געהאט א סך מיטגעפיל פאר די ליידן פון א חבר. זאלן די פאָר שורות זיין פאר זיי א באשיידענע מצבה. ביידע זענען אויף א גרויזאמען אופן דערמאָרדעט געווארן דורך די דייטשע מערדער, צוזאמען מיט דער גאנצער יידישער באפעלקערונג פון קראסניסטאוו.

ה' ינקום דמם.

די קינדער פון די בעלי־מלאכות, האבן אין גרעסטן טייל אויך געארבעט צוזאמען מיט זייערע עלטערן ביי זייערע פאכן, אדער האבן זיך געלערנט אן אנדער פאך ביי א צווייטן האנטווערקער; אויסער א פאָר געציילטע בעלי־מלאכות — פארמעגלעכע — וואס האבן געלאָזט זייערע קינדער שטודירן.

די דאזיקע יוגנט האט זיך ארגאניזירט אין א פראָפ. פאראיין פון „נאָדל־ארבעטער און קרובישע פאכן", וואס האט פאקטיש ארומגענומען אלע יוגנטלעכע ארבעטער.

די „בעלי־בתישע־קרייזן", ד. ה. דער מיטל־קלאס און די סוחרים, האבן געקוקט אויף א בעל־מלאכה מיט ביטול, דעריבער האט די ארבעטער־יוגנט געלעבט כמעט אינ־גאנצן אפגעזונדערט פון דער איבעריקער „באלעבאטישער" יוגנט. די ארבעטער־יוגנט האט

פאַרמאָגט אַ טיפן אינערלעכן שטאָלץ, איז געווען באַוווסטזיניק, ליגק געשטימט, רעוואָלוציאָנער און האָט זיך געריסן צום וויסן. מיט אָרעמע, באַשיידענע מיטלען — אָפּשפּאָרנדיק פון עסן — האָבן זיי געשאַפן אַן אייגענע ביבליאָטעק, אָרגאַניזירט זעלבסטבילדונגס-קרייזלעך און האָבן געהאַט אַ סך פאַרדינסטן פאַר הויבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער אַרבעטנדיקער יוגנט. אין אומגעהויער שווער לעבן האָט די ראַזיקע יוגנט געפירט: אַ לעבן פון שווערער אַרבעט און נויט מיט ווייניק יוגנט-פרייד. די אַרבעטער-יוגנט האָט געחלומט וועגן אַ בעסערן מאָרגן און האָט אין אים געגלויבט. דער גרויזאַמער מערדער האָט פאַרשניטן דאָס יונגע לעבן פון די מערסטע פון זיי, נאָר געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק קיין ראַטן-פאַרבאַנד.

כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

חדרים

פונקט ווי אלע יידישע שטעטלעך אין פוילן זענען אויך אין קראסניסטאוו געווען געגנוג חדרים מיט פארשיידענע מלמדים; „דרדקי־מלמדים”, וואס האבן געלערנט פון אלף־בית ביז חומש; „חומש־רשי־מלמדים” — וועלכע האבן שוין אויך אנגעהויבן לערנען מיט זייערע תלמידים גמרא, „המניח את הכד”, אָדער „ארבעה אבות נזיקין”. און צולעצט „גמרא־מלמדים”, וואס האבן געלערנט „גמרא מיט תוספות” און אויך אריינגעכאפט א שטיקל יורה דעה מיט די תלמידים־קאנדידאטן אויף רבנים.

די ארטיקע פראפעסיאנעלע מלמדים זענען געווען נאר די „דרדקי מלמדים” און טיילווייז אויך די „חומש־רשי־מלמדים”. דאקעגן די „גמרא־מלמדים”, האבן זיך שוין רעקרוטירט אדער פון א פאראָרעמטן ייד, א וויל־לערנער, וואס האט פארלוירן זיין פרנסה ביים מסחר, אָדער פון סתם אן אַמאַטאָר, וואס האט געזוכט א זייטיק פארדינסטל ביי א פּאָר פארמעגלעכע גמרא־בחורים.

אין קראסניסטאוו זענען געווען צוויי הויפט דרדקי־מלמדים: ר' משה מלמד, פאר דער „גראבליע”, און ר' לייזער מלמד — פאר דער „שאטש”. ר' משה איז אויך געווען דער תלמוד־תורה־מלמד, ביי וועמען ס'האבן געלערנט קינדער פון די אָרעמסטע שיכטן אין שטאָט. שכר־לימוד האט אינגאנצן, אדער טיילווייז, געצאָלט די תלמוד־תורה, וועלכע איז געפירט געווארן דורך די צוויי הויפט־גבאים: בן־ציון האלפערן און יהושע'לע וויזנבערג.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען זיך צו לערנען כמעט ביי אלע מלמדים אין שטאָט: ביי ר' משה'ן און אפילו ביי דעם בייזן ר' מאָטעלע, א דרדקי־מלמד, וועלכער האט געהאט א ווילדע הנאה אויסצוקנייפן שטיקער פלייש ביי די קליינע קינדערלעך, און האָט, מעשה שטן, שטענדיק געטראפן צו קנייפן חווקא די אָרעמע קינדער. ביי „הערש משיח” — דעם חומש־רשי־מלמד און ביים מורה־הוראה און ביי א גאנצער ריי אנדערע מלמדים־אמאטאָרן. דער ליכטיקסטער אָנדענק אבער איז געבליבן פון ר' משה'ן, ביי וועמען איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע חדר־טריט, אלט־זייענדיק בערך 4 — 5 יאָר.

געווען איז דאס א שטילער ייד, גיט קיין אלטער מאן, מיט אן אָפּגעצערט, בלאַס פּנים, א שווארצער באָרד און א פּאָר גוטע, עטוואס מאטע אויגן, אין וועלכע ס'איז געלעגן עפּעס א מאָדנער אויסדרוק פון ליידן און אויפרעגונג. איך געדענק, אז שוין שפּעטער, ווען איך בין געגאנגען אין דער פּוילישער שול, האב איך אייגעפונען, אז דאס קריסטוס-בילד מיטן דערנער-קרוין, וואס איז געהאנגען אויף דער שול-וואנט, איבערן לערערס קאָפּ — איז געווען אויסערגעוויינלעך ענלעך צו מיין רבי'ן, ר' משה. דאס האָט פלעגט מיר שטענדיק קלאפּן ביים מאכן דעם „אפּיקורסישן" פארגלייך. איך פלעג זיך אבער נישט קעגן דערפון באפרייען און צוליב דעם האט מיך אפילו קריסטוס אנגעהויבן ווערן ווייניקער שרעקלעך און ווידערוויליק, ווי געוויינלעך, יעדן יידישן קינד, וואס קומט אין א פּוילישער שול.

ר' משה האט זיך בכלל נישט אריינגעפּאסט אין די מעשיות וועגן בייזע מלמדים. ער איז געווען א גוטער מענטש, וואס האט זעלטן ווען געשלאגן א תלמיד. געוווינט האט ער אינעם האלב-איינגעפאלענעם הויז פון לייזער דעם קברן, אויף דער „גראבליע". אין די זומער-טעג פלעגן די קינדער זיך שפּילן א גאנצן טאָג אויפן הויף אדער אונטער דער וואנט פון חדר, ביים שטיביקן און בלאָטיקן גראבליע-וועג, אויף וועלכן עס האבן זעלטן זיך אויסגעטריקנט די קאלוזשעס. צו צוויי-ווייז פלעגט דער רבי ארייגרופן אלעמאָל די קינדער. און נאכדעם ווי דאס קינד פלעגט א 10—15 מינוט אָפּשרייען מיט אלע כוחות דעם „טראָף": ג — גו! ד — דו! ר — רו! פלעגט ער אים גלייך צוריק ווידער ארויסלאָזן אויפן הויף, בכדי אים צו פארבייטן מיט א צווייטן. אין די ווינטער-טעג פלעגן די קינדער זיצן אויסגעזעצט אויף דער לאנגער באנק ביי דער וואנט און שפּילן אין שוועבעלעך, אדער אין „ט ש יי כ ן". די רבי'צין, א שטילע יידענע, וועמענס קול מען האט קיינמאל נישט געהערט, פלעגט אין דער זעלבער שטוב זיך פּאָרען ביי דער ליימיקער קיך מיט דער „קאָפּע" און קאָכן קארטאָפל פארן רבי'ן. די קינדערס הילף פלעגט זי נאָר נוצן דאן, ווען זי האט באדארפן אָפּזייען די הייסע קארטאָפל. זי פלעגט האלטן דעם טאָפּ אין ביידע הענט און די קינדער פלעגן לויפן עפענען די טיר, בכדי זי זאל קענען ארויס אין „הויז" (קאָרידאָר) ארייַן מיט דעם פּאַרעדיקן טאָפּ.

א באזונדערע פרייד האבן מיר געהאט ווען מען פלעגט אנהויבן „גיין בייַנאַכט". נאָך חנוכה פלעגן די קינדער, וואס האבן שוין געלערנט „חיבור", ד. ה. חומש מיט א נאָרמאלער אויסטייטשונג פונעם טעקסט, אנהויבן גיין ביינאכט אין חדר. אין די אָוונט-שעה'ן האט מען געלערנט חומש „נאָך שני" ביז „אוים". דאמאלט פלעגן זיך די קינדער מאכן לאמטערנעס לויט אנ'אייגענער דערפינדונג: אין א פלאש, פון וועלכער ס'איז אויסגעהאקט געווארן דער דנא, האט מען צוגעפּאסט א העלפט פון א שוואקס-פּודעלע, אריינגעשטעלט א שטיקל ליכטל און ביי א שטריקל עס געטראגן אין האנט ביים גיין אין חדר. אין חדר איז דאמאלט געווען באזונדערס געמיטלעך. אויפן טיש, ארום וועלכן עס זענען געזעסן די חומש-יינגלעך, האט דער „עלפּער"-נאפט-לאָמפּ געווארפן א געלבלעכן שיין און דער רבי האט מיט דעם היימישן חדר-ניגון געלערנט די געשמאקע ווינטער סדרות פון ספר שמות.

נישט פיל אנדערש האט אויסגעזען דאס חדר פון ר' לייזער מלמד אין „שטאָט".

פונקט ווי ר' משה, האט ער געוווינט אין א האלב-איינגעפאלן הייזל, אויף דער קיילער-גאס. דער איינציקער צימער איז געווען פול מיט קינדער און טומלדיק, ווי ביי ר' משה'ן. ר' לייזער אבער, איז שוין געווען אן עלטערער, גרויער ייד, א בייזלעכער, וואס האט קיינמאל נישט ארויסגעלאזן דעם „קאנטשיק" פון האנט. זיין יחוס אבער איז באשטאנען אין דעם, וואס כמעט אלע „שיינע" בעלי-בתים אין שטעטל (פיל פון זיי שוין מיט באזילבערטע בערד), האבן ביי אים געלערנט. ר' לייזער האט אנגעהויבן לערנען מיט קינדער דאן, ווען ער איז נאך געווען גאר א יונגערמאנטשיק און האט, אן איבערייס, געלערנט צענדליקער יארן, ביזן טיפן עלטער. געשטארבן איז ער, אלט-זייענדיק העכער 70 יאר, ביים טיש, איגמיטן לערנען. ער האט אוועקגעלייגט דעם מידן, ווייס-גרויען קאפ אויפן סידור און איז איינגעשלאפן, ווי א קליין קינד מיט א מיתת נשיקה. די קינדער האבן געזען, אז דער רבי שלאפט, זענען זיי אלע ארויס אויפן הויף זיך שפילן. ערשט צו אוונט צו האבן די שכנים באמערקט, אז ר' לייזער איז איינגעשלאפן אויף אייביק.

פון א גאנץ אנדערן שניט איז געווען דער גמרא-מלמד ר' הערש, וועלכן מען האט, נישט ווייסנדיק פארוואס, גערופן „הערש משיח". דאס איז געווען א ייד אין די מיטעלע יארן, א דארער, מיט א שווארץ בערדל, אביסל צוגעשוירן. ער האט געהערט צו די „מאָדערנע" מלמדים. א גרויסער תנ"ך-קענער, האט ער דעריבער, אויסער גמרא מיט תוספות, געלערנט מיט זיינע תלמידים פיל תנ"ך. ווייזט אויס, אז דער תנ"ך, וועלכן ער האט אריינגעקנעלט מיט זיינע תלמידים, און צוליב וועלכן די חסידים אין שטאָט האבן אים געהאלטן פאר אן „אפיקורס" — איז געווען די סיבה, וואָס אלע זיינע תלמידים זענען אויסגעוואקסן הייסע חובבי-ציון און איבערגעגעבענע חלוצים. ער אליין איז יונג געשטארבן פון א לונגען-קראנקהייט. זיינע צוויי זין — משה און לייזער — לעבן אין ארץ-ישראל אין א קיבוץ.

אויסער די אויבנדערמאנטע דריי פראפעסיאנעלע מלמדים זענען נאך געווען א רייע האלב-אפיציעלע, וועלכע האבן מרביץ תורה בישראל געווען. פון זיי איז כדאי צו דערמאָנען ר' יעקעלע שטערן, א זייער אָרנטלעכער און קלוגער ייד, א סוחר, וואס איז פארארעמט געווארן און געלעבט פון די פארדינסטן פון זיינע צוויי זין: גרשון און יחזקאל און זיין טאכטער ברכה. אָבער בכדי נישט צו עסן „אומזיסט ברויט", האט ער געלערנט מיט עטלעכע „בעסערע" תלמידים.

ר' אברהם'טשע מאיר ווארשניטער האט געהאט א געוועלבל פון סאָדע-וואסער און די געשעפטן זענען געווען „לא עלינו'דיק"; האט ער אלס צוגאב געלערנט מיט א דריי-פיר ווויל-לערנער, מכלומרשט, נישט צוליב פארדינסט, נאָר בעיקר „פאר א מצווה וועגן".

ר' מענדל-מוראה, אן עלטערער, פרומער ייד, אָן פרנסה, האט אויך געלערנט מיט א פאָר רייכערע בחורים'לעך. דער שרייבער פון די שורות האט ביי די אלע מלמדים געלערנט.

איצט, נאָך יארן, ווען אלץ, וואס יידיש אין קראסניסטאוו, איז אויסגעראטן געווארן דורך דער היטלעריסטישער בעסטיע, פונקט ווי אין א סך שטעט און שטעטלעך אין פוילן, —טויכן אויף די הייליקע געשטאלטן פון אָט די שטילע און הארציקע יידן. זיי האבן

געלעבט באשיידן, אין אָרעמקייט און האבן געגלויבט אין זייער מיסיע איינצופלאנצן אין די הערצער פון יידישע קינדער דעם גייסט פון דער יידישער מאָראל. זיי האבן געלעבט כמעט ווי הייליקע; נישט געגעסן פון די הבלי עולם הזה; געגעסן א טרוקן שטיקל ברויט א גאנצע וואָך און נאָר לכבוד שבת געקויפט א לונג=און=לעבער, בכדי צו עסן פלייש.

אָט די הייליקע מענטשן האט היטלער דערקלערט אלס שולדיקע אין פראָוואָצירן דעם קריג. פון זייערע חדר=בענק זענען ארויס אזעלכע „קריגס=העצער", ווי ארטור זיגעלבוים, וועלכער האט פרייוויליק אוועקגעגעבן זיין לעבן, אלס פראָטעסט קעגן מלחמה און מאָרד. זייער בלוט שרייט פון דער ערד און קאָכט, פונקט ווי דאס בלוט פון זכריהו הנביא, פאָדערנדיק נקמה.

זאלן די באשיידענע שורות זיין א מצבה פאר זייערע, הייליקע נשמות און גופים, וועלכע זענען נישט געקומען צו קבר=ישראל.

תהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים.

בתי־מדרשים

די יידישע קהילה אין קראסניסטאוו איז נישט געווען גרויס. בסך הכל אן ערך פיר הונדערט פאמיליעס האט געציילט די יידישע באפעלקערונג. פונדעסטוועגן זענען געווען א ריי בתי=תפילות אין שטעטל. א חוץ די צוויי בתי=מדרשים — דאס „גרויסע", ווי מען האט עס גערופן אין שטאט, און דאס „גראבליע בית=מדרש", וואס איז — ווי דער נאמען אליין ווייזט — געשטאנען אויף דער גראבליע — זענען נאך געווען אייניקע חסידים=שטיבלעך און „מנינים".

דאס גרויסע בית=מדרש איז געווען א שיינע געמויערטע געביידע, אויפגעשטעלט איז זי געווארן נאך לאנג, פאר דער ערשטער וועלט=מלחמה. בשעתן קריג איז עס צוזאמען מיטן גרעסטן טייל הייזער פון שטאט חרוב געווארן און איז ווידער רעסטאווירט געווארן אין די צוואנציקער יארן.

א בית=מדרש אין א קליין שטעטל איז פאר יידן געווען נישט בלויז אן ארט צום דאווענען, נאר א בית=ועד, ווו דער פרומער, אלט=פרענקישער ייד האט זיך אויסגעלעבט אויך געזעלשאפטלעך. דארט האט ער שבת נאכמיטאג אויסגעהערט א דרשה פון א מגיד; דארט — פלעגט ער בין מנחה למעריב כאפן א שמועס וועגן „פאליטיקע", וועגן מסחר און וועגן סתם געזעלשאפטלעכע, שטאטישע ענינים. אין די שפעטערע יארן, פלעגט מען דארט, א חוץ די אסיפות וועגן פאריכטן די מקווה, וועגן חברה קדישא און וועגן א גבאי — אויך מאכן א ציוניסטישע אסיפה וועגן קרן קימת און קרן היסוד. ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואס דארט האבן זיך אפגעשפילט אלע אמביציעס פון פשוטן ייד פאר כבוד, פאר מזרח=וואנט, ששי א. אנד. „געזעלשאפטלעכע" כיבודים. יעדער ייד איז געווען פאראינטערעסירט אינעם בית=מדרש.

אין די ערשטע נאך=מלחמה=יארן, ווען דאס גרויסע בית=מדרש איז געווען חרוב, האבן פיל שטאטישע יידן געמוזט גיין דאווענען אינעם גראבליע בית=מדרש, וואס איז געווען דאס אייגנטום פון די ארעמערע שיכטן בעלי=מלאכות, וועלכע האבן בעיקר געוווינט אין דעם קווארטאל. אנדערע ווידער האבן געדאוונט אין טריסקער „שטיבל", און טאקע די

זענען עס געווען די ערשטע איניציאטאָרן פון צוריקאײַפשטעלן דאס שטאָטישע גרויסע בית־מדרש. געלט איז געווען ווייניק, האט מען דעריבער באשלאָסן, נאך די ערשטע אויפבוי־ארבעטן, גלייך צוטרעטן צום פארקויפן „שטעט", ד. ה. שטענדיקע פּלעצער, סיי פאר די מענער און סיי פרויען אין דער ווייבערשער שול.

אויף דער דאזיקער אסיפה האט זיך אפגעשפּילט דער אייגנארטיקער „קלאסן־קאמף" אינעם יידישן ציבור. צו יענער צייט האבן שוין אויך אין „שטאָט" (ד. ה. אין צענטר, אָפּצושיידן עס פון דער „גראבליע", דעם אָרעמען קווארטאל), געוווינט פיל מער פארמעגלעכע בעלי־מלאכות און זיי האבן עס באשלאָסן נישט צוצולאָזן די גאנצע מזרח־

דאָס קראַסניסטאַווער שטאָטישע בית־מדרש



אויפנאמע, געמאכט אין יאר 1947. דאס בית־מדרש איז פארוואנדלט געווארן אין א תבואה־מאגאזין פון דער „ספּולדזשעלניע"

וואנט פאר די „שיינע"־יידן. עס איז דערגאנגען ביז פּעטש, אבער געזיגט האבן די בעלי־מלאכה'שע „רעוואָלוציאָנערן"; און אפילו א גבאי האט מען אויסגעקליבן אן „עמך" — משה לעווקאָוויטש. עס האט נישט געהאָלפן די „שיינע" יידן. זיי האבן געוואלט אויפבויען א ניי בית־מדרש, בכדי נישט צו דארפן דאווענען אויף דער „גראָבליע", צוזאמען מיט די שניי־דער און שוסטער — אָבער אויך דאָ זענען זיי „נעבעך" באזיגט געווארן דורך עמך.

די טריסקער חסידים, וועלכע האבן זיך געהאלטן פאר „אריסטאָקראַטן",

האבן זיך קאנצענטרירט אין זייער „שטיבל". דאס איז געווען א האלב־איינגעפאלענע חורבה אין א זייטיק געסל, ביי „לייזערס טייכל", וואס האט געטראגן דעם נאָמען, ווייל דער־נעבן האט זיך געפונען ר' לייזער מלמד'ס חדר. דאס „שטיבל" איז אויך געווען דאס ארט פון די לערנער בחורים, וועלכע פלעגן דארט זיצן אין די אָוונטן ביי די גמרות און אין די הפסקות צווישן איין סוגיה און דער צווייטער, זיך ווארפן מיט האנטוכער און מאכן „פּאַנפּעס", דורך ארײנשטעקן עמיצן שטילערהייט, אונטערן קאָלנער, א שטיקל פּאפּיר און אונטערצינדן עס. מען האט אזוי לאנג געדרודערט, ביז עס איז ארײנגעקומען רפאל דער שמש, וואס האט געוווינט אין א שרעקלעך נאסן און חרובן קעלער אין א האלב־חרובן הויז און אויפהויבנדיק א געשריי א סוף געמאכט צום „ווייווען פון די לאָבוזעס". די בחורימלעך האבן מורא געהאט פאר אים „אימת מוות". איין גליק, וואס רפאל שמש איז געווען גוואלטיק קורצזיכטיק און אין זיינע אויסערגעוויינלעך דיקע ברילן איז איין שייבל שטענדיק געווען אויסגעהאקט. אדאנק דעם פלעגן די „לאָבוזעס" כמעט אונטער זיינע הענט זיך ארויסגלימשן און אנטלויפן. די דרייסטערע פלעגן זיך נאך דערלויבן אויף א שפּאַס, בא־האלטנדיק זיך אונטער א באנק גראד נעבן אים, זייענדיק זיכער, אז ער וועט זיי נישט בא־מערקן.

קיין שנאה האט מען אבער נישט געפילט צו אים דערפאר, ווייל ער, רפאל שמש, איז בכלל געווען א גוטמוטיקער ייד, א וויצלער און גאנץ אָפט פלעגט ער ליב האבן צו זיצן און שמועסן מיט די בית־מדרשניקעס, דערציילן וויצן און אויך א היבש ביסל אין זכות פון זיין צאפּ (באָק).

געהאט האט רפאל־שמש א צאַפּ א בכור, וועלכן מ'האט נישט געטארט שעכטן און היות, ווי קיין מילך האט ער נישט געגעבן, האט אים רפאל־שמש געלאזט ארומלויפן און ער איז געווארן דער שפיל־חבר פון אלע חדר־יינגלעך און בחורימלעך אין „שטיבל". באקאנט איז ער אומעטום געווען אונטערן נאָמען „חפאלס צאַפּ". דרייסט און באפריינדעט מיט די יידישע חדר־יינגלעך, פלעגט ער זיך אָפט ארײנשפּאצירן אין „שטיבל" ארײן דורך דער אָפענער טיר, בכדי פרייליך צו מאכן די לערנער.

פרייליך און אנגענעם איז עס געווען די לערנער אין „שטיבל". מען האט זיך גע־קענט פריי שפּילן אויפן דערבייאיקן פלאץ, נישט מורא האבנדיק פאר קיין שקצים. מען האט אויך געקענט זיך באָדן אין די זומער־טעג א גאנצן טאָג אין „לייזערס טייכל".

פונדעסטוועגן, ווען דאס גרויסע בית־מדרש איז ווידער אויפגעשטעלט געווארן, האבן זיך די בחורימלעך אריבערגעטראגן דארט אהין. עס איז דארט געווען פיל גערוימער, ציכטיקער און לופטיקער. אין די לעצטע יארן — פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה — זענען שוין בכלל שיטערער געווארן די רייען פון די בחורימלעך־לערנער. עס איז נישט געווען קיין תכלית אינעם לערנען. פיל זענען „קאליע" געווארן, זענען אוועק זיך לערנען א פאך, אדער אוועקגעפארן קיין ווארשע ווערן „מענטשן". אין די לאנגע ווינטער־אָוונטן, פלעגט מען שוין דארט נאר טרעפן א פּאָר עלטערע יידן, וועלכע האבן זיך געווארעמט אויף דער אויוון־באנק, ביים בעלעמער און הויפטזעכלעך געשמועסט פון די אלטע צייטן ווען דער „יאפּאָנטשיק" האט מלחמה געהאלטן מיט „פּאַניען".

אינעם גראָבליע בית־מדרש זענען קיינמאל נישט געווען קיין לערנער. די בעלי־מלאכה'שע קינדער האבן פון דער פריסטער יוגנט געמוזט ארבעטן, לערנען זיך א פאך, אדער בייהילפיק זיין דעם טאטן. אין די אָונטן פלעגן דארט זיך געפינען די שטאטישע היימלאָזע יידן: אייזיקל — א מגושמדיקער האלב־צעדרייטער ייד, וועלכער האט געקענט אָן א שיעור עסן און קיינמאל נישט זאט ווערן — און דער „משוגענער הענעך" — א פאַרוואָרלאָזטער יונגערמאן, וואס האט געהאט א טבע גאנצע טעג זיך צו וואשן די הענט ביים דערבייאיקן „זשיקל" (א שמאל טייכל, וואס איז פארבייגעפלאסן הארט ביים בית־מדרש).

אבער אין די שבתים און ימים טובים זענען די בתי־תפילות שטענדיק געווען פול און פריילעך. אָפט פלעגט מען זיך דאָרט קריגן איבער א „ששי", א „מפטיר דיונה", אדער א „חתן בראשית". אפילו צווישן די גראָבליע בעלי־מלאכות זענען אויך געווען „בעלי־בתים", חשובע יידן און „פּראָסטע".

חוץ די בתי־תפילות איז נאך געווען א „גערער" מנין, ביים שוחט אין הויז. דאס אייגנארטיקע פון די „גערער" איז געווען, וואס ביז שחרית־למוסף פלעגן זיי א שעה צוויי איבערייסן דעם דאַווענען און זיך זעצן לערנען.

דער ציוניסטישער מנין, געגרינדעט דורך א צוויי צענדליק פארגעשריטענע יונגע־לייט — ציוניסטן — וועלכע זענען לעולם לגמרי נישט פרום געווען, און דאס גאנצע דאַווענען איז זיי געלעגן אין דער לינקער פּאה; אבער זייענדיק אדער איידעמס פון פרומע שווער־און־שוויגער, אָדער וועלנדיק זיך סתם האלטן „בעלי־בתיש" און נישט האבנדיק זיך ווו אהינצוטאָן שבת, אין דער צייט „ווען אלע יידן גייען דאַווענען" — האבן זיי זיך געשאפן א באזונדערן מנין. זיי האבן געהאט צווישן זיך איינעם א יונגנמאן מיטן נאָמען בצלאל — א ווויל־קענער, — וועלכער האט חתונה געהאט אהער פון א דערבייאיק שטעטל און האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן בעל מנגן און פארמאגט א מאָרנעם יצר־הרע צום עמוד. אים פלעגט מען עס אוועקשטעלן פאר א חזן און אליין פלעגט מען דערווייל לייענען דעם „היינט", אדער פירן דיסקוסיעס וועגן ציוניזם.

די גרויזאמע נאצישע הענקער האבן הרוב געמאכט דאס געמיטלעכע לעבן פון די קליינשטעטלדיקע יידן. פון די יונגעלייט איז כמעט קיינער נישט פארבליבן, אלע זענען אויף א מוראדיקן אופן אויסגעמארדעט געווארן. דארט, ווו עס איז געשטאנען דער גראָבליע בית־מדרש — איז איצט א גוישער גאָרטן פון גרינווארג. אינעם טריסקער „שטיבל", וווינט א גוי און מען זעט שוין דאָרט נישט מער די קליינע ליבע משה'לעך און שלמה'לעך פון לייזער־מלמדס חדר... די דאזיקע אומשולדיקע יידישע קינדער זענען אוועקגעפירט געוואָרן קיין בעלזשעץ און אויף א שיידערלעכן אופן אויסגעהרגעט געווארן. דאס גרויסע שטאָטישע בית־מדרש איז ווידער חרוב און פארלאזן: די פענצטער פארהאקט מיט ברעטער און דינט פאר א תבואה־סקלאד פאר דער „ספּולדזשעלניע" — דעם קריסטלעכן קאָאָפּעראטיוו.

דער מחבר פון די שורות האט אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה, מיט לעבנס־געפאר, באזוכט די אלע ערטער. א שרעקלעכער קאָשמאר כאַפּט ארום, ווען מען קוקט אויף די פאַרלאָזענע ערטער, ווו עס האט געצאפלט יידיש לעבן און פון וואנען עס זענען אויף

א גרויזאם, שרעקלעכן אופן פארשניטן געווארן אזויפיל נאנטע, באקאנטע — יידישע טא־טעס, מאמעס און קליינע קינדער.

איז דען מעגלעך ארויסצוברענגען אויפן פאפיר דעם שנייד־נדיקן ווייטיק, וועלכן מען פילט אין אזא מאמענט? קיינמאל וועט דער ווייטיק נישט איינשטילן און וועט אייביק מא־נען נ ק מ ה פאר דעם האזיקן אומשולדיק פארגאסענעם בלוט.

אינעם טרויעריקן חלל פון אט די פלעצער איז נאר א קללה איבערגעלאזן געווארן, אז די טרערן און דאס בלוט פון די קדושים, זאל ברענען די האזיקע ערד און אייביק זי וויסט לאזן און עס זאל בלייבן לדיראון עולם פאר די מערדערישע בעסטיעס.

פּ א ל ק ס ־ ט י פּ ן
אין קראסניסטאוו

יידן ווערטל־זאָגער

*

אריה שטונציינער

דער אייגנאַרטיקער יידישער וויץ און גלייכווערטל האבן ארויסגעשפּרודלט פון די יידישע פאלקס-מענטשן. די שאַרפזיניקייט פון יידישן הומאָר איז אנערקענט געוואָרן אפילו דורך נישט-יידישע וויסנשאַפטלער און פאָרשער אויף דעם געביט.

יעדעס יידיש שטעטל האט זיך געהאט אירע וויצלער און גלייכווערטל-זאָגער, וועלכע האבן דוקא געשטאמט פון פשוטן „עמך". ליידער זענען גאנצע אוצרות פון אָריגינעלן יידישן פאלקס-וויץ פארלוירן געגאנגען. דער „ייוואָ" אין ווילנע האט זיך אפילו ספּעציעל פארנומען מיט זאמלען יידישע גלייכווערטלעך, שפּריכווערטער, וויצן א. א. וו. אָבער פון דעם גרויסן ים פון יידיש-שפּרודלדיקער פאלקס-חכמה איז נאך געווען צו שעפּן און צו זאמלען אַן א שיעור און אפילו פון דעם געזאמלטן — איז פיל פארלוירן געגאנגען צוזאמען מיט דער פארניכטונג פון די ייוואָ-ארכיוון.

אויך אין קראסניסטאוו זענען געווען א גאנצע ריי יידן ווערטל-זאָגער און וויצלער. די פּאפּולערסטע צווישן זיי זענען געווען: לייזער פויגלפוס (וועלכן מען האט גערופן: לייזער-אברהמ'משעס), רפאל ראזנצווייג, א יונגערמאן, באקאנט אלס „פינטשעלע", הערשל צוקער און אהרן אקסנבערג (גערופן: „אהרן-בערעס").

לייזער-אברהמ'טשעס איז געווען דער שטאָט-קברן, א ייד, וואס האט פארלוירן זיין פריערדיקע פרנסה. דאס איז געווען אזוי זיך א שטילער, הערשלאָגענער מענטש, אַן עני מסוכן, וואס האט אבער נישט פארפעלט קיין געלעגנהייט צו מאכן א וויץ אדער זאגן א גלייכווערטל מיט א זעלטענער געמיטלעכקייט. „מאטעריאל" צו זיינע וויצן, האט אים געגעבן זיין „פאַך" און זיין אייגענע אָרעמקייט. א ספּעציעלער סעזאָן פאר זיינע וויצן זענען געווען די פרילינג-יום-טוב-טעג, ווי אויך שמחת תורה און פּורים, ביים אויסטרינקען א גלעזל משקה און אויך ביי א „קידוש". עס איז כדאי צו ברענגען איניקע פון זיינע ווערטלעך און וויצן:

לייזער-אברהם'משעס פלעגט פארדינען א פאר גראשן ווען עס פלעגט קומען א יידענע אויפן בית-עולם אויף יארצייט. ער פלעגט זי פירן אויפן פאטערס אדער מוטערס קבר. קיין קראסניסטאוו פלעגט קומען יעדעס יאר א רייכע יידענע, וועלכע האט געוווינט אין ווארשע און איר פאטער איז געלעגן אויפן ק-ווער בית-הקברות. קיין מצבה האט זי נישט געשטעלט און לייזער פלעגט איר יעדעס יאר ווייזן דעם קבר. לייזער-אברהם'משעס האט זיך נישט באמיט אפצוזוכן דאס ריכטיקע ארט, נאר דארט, ווו ער פלעגט צופעליק שטיין, פלעגט ער אנווייזן: דא ליגט ער! דעם צווייטן יאר איז ער גראד געשטאנען אויף אן אנדער ארט, בעת די יידענע האט אים האן געפרעגט, האט ער אנ-געוויזן: אט, דא ליגט ער! דאך האט די יידענע עפעס געדענקט פון פארגאנגענעם יאר, אז ס'איז געווען א צווייט ארט; האט זי אים געפרעגט:

— פאראיארן, דוכט זיך, האט איר מיר געוויזן אן אנדער ארט?

לייזער-אברהם'משעס האט זיך נישט פארלוירן און גלייך געענטפערט:

— איר וווינט דאך אויך נישט שטענדיק אין איין דירה! נו, האט אייער פאטער זיך אויך איבערגעצויגן — און היינט וווינט ער שוין דא...

פאר זיין צעבראכן, האלב-איינגעפאלן הייזל איז געלעגן א בארג געטעסעטע קלע-צער — „באלעס". זיצט ער איינמאל און רוט זיך אפ אויף די באלעס. גייט פארביי א בא-קאנטער ייד, ווענדעט ער זיך צו אים:

— משה, קום אהער. איך פארבעט דיך אויפן „באל"... (ד. ה. זעץ זיך צו אויף איינעם פון די באלעס).

פורים האט לייזערקע פארפאסט זיינע אייגענע „פיר קשיות" אויף פסח. די ערשטע קשיה: פארוואס „לייגט" זיך מיר (איין) דער דאך און איך האב נישט קיין אייער? די צווייטע קשיה: פארוואס האט דאס ווייב צעלאזט די מאררע און איך האב נישט קיין שמאלץ? דריטע קשיה: פארוואס, אז עס איז דא א לאך אין שוך רינט אריין און אז עס איז דא א לאך אין טאפ רינט ארויס? די פערטע קשיה: וואס זאל איך טאן, ווען איך האב געפונען א „זשארנע" אין טעפל („זשארנע" — צווייזייטיק: א ברעקל צום עסן און — א תבואה-קערן, וואס איז, לויטן דין, חמץ).

שמחת תורה פלעגט לייזערקע „דרשנען" ספעציעל פארפאסטע הדרשות. אט איז איינע פון זיי:

זאגט די גמרא, „אמר רב המקדש במלווה אינה מקודשת"; זאגט רב, אז איינער איז מקדש מיט אויסגעבארגטע, איז זי נישט מקודש. פרעגט זיך א קשיה: קומט אויס, לויט דעם מאמר, אז רב איז געווען א שלעכטער, שווער מאכנדיק די קידושין. מיר ווייסן אבער, אז רב איז דווקא א גוטער, ווייל עס שטייט בפירוש אין פסוק וסלחת לעונינו כי רב הוא. נאר דעם תירוץ קען מען פארענטפערן מיט א משל: עס זענען געווען צוויי פריינט: יונה און שלמה. האט יונה געבארגט ביי שלמה'ן געלט און האט אים אנגעזעצט. אין שטעטל האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז יונה האט שלמה'ן „חתונה געמאכט" (פאלקסטימלעך: צוגענו-מען דאס געלט). אז די יידן האבן דאס דערהערט, זענען זיי געקומען צו שלמה'ן שבת אויף קידוש. שלמה אבער האט נישט געהאט קיין בראנפן, ווייל ער האט נישט געהאט פארוואס צו קויפן און האט זיך זייער שלעכט געפילט. דארט איז אויך צופעליק געווען רב, האט ער

דעריבער פעסטגעשטעלט: „המקדש במלווה אינו מקודשת" ד.ה., אז איינער „האט חתונה מיט „געבאָרגטעס" — „אינה מקודשת" — דאַרף ער נישט געבן קיין קידוש. אזוי איז צו זען, אז רב איז ווירקלעך א גוטער, ווייל ער האט רחמנות געהאט אויף שלמה'ן...

און נאך א גלייכווערטל אויפן חשבון פון זיין אייגענער אָרעמקייט:

לייזער־אברהמ'משעס — וועלכער איז אגב געווען א קליינגעוויקסיקער — קומט ארויס אין גאס און טרעפט זיינעם א באקאנטן און באַקלאָגט זיך פאַר אים, אז ער געפינט זיך אין א שווערער לאגע און האט נישט קיין געלט. דער פריינט עצה'ט אים זיך צו באָרגן א פּאָר זלאָטעס. דערויף ענטפערט לייזער: „ווער וועט מיר דען וועלן באָרגן. איך בין דאך א קליינער „לייזער"... (ווערטשפּיל: געמיינט: ער לייזט ווייניק געלט און וועט נישט האבן צוריקצוגעבן).

אהרן אָקסנבערג, וועמען מען האט גערופן „אהרן בערעס", אויך נישט קיין קלענערער אָרעמאַן פאַר לייזער אברהמ'משעס, האט אלע זיינע יאָרן געוווינט און א קעלער פון א רייך, קריסטלעך הויז. איבער אים, אויפן ערשטן שטאָק, האט געוווינט א פּארמעגלעכער, קריסטלעכער אדוואָקאט — פּיעכאָוויטש. אהרן־בערעס האט אבער טראָץ זיין אָרעמקייט, קיינמאל נישט פארלוירן זיין גוטמוטיקן הומאָר און זיך אליין לוסטיק געמאכט איבער זיין אָרעמקייט. אָט איז איינער פון זיינע וויצן:

אהרן־בערעס טרעפט אין גאס א געוויסן פּראָגרעסיוון יונגנמאן און שטייט צו אים צו מיט א טענה:

— אייער גאנצע מאָדערנע תורה איז נישט ווערט א קאָפּיקע און איז בפירוש פאלש.

— ???

— אָט האט אייער קאָפּערניק דערקלערט, אז די ערד דרייט זיך. עס הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס.

— פארוואָס?

— ווען די ערד זאל זיך דרייען, וואלט איך דאָך אמאָל אויסגעקומען פון אויבן און פּיעכאָוויטש פון אונטן; אבער שוין אזויפיל יאָרן און איך בין אלץ פון אונטן (אין קעלער) און פּיעכאָוויטש פון אויבן... (אויפן ערשטן שטאָק).

רפאל ראָזענצווייג איז געווען דער שמש פון טריסקער „שטיבל" און גלייכצייטיק צו־פאַרדינט מיט א וועגעלע און א האלב־געפּגרט פערדל, פאַרדינגענדיק זיך צו יעדן ייד אין שטאָט, וועלכער האט באַדאַרפט עפּעס איבערפירן. וואס גוגע וויצן, האט ער שטענדיק „קאָנקורירט" מיט לייזער אברהמ'משעס און ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, פלעגן זיי אויס־פּרובירן ווער פון זיי ביידן איז שארפזיניקער. אמאָל טרעפט רפאל ראָזנצווייג לייזער־אברהמ'משעס און שטייט צו אים צו מיט א געמאכטן כעס:

— דו באַגראַבסט די גאנצע שטאָט (געמיינט, ווייל ער איז א קברן).

לייזער־אברהמ'משעס לאָזט זיך אָבער נישט און ענטפערט גלייך:

— און דו ביסט בעסער? דו פירסט דאָך איבער די גאנצע שטאָט... (געמיינט, אלס פורמאַן).

פּינטשעלע איז אנגעגאנגען פאַר א שטאָט־בטלן. זיין פּרנסה־געבערין איז געווען דאס ווייב. ער אליין פלעגט כמעט שטענדיק זיצן אין בית־מדרש; פלעגט אבער זעלטן

זיצן און לערנען: ער האָט געהאַט א שאַרפן קאָפּ און ליב געהאַט צו פירן א וויכוח מיט ווערמען עס לאָזט זיך נאָר. דערביי פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלן קיין געלעגנהייט מיט א שאַרפן וויץ אנצוגרייפן דעם קעגנער.

איז געווען אין קראַסניסטאַוו א ייִד, אַן אויפגעקומענער גביר, וועלכן מען האָט גע־רופן „משה פּאַרך". דער ייִד האָט געוואָלט איינרעדן יעדן, אַז ער קען לערנען און פלעגט אין בית־מדרש שטעלן „קלאָץ קשיות". זיצט זיך אַמאָל דער אויבנדערמאָנטער ייִד ביים משניות און רופט צו פינטשעלען און שטעלט אים אַוועק אַזאַ „קשיה":

— גיב נאָר א קוק, פינטשעלע, די משנה זאָגט: מאימתי קוראין את שמע בערבית — משעת צאת הכוכבים. אייגנטלעך, איז נישט צו פאַרשטיין: צו וואָס דאַרף דאָס די משנה דערציילן, ווען מען לייענט קריאת־שמע; איך ווייס דען נישט אליין, אַז קריאת־שמע לייענט מען אין אָוונט?

פינטשעלע מאַכט אַן ערנסט פּנים און ענטפערט:

— פאַרשטייסט דאָך, ווען די משנה זאָגט דאָס נישט, וואָלסטו מאַקי נישט געוווּסט. זעסטו. משה, מיר איז א וווּנדער, דו זאָלסט פרעגן אַזאַ קשיה; נאָר צוריקגעשמועסט איז עס פאַרשטענדלעך, — דו האָסט דאָך עפּעס אנדערש אויפן קאָפּ... (געמיינט דעם פּאַרך).

הערשל צוקער איז געווען א ווויצלער פון א גאַנץ אנדער שניט. אליין שוין א מער פאַרמעגלעכער ייִד, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר זייער א קלוגן. ער האָט ליב געהאַט אונטערצושטרייכן דאָס פּאַראַדאָקסאַלע אין לעבן און פּעטשטשעלן אויף א וויציקן אופן לעבנס־אמתן. אָט איז איינס פון זיינע ווערטלעך:

— וואָס איז דער טייטש פון פסוק ומקבלין דין מן דין ואמרין קדיש?

— אַז איינער נעמט ביים אַנדערן (געלט) מעג ער שוין זאָגן נאָך דעם קדיש...

אָט אַזוי האָבן זיך געוויצלט פּשוטע פאָלקס־מענטשן. און זאָל געזאָגט ווערן דאָ וועגן זיי א פּאָר ערנסטע ווערטער, נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס בוך, וווּ די זכרונות ווערן געשריבן איז א׳ יזכור־בוך, וועלכער איז א בלוטיקער דאָקומענט פון אכזריותן און מאָרדן, וואָס האָבן נישט קיין פּרעצעדענס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — נאָר קודם כל דערפאַר, ווייל דער שרייבער פון די שורות איז אין דעם טיף איבערצייגט. די דאָזיקע מענטשן האָבן געלעבט א שווער, אָבער ערלעך לעבן. אין זכרון טויכן אויף געשטאַלטן פון די און נאָך צענדליקער מענטשן פון שטעטל קראַסניסטאַוו. אַלע האָראָפּאַשניקעס, וואָס האָבן פון זייער לעבן כמעט גאָרנישט געגאָסן. מראָץ זייער אָרעמקייט, זענען זיי געשטאַנען אויף א זעלטענער מאָראַלישער הויך. אנדערש ווי צו לעבן אַלס ייִדן, האָבן זיי זיך אפילו נישט געקענט פאָרשטעלן. אַלס ייִדן זענען זיי אויף א בעסטיאַלישן אופן אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

זייער אָנדענק איז הייליק פאַר אונדז לדורות.

חסידישע טיפן

*

בען צוקערמאַן

(לאָס־אַנדזשעלעס)

די שבתים און יום־טובים אין קראַסניסטאַוו, זענען באמת געווען באַהויכט מיט אַ געמיטלעכער, הייליקער שטימונג און עלית־נשמה, וועלכע האָט זיך אויך געשפּירט אין יעדער ייִדישער שטוב און חסידים־שטיבל, ווי אויך אין בית־מדרש. די חסידים האָבן אין די טעג געגלאַנצט מיט אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, מיט שטריימלעך און מיט זײַדענע און סאַמעטענע בגדים. פון די אָרעמע, אָבער זאָרגלאָזע פּנימער, האָט אַרויס־געשײַנט גליקזעליקייט.

ווער פון אונדז געדענקט נישט די הייליקע גאווה׳דיקייט פון די ייִדישע „פּרינצן”, ווי זיי האָבן זיך געפילט שבת אָדער יום־טוב?

ווער פון אונדז, קראַסניסטאַווער, געדענקט נישט פּנחס־ישעיה׳ס חומש־און רש״י־לערנען מיט די שנײַדערס און שוסטערס; ווי זיי האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדן געדאַנק ווער געדענקט נית דעם שלוש־סעודות־פּראַווען פון פּייוול שמש אין אַלטן בית־מדרש? אמת, קיין גרויסע מעגדערן האָט מען בײַ שלוש־סעודות נישט געגעסן, אָבער די זמירות „בני היכלא” און די דברי־תורה, וואָס מען האָט דערציילט, ביז עס איז געוואָרן טונקל — האָט אַלעמען אַרײַנגעבראַכט אין די עולמות־העליונים.

עס דערמאָנט זיך מיר די מלווה־מלכּית בײַ מיכעלע דעם רב׳ס, וועלכער איז אַליין געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. ער האָט נישט געוווּסט פון קיין צורת־המטבע, געזעסן יום ולילה און געלערנט. ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער פון דעם האָט ער קיין לעבן נישט געמאַכט. זײַן ענערגישע פרוי, הנה, האָט געהאַלטן דעם הייוון־פּאַרקויף און מיט דער הילף פון עטלעכע דערוואַקסענע טעכטער, וועלכע זענען שוין געווען ראוי לחופּה, האָבן זיי קוים פאַרדינט אויף צו דערהאַלטן די נשמה. אָבער האָס האָט נישט געשטערט צו פּראַווען, אויף זײַן בוידעם־שטיבל, מלווה־מלכות מיט גרויס פּאָמפּע און התלהבות.

אין יאר 1920, ווען איך האב באזוכט פוילן און אויך מיין געבורטס־שטעטל, קראס־ניסטאוו, איז שוין ווייניק וואס געבליבן פון דעם אמאליקן, געמיטלעכן און אידילישן לעבן. מיט דעם ערשטן שאס פון די דייטשן, זענען א סך מאטעריעלע און גייסטיקע ווערטן אוועק מיטן רויך. אומעטום האב איך אנגעטראפן סקעפטיציזם, פעסימיזם. בלויז אין דער חורבה, וואס האט אמאל געהייסן טריסקער שטיבל, האב איך געפונען גרשון גלעזערס, ע״ה, א זון, וועלכער האט מיט גרויס התמדה געלערנט גמרא. מיר שיינט, אז ער איז געווען פון די לעצטע מאהיקאנער אין קראסניסטאוו.

אין א שבת׳דיקן טאג האב איך געטראפן, פארנדיק אין צוג, א יידן מיט א טאכטער. דער ייד מיט א לאנגער בארד האט נישט געלייקנט, אז מיט א קורצער צייט צוריק איז ער געווען נאך א גרויסער מאמין. קוקנדיק אויף דעם יידן, האב איך זיך דער־מאנט אן די יידן, וואס איך האב געקענט אין מיינע קינדער־יארן: פאר׳עקשנ׳טע קנאים, וועלכע זענען גרייט געווען זיך מוסר־נפש זיין פאר יידן און יידישקייט. ווי ווייט איז דער דאזיקער ייד, וואס איז מחלל־שבת געווען, אוועק פון יענע טיפן, ווי צ. ב. גרשון מיימאן, דעם גערער חסיד, אדער ישראל לערמאן, דעם טריסקער חסיד, וואס פלעגט מיט זיין „שמע־ישראל" אויפטרייסלען די בית־המדרש־ווענט. אפילו אזעלכע פשוטע, אבער טיף־ערלעכע טיפן, ווי חיים־יהודה דער דארפס־גייער און מאמעלע וואסער־טרעגער, דער אייביקער תהילים־ייד, מיין פאטער יהושע צוקערמאן ע״ה — וואלטן קיינמאל נישט נאכגעלאזן א קוצו של יוד פון זייער אמונה, שוין אפגערעדט פון חלול־שבת בפרהסיה.

דאס זענען געווען יידן מיט א שטארקן מאראלישן כאראקטער און מיט קריסטאל־ריינע נשמות.

הבל על דאבדין ולא משתכחין!

בטלנים

*

יעקב שאָק

ווער האט עס נישט געקענט אין קראסניסטאוו א ייד מיטן נאמען אייזיק? מקטן ועד גדול — אלע האבן אים געקענט. האס איז א טיפּ, וואס דארף פארצייכנט ווערן.

אז מ׳האט עמיצן געוואָלט אויסזידלען — האט מען אים אנגערופן „אייזיק”; האט עמיצער געגעסן מיט אן אפּעטיט, האט מען וועגן אים געזאגט: „ער שלינגט, כמו אייזיק”; אויב איינער האט געוואָלט באליידיקן דעם צווייטן, האט ער אים געזאגט: „דו ביסט אזא חכם, ווי אייזיק”.

אייזיק איז געווען א ייד א געזונטער, פעסט געבויט, גאר איין חסרון האט ער געהאט: ער איז געווען זייער פויל און האָט קיינמאָל נישט געוואָלט הערן וועגן ארבעט און פארדינסט. צו־דעם האט ער נאָך געהאט א וועלפישן אפּעטיט און קיינמאָל נישט זאט געווען. אז מען האט אים געפרעגט: „אייזיק, פארוואס גייסטו נישט ארבעטן, כדי זאלסט עפּעס פארדינען”, פלעגט ער מיט א שמייכל פון א תם ענטפערן:

„ארבעט האט דער אויבערשטער נישט באשאפן פאר יידן, אזוי ווי עס שטייט געשריבן: „אתה בחרתנו מכל העמים”, אז מיר זענען דאס אויסדערוויילטע פאלק. פארוואסזשע זאל איך ארבעטן? און דער עיקר: ווי אזוי קען א ייד ארבעטן, אז שבת איז דאָך שבת, זונטיק — איז מען מיד פון שבת, מאָנטיק איז „קריאת התורה”, דינסטיק — ווייסט איר דאָך אלע — איז אין קראסניסטאוו א יריד, מוז מען זיך דאָך דרייען א גאנצן טאָג אויפן יריד; מיטוואָך איז מען דאָך מיד פונעם יריד; און אז עס קומט דער דאָנערשטיק — איז דאָך ווידער „קריאת התורה”; און וועגן פרייטיק, איז דאָך קיין רייד נישטאָ — עס איז דאָך ערב־שבת — פרעג איך אייך: האט א ייד צייט ווען צו ארבעטן. און צווייטנס, צו וואס דארף איך ארבעטן? צום ביישפּיל, אז עס רעגנט, שטייט דער „פלעשלערינס”, א הויז, וווּ איך קען זיך באהאלטן פון דעם רעגן און נישט בארעגנט ווערן, ווי די, וואס האבן הייזער. און אויב ס׳רעדט זיך וועגן עסן — איז דען נישטא ביי אונדז קיין בעלי־בתים,

וואס גרייטן אָן אויף שבת א טשאָלנט? און איך עס דען נישט גלייך ווי אלע יידן? איך גיב מיך א לאָז אריין אין ר' חיים לאָרבערס הויז. א שיין ביסל יידישע איינוווינער געפי-נען זיך דאָרט"...

און טאקע אזוי: אז אייזיק איז געקומען שבת און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף די טרעפ און די וואָלוויכע האט אים דערזען די ערשטע, האט זי שוין געגעבן צו וויסן אלע איינוווינער, אז אייזיק איז דא. און ווייסט איר ווער ס'האט דארט געוווינט אין דעם הויז? שלמה-הערש לעדער-קרעמער, שלמה מושקאט, משה שיע, ביינוש תבואה-סוחר, משה-חיים איינבינדער, מענדל שמואל שמאראגד, שאָול ליבערמאן (דער פולק-שניידער), ראכמיל גלעזער, שמואל זיין זון א. אנד.

און שטעלט אייך פאָר, אז יעדער פון די הויז-איינוווינער האט געשטעלט טשאָלנט און יעדער האט שוין געוווסט, אז שבת הארף זיך אייזיק אָנעסן צו דער זאט. און נאָך דעם עסן, אז מ'האט אים געפרעגט: אייזיק, ביסט שוין זאט? פלעגט ער ענטפערן: וואס הייסט זאט? אמת'דיק זאט וועל איך ערשט זיין ווען משיח וועט קומען. און אז ער וועט קומען, וועט גיין א רעגן פון קליסקעלעך מיט באָבעלעך און דאס טריסקער שטיבל וועט זיין א שיסל און דער בעלעמער — א לעפל — דאמאלט גלויב איך וועל איך זיך אָנ-עסן צו דער זעט".

גלויבט מיר, אז אייזיק איז נישט געווען אזא נאַר, ווי מען האט פון אים געמאכט. ער פלעגט אמאָל זאָגן א גלייכווערטל. אזוי צום ביישפיל, קומט ער איינמאל אריין צו ר' חיים לאָרבער. דער דאזיקער ייד איז געווען באקאנט אלס גביר; געהאט הייזער, קא-זארמעס און האט געטאן שיינע שידוכים מיטן טריסקער רבין, אויך ר' זיינוועלע קלעפפיש איז געווען זיין מחותן. צו אָט דעם חיים לאָרבער אין הויז האט נישט יעדער געקענט אריינקומען. אבער אייזיק האָט געהאט א פרייען צוטריט צו ר' חיים'ען, וועלכער האט ליב געהאט צו הערן אייזיקס א חכמה.

איינמאל, ס'איז געווען א פרייטיק, איז אייזיק אריינגעקומען אין ר' חיים'ס הויז, אדורכגעגאנגען אלע צימערן, ביז ער איז צוגעקומען צום עס-צימער, וו ר' חיים איז גע-לעגן אויף דער קאנאפע. ר' חיים האט נישט אזוי שנעל באמערקט אייזיקן, דאקעגן אייזיק האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזען דעם טיש, וואס איז געווען שוין געדעקט אויף שבת. אויפן טיש זענען געלעגן 12 חלות, א גראפין וויין, און א פולאמיסיק פיש. ווען ר' חיים האט באמערקט, ווי אייזיק שטייט ביי דער טיר און קוקט אריין, האט ער אים געפרעגט: וואס ווילסטו זאגן, אייזיק? דערויף האט אים אייזיק געענטפערט: וואס זאל איך אייך זאגן, ר' חיים — די וועלט זאגט, אז ר' חיים איז קלוג און אז אייזיק איז א נאר; פרעג איך אייך, ר' חיים: ווען דאָס אלץ, וואָס ליגט צוגעגרייט אויפן טיש: די חלות, די פיש, דאָס וויין, וואלט געשטאנען ביי אייזיקן, וואלט אייזיק נישט געלעגן אויף דעם קאנאפע — איז אייזיק א נאר און ר' חיים איז קלוג?

פונדעסטוועגן איז אייזיק דער בטלן געווען א מענטש, וואס האט קיינעם קיין שאדן נישט געברענגט.

און פארוואס האבן אים די היטלערישע בעסטיעס דערמארדעט?

זכרונות

די השכלה

*

בען צוקערמאן

(לאס־אנדזשעלאס)

ביים אָנפאנג וויל איך באמערקן, אז מיין קאפיטל זכרונות וועט נישט זיין קיין פולקאָמע ארבעט, נאָר באשיידענע זכרונות פון א ייד פון א גאנץ יאָר. כ׳וועל אָנפאנגען פון דער צייט פון דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה.

צו יענער צייט איז אונדזער שטעטל געגאנגען כאדאָראָם. די יידן האבן זיך איינגעטיילט אין צוויי גרופן: פראָ־יאפאניש און פראָ־רוסיש. דאס אלטע בית־מדרש איז געווען דער אָפענער פאָרום, ווו עס זענען געפירט געווארן היציקע דעבאטן. דעם מאטעריאל פאר די דעבאטן האט מען גענומען פון „הצפירה", וואס איז דערשינען אין ווארשע. אונטער דער רעדאקציע פון חיים זעליג סלאָנימסקי ע״ה און פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „דער פריינט", וועלכע איז דערשינען אין פעטערבורג, (היינט לענינגראד), אונטער דער רעדאקציע פון אשר גינזבורג. אמת, קיין גרויסע צאָל לייענער איז נישט געווען אין ביידע שפראכן — סיי פון העברעאיש, סיי פון יידיש. אָבער די השכלה — בת השמים — האט שוין דאן אנגעהויבן אריינדרינגען אין אונדזער שטעטל, און עס האבן צירקולירט אין שטעטל — בסוד־סודות — אזעלכע טריפה־פסול׳ס", ווי: „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" פון אברהם מאפו, „התועה בדרכי החיים", „קבורת חמור" פון פ. סמאָלענסקי און „דאס פוילישע יינגל" פון יואל לינעצקי. עס האבן אויך אנגעהויבן דערשיינען אין העברעאיש און אויב כ׳האט קיין טעות נישט, איך אין יידיש, פראָפ. גרעצ׳ס „יידישע געשיכטע", ארויסגעגעבן אין וועכנטלעכע העפטן, וואס אונדזער יוגנט האט אין געהיים געשלונגען מיט גרויס התמדה.

דער דרייפוס־פראָצעס און דער קישעניעווער פאָגראָם, האבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער דערוואכנדיקער בית־מדרש־יוגנט, אין וועמענס נשמות ס׳האט אנגעהויבן אריינדרינגען דער נאציאנאלער באוווסטזיין. עס האט זיך אָרגאניזירט א געהיימע גרופע,

וועלכע האט זיך פארנומען מיטן פארשפרייטן די נייע געדאנקען אויף דער יידישער גאס. מיין ווינציקייט, לייזער לאפער, שלמה שארף, לייבל גאסקער און לייזער גרינבערג האבן גע־הערט צו די ערשטע אָרגאניזאטאָרן פון דער היזיקער גרופע. מען האט שטודירט דעם רמב״ם און זיין פילאָזאָפיש ווערק, דעם „מורה נבוכים״, ווי אויך דעם מאָדערנעם אויס־טייטשער פון תלמוד, ד״ר שלמה רובין פון עסטרייך.

צו יענער צייט פלעגט אויך דער „בונד״ שיקן — פון צייט צו צייט — צו אונדז אין שטעטל זיינע פארשטייער, כּדי צו אָרגאניזירן די שניידער־געזעלן און די נייטאָרינס, קיין אנדערע אינדוסטריע־צווייגן זיינען ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען.

מיר האבן אויך געפּרוּווט באווירקן די בית־מדרש־יונגט איבערצופירן קיין ווארשע און זוכן תכלית, דורך אויסלערנען זיך א פאך, אָדער ווערן געשעפטס־אָנגעשטעלטע. די פרוּוון האבן געהאט זייער ווירקונג. ס׳פלעגט טרעפן, אז די קינדער פלעגן ביינאכט זיך

די ערשטע משכילים אין קראסניסטאוו

עס שטייען (פון רעכטס אויף לינקס): שלום זינגער, משה שטיצער, דוד בוימפעלד, פייוול בוימפעלד (לאס־אנדזשעלאס), לייבל לערמאן (משיקאגא), פיטל הערשטיין (פילאדעלפיא), יוסף מיימאן (ווי־ניפעג), אלטער האפמאן (ניו־יארק).

עס זיצן: בערל מיימאן (וויניפעג), צביה לאפע, בען־צוקערמאן (לאס־אנדזשעלאס), איטע לעווי־קאוויטש (קאנאדע), מרדכי לעווקאָוויטש.

„ארויסגנבענען" פון די עלטערנס הויז און פארשווינדן. אין אזעלכע פאלן פלעגן די עלטערן זיך באלד אנשטויסן אויפן נייעם אדרעס פון די קינדער...

עם האבן זיך אפגעשפילט טראגישע סצענעס און דעם שולדיקן אין דעם האט שוין קיין צרות נישט געפעלט. אפרייסן א יונגנמאן פון דער גמרא און אים שיקן קיין ווארשע, איז געווען אין די אויגן פון פיל יידן, א געפערלעכער שריט, כאטש אין זייערע היימען האט געהערשט ארעמקייט און נויט און א עסער ווייניקער וואלט פיל פארלייכטערט דער משפחה. א פאטער פון מיינעם א חבר, האט צו מיר זיך אויסגעדריקט, ווען איך האב אים געפרואווט בארואיקן, זאגנדיק אים, אז זיין אנטלאפענער זון וועט ווערן א היטל־מאכער און געפינט זיך אין גוטע הענט:

„בעסער זאל ער שטארבן ביי דער גמרא, איידער ווערן א מחלל־שבת אין ווארשע".

די קנאים פון אונדזער שטעטל האבן אנגעהויבן אן אפענעם קאמף מיט אונדז אפיקורסים — אזוי האט מען אונדז גערופן. עס איז דערגאנגען צו מסירות, אז מיר פארשפרייטן בונדישע ליטעראטור. איינמאל טאקע האט מען אונדז ארעסטירט אויף א קורצער צייט צוליב אזא מסירה. צוליב דעם האזיקן קאמף, איז אין שטעטל געווען לעבעדיק.

דער קאמף איז געווען זייער א פארביטערטער. אין א געוויסן שבת האבן די חסידים מעכב געווען די קריאה, ביז מען וועט אונדז, די „זינדיקע", מחרים זיין און ארויסווארפן פון בית־מדרש.

מיט דער צייט האבן מיר באקומען א שטיקל אנשפאר ביי די „עם־הארצים" — ווי די חסידים פלעגן רופן די דארף־גייער און די בעלי־מלאכות. די לעצטע האבן אונדז אנגעהויבן פארשטיין און מיר האבן זיי געוואונען אויף אונדזער זייט אין קאמף קעגן פאנאטיזם און פינצטערניש.

דער ציוניזם, וועלכער האט זיך נאר וואס באוויזן אויף דער יידישער גאס, האט נאך דאן נישט געהאט קיין גרויסע השפעה אויף אונדזער יוגנט; דאס איז געווען דערפאר, ווייל די ציוניסטישע באוועגונג איז דאן געווען אריסטאקראטיש, זייער שוואך און האט נישט דערגרייכט אין די קלענערע מקומות אין פוילן.

די יידישע באפעלקערונג אין קראסניסטאוו — ארום 250 משפחות, אן ערך 2500 נפשות—איז באשטאנען פון חסידים, אנהענגער פון אלערליי רביים. א היפשע צאל בעלי־מלאכות, דארף־גייער, סוחרים, מעקלער, מלמדים; א קליינע צאל פון פרייע פראפעסיעס; זייער ווייניק נגידים, כמעט קיין אינדוסטריע, אייניקע פאדריאטשיקעס (צושטעלער) און וואלד־סוחרים.

אחוץ דעם א ביסל כלי־קודש: שוחטים, רב, מורה־הוראה, מלמדים, שמשים, סופרים, וועמעס מאטעריעלע לאגע איז אלעמאל געווען א קלאגעדיקע. די שוחטים האבן געמאכט א לעבן אדאנק דער כשר'ער טאקסע; דער רב און דער מורה הוראה האבן אונטערגעהונגערט — זייערע שכירות זענען געווען זייער מאגערע. די קאנצעסיעס פון הייון־פארקויף האט פיל נישט אריינגעבראכט, אבער די מחליקתן ארום די כלי־קודש איז שטענדיק געווען א גרויסע. יעדער צד האט געפירט אן עקשנותדיקן קאמף פאר זיין קאנדידאט אויף א רב. די אסיפות פאר מעות חיטים זענען געווען לעבעדיקע. דער „מיטל־קלאס", האט אלע מאל געפאדערט, אז מען זאל ארויפלייגן א גרויסן שטייער אויף דעם פסחדיקן מעל

פאר מעות=חיטים. אבער שטענדיק האט אזא שטייער געגעבן די פארקערטע רעזולטאטן, ווי מען האט זיך פארגעשטעלט: די ארעמע=לייט, וועלכע האבן געהאט גרויסע פאמיליעס האבן פארברויכט, פראפארציאנעל, מער מצות, ווי די רייכע; צוליב דעם, וואס זיי האבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו קויפן קיין „לוקסוס=זאכן”, ווי: פלייש, פיש א. א. וו., אזוי ארום האבן זיי, קויפנדיק עטלעכע פוד מצות, אליין באצאלט די שטייערן און די רייכע האבן ווייניק=וואס געגעבן אויף מעות=חיטים.

אזוי, מער=ווייניקער, האט אויסגעזען דאס לעבן ביי אונדז אין שטעטל ביזן יאר 1907, ווען איך האב פארלאזט קראסניסטאוו און אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע.

מיט די נייע ווינטן, וואס האבן דאמאלט געבלאזן אין אייראפע און מיט דעם אויפשטייג פון פארשיידענע „איזמען”, איז אויך אונדזער יוגנט באאיינפלוסט געווארן דורך פארשידענע פאליטישע גרופירונגען, ווי צ. ב.: „פועלי=ציון”, „בונד”, טעריטאריאליסטן, א. א. וו. מיט דער צייט האט זיך די יוגנט געגצלעך באפרייט פון די ארטאדאקסישע איינפלוסן און זיך אנגעשלאסן אן די באוועגונגען, וואס זענען געווען צוגעפאסט צו זייער עקאנאמישן לעבנס=שטייגער.

די אויסוואנדערונג פונעם שטעטל האט זיך כסדר פארגרעסערט, טראץ דעם, וואס דער עלטערער דור האט דערויף געקוקט זייער קרום, בפרט אויף די, וואס זענען אוועק קיין אמעריקע.

דער אלץ וואקסנדיקער אנטיסעמיטיזם, וואס האט אלץ מער און מער געדריקט אויף די יידישעווירטשאפטלעכע פאזיציעס, האט שטארק באווירקט די עמיגראציע=שטרעבונגען פון דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע איז געווען געצווונגען צו זוכן „תכלית”.

אביסל זכרונות

*

ל. גרינבערג
(וויניפעג)

קראסניסטאוו איז געווען נישט קיין גרויסע שטאָט און פארגלייך מיט אירע שוועסטער-שטעט: כעלם, כרוביעשאָוו א. אנד. זי איז אבער געווען אנדערש פון זיי; דער פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג לגבי דער נים-יידישער איז געווען א קלענערער, ווי אין די אויבנדערמאנטע שטעט. קראסניסטאוו איז אבער געווען באַרימט מיט איר שיינקייט, ריינקייט און מיט אירע פיינע, ערלעכע און רואיקע מענטשן. „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו".

די שטאָט איז באשטאנען פון צוויי גרויסע קוואדראטנע פיר-קאנטיקע גאסן, אזוי ווי איין קאסטן אינעם אנדערן. איך וועל אנרופן דעם אינעווייניקסטן: דער ערשטער.

דער ערשטער קוואדראט איז געווען פארבויט מיט שיינע, שטיינערנע 3- און 4-שטאָקיגע בנינים, שיין געפארבט פון אויסנווייניק. אין דער מיט פון דער שטאָט א זייער שיינער פארק מיט אלייען צום שפאצירן. אין צענטר פונעם פאַרק — א שיינע, כמעט קינסטלערישע אלטאנקע, וווּ דער מיליטערישער ארקעסטער פלעגט שפילן א גאנצן זומער — פון 6 ביז 10 אזייגער אָוונט.

פון צווישן די הייזער האט ארויסגעשיינט דאס ראט-הויז מיטן שטאט-זייגער אויפן שפיץ טורעם. ביי די ראָגעם (ווינקלען), האבן זיך די גאסן פון ערשטן קוואדראט געצויגן אריין אינעם צווייטן — אויך זייער א שיינער, אבער שוין נישט ווי דער ערשטער. די גאנצע שטאָט איז געווען ברוקירט. פון די פראנט-הייזער ביז צום מיטן וועג, איז געוועזן א ברייטער טראָטואר. פון ביידע זייטן טראָטואר — ביימער, ספעציעל געפלאנצטע. צווישן דעם טראָטואר-פלאץ און דעם ברייטן פאָר-וועג האבן זיך געפונען רינשטאָקן. דער טראָטואר-פלאץ און דער וועג צום פאָרן, זענען געווען ברוקירט א ביסעלע משופע אזוי, אז דאס רעגן-וואסער האט זיך געזאמלט אין די רינעם אריין און דורך זיי

אָפּגעפּלאָסן צו די צוויי טייכן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אונדזער שטאָט פון צוויי זייטן. נאָכן גרעסטן רעגן איז ביי אונדז קיין בלאָטע נישט געווען; די שטאָט האָט גאָר אויסגעזען ווי אָקאָרשט אָן אָפּגעוואַשענער דיל. די שטאָט איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּלאַץ; די טייכן — נידעריקע און אַלץ־אַלעס איז אָפּגעשווענקט געוואָרן אין די טייכן אַריין.

אַביסל אַרויסגערוקט פון שטאָט — אין דער ריכטונג צום לובלינער שאָסיי — שיינע הייזער, גרעסערע און קלענערע, ווי פּאַלאַצלעך און גלאַט שיינע בנינים, פּריוואַטע, ווי אויך רעגירונגס־בנינים: געריכט־הייזער, פּאָסט, אַ באַנק, קרייז־אַמט, רעגירונגס־שולן, אַ גימנאַזיע. דאָ האָט זיך אויך געפונען די תפיסה און די מיליטערישע קאַזאַרמעס.

דאָס אַלץ האָט פאַרנומען אַ שיינעם און גרויסן שטח.

די דריי גרויסע שאָסייען: זאַמאָשטשער, רייוויצער און לובלינער, האָבן צוגעגעבן דער שטאָט פיל שיינקייט, באַוועגונג און לעבעדיקייט.

דער שענסטער — דער לובלינער — האָט זיך געצויגן עטלעכע מייל אויסער דער שטאָט, מיט ביימער פון ביידע זייטן. שיינע הויפן און סעדער מיט די פאַרשידנסטע פרוכטן, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אַן אַראָמאַט אויסער דעם וועג. די לאָנקעס, הויכע, שיינע בערג, וואָס האָבן מאַיעסטעטיש אַרומגערינגלט די טייכן און די נאָענטע סאָסנע־וועלדער — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן גאַנצן שטייגער לעבן, כאַראַקטער און געמיט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג, איבערהויפּט אויף דער יידישער. און אויב ס'איז דאן געווען אַ ווערטל, אַז „די יידן לעבן פון דער לופט", ד. ה. אָן אַ באָדן — האָבן זיי ביי אונדז געלעבט פון דער לופט ממש...

חסידים פון כל המינים זענען אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך קיין נייעס נישט געווען, ווייל פון דעם עלעמענט איז באַשטאַנען דער רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער באַפעלקערונג, און, פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין קראַסניסטאַוו, זענען זיי געווען — מכל המינים, אָבער גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער זענען די חסידים פון קראַסניסטאַוו: נישט אַזוי פאַרטראַכט, נישט אַזוי אָפּגעלאָזן און צעטראָגן, פאַרקערט: ציכטיקע, פאַרפּוצטע האָבן זיי גרופּעסווייז שפּאַצירט אין די אַלייען פון שטאָט־פּאַרק, אָן איבעריקע זשעסטיקולאַציעס און תנועות; און געשמועסט האָבן זיי פון אַלץ: חסידות, פּלפּול, קבלה, חקירה, רבי'שע מעשיות, פּאָליטיק, נייעס — וועלטלעכע און שטאָטישע; אַזוי ביז פאַרטאָג. מען פלעגט טיילמאָל פאַרגעסן אין עסן אָוונט־ברויט און אַפילו אויך אין אַ מעריב־דאַווענען. ערשט פאַרטאָג האָבן זיך אַ טייל אָוועקגעשטעלט ביי אַ בוים אָפּכאַפּן דעם מעריב. און דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען שטיל, באַשיידן און שלוות'דיק, אָן קריגעריי, אָן היצן זיך, נאָר מיט רואיקער געלאַסנקייט, פול מיט ווירדע און אַכטונג פון איינעם צום צווייטן.

צו דעם בשלום'דיקן צוזאַמענלעבן פון איין מין חסידים מיטן אַנדערן, האָט אויך צוגעהאָלפן אַ געוויסער פאַרפאַל: די צוויי בתי־מדרשים, וואָס זענען צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון דער גאָר פריערדיקער, שנים קדמוניות'דיקער, יידישער באַפעלקערונג, געשטאַנען ווייט פונעם איצטיקן שיינעם יידישן צענטער־שטאָט; איז דער בית־מדרש, גראָד דער נאָענטערער, אָפּגעברענט געוואָרן. די טריסקער חסידים, די גרעסערע מערהייט פון די שטאָטישע יידן בכלל און פון די אַנדערע מיני חסידים בפרט, זענען גלייכצייטיק אויך גע־

ווען די רייכסטע אין שטאָט. זיי האבן געהאט פאר זיך אויסגעבויט א גרויסן שטיינערנעם בנין אין צענטר־שטאָט אלס זייער אייגן „טריסקער שטיבל". נאך דער שריפה איז דאס „טריסקער שטיבל" פארוואנדלט געווארן כמעט אין א בית־מדרש פאר גאנץ קהל. אין ווילנדיק, ניט־ווילנדיק האט יעדער איינער געמוזט טאָלערירן דעם אנדערנס מנהגים און אויך רעספעקטירן מיט גרויס כבוד איינער דעם אנדערנס אדמו"ר און אפילו איינהערן איינער דעם אנדערנס מעשיות וועגן די ניסים ונפלאות, אָדער גאָר אותות ומופתים פון זיין אדמו"ר. און מען איז געווארן ווי איין גרויסע חסידישע משפחה. אלע יונגע־לייטלער (קעסט־קינדער בלע"ז), גרויסע בחורים און די יונגערע בית־מדרש'ניקעס, זענען צוזאמען געזעסן און געשמאק געלערנט אזוי, אז די באצויבערנדע, קרעכצנדיקע און האַרציקע קלאַנגען פון די לערנערס האבן זיך געהערט ווייט ארום און דער מקום־תורה האט געגאָסן פון א סך יראת־הכבוד און האט געשמ'ט אין דער גאנצער געגנט מיט די גוטע לערנערס; כמעט אלע מושלמים בכל המעלות — אי חסידיש, אי וועלטלעך־מאָדערנע.

צו דעם אלעם איז אבער געקומען א ראדיקאלע ענדערונג אין די יאָרן 1904 — 1906, ווען ס'האט זיך אריינגעכאפט דער פונק אדער א גאנצע שיין פון השכלה.

אבער די עפּאָכע פארדינט און מוז האבן א גאָר באזונדערן און גרויסן קאפיטל אָדער קאפיטלעך.

די ערשטע קראָסניסטאַווער עמיגראַנטן אין אַמעריקע

★

בען צוקערמאַן

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1908. אַ גרופּע קראָסניסטאַווער לאַנדסלייט האָבן מיר באַזוכט אין מיין באַשיידענער דירה אין די בראָנקס, אין ניו-יאָרק. צווישן זיי האָט זיך געפונען מיין חבר מאַקס קאָהן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אינדערהיים, מרדכי פּסח פון קאָסיאָן (אַ דאָרף נעבן קראָסניסטאַוו).

מיט אַ שעמעוודיקער מינע נעמט מאַקס אַרויס פון טאַש אַ בריוול פון אַ בן עיר, פון דער יידישער קאָלאָניע ליפּטאָן-סאַסק, אין מערב קאַנאַדע. אין דעם בריוול שרייבט אים זיין באַקאַנטער, מענדעלע שיפער, אַז יידן אין מערב-קאַנאַדע „פאַרמעווען", ד. ה. זיי באַאַרבעטן די 160 אַקער-ערד, וואָס די קאַנאַדער רעגירונג האָט צוגעשטעלט פאַר יעדער יידישער משפּחה בחינם. די רעגירונג האָט דערביי געשטעלט געוויסע באַדינגונגען: יעדער, וואָס באַקומט ערד, מוז זיצן אויף דעם לאַנד ווייניקסטנס זעקס חדשים אין יאָר; באַאַרבעטן יעדעס יאָר לכל הפּחות צען אַקער לאַנד און ערשט נאָך דריי יאָר, אויב מען פּאַסט זיך צו צו די באַדינגונגען, באַקומט מען אַ „טייטעל" און מען ווערט אַ בירגער.

לייענענדיק אונזער לאַנדסמאַנס אינפאָרמאַציע, האָט מען צווישן די שורות געקענט באַמערקן, אַז די אינפאָרמאַציע איז — פּראָפּאַגאַנדע. ער אַליין האָט געוואָלט פאַרקויפן זיין פאַרם און האָט דעריבער מיט העלע פאַרבן געמאָלט דעם נייעם ארץ זבת חלב ודבש אין דער קאָלאָניע ליפּטאָן, צווישן די קאַנאַדער פּרעריעס. מיר אָבער, יונגע אידעאַליסטן און אומדערפאַרענע יונגעלייט, נאָר וואָס אָנגעקומענע פון פּוילן, האָבן דאָס נישט באַמערקט.

מיר האָבן געפונען חסרונות אין אַמעריקע אויף יעדן שריט און טריט. די „סוועטשעפּער", דאָס פּעדלערייַ, דער הו-האַ, דאָס בהפקר'דיקע אַרט לעבן און דאָס געלט-געיעג

פון די יידישע אימיגראנטן, ווי אויך דער ראדיקאליזם, אנגעפירט דורך בנימין פייגנבוים און די יום-כפור-בעלער פון די אזוי גערופענע „פרייַדענקער", וואס זענען געווען פריי פון דענקען, האט זיך שווער געלייגט אויפן געמיט פון אונדז, די יונגע יידישע אימיגראנטן פון די קליינע פוילישע שטעטלעך.

האט מען דעריבער דעם זעלבן טאָג, ביי מיר אין שטוב, אויסגעארבעט א גענויעם פלאן פון א קאָאָפעראטיווער קאָלאָניע מיט אלע דעטאלן. מיר האבן באשלאסן צו אנטלויפן פון ניו-יאָרק און ווערן קאָלאָניסטן, יגיע כפים'ניקעס אין קאנאדע. מעקס קאָהן איז באַאויפטראגט געווארן זיך דורכצושרייבן מיט מענדעלע שיפער, בכדי פון אים צו באקומען צוגאָב-אינפארמאציעס.

אין א קורצער צייט נאכדעם, זענען מיר ארויסגעפארן קיין וויניפעג, דעם טויער צו מערב-קאנאדע. ביים אנקומען קיין וויניפעג האט אונדז אויף דער סטאציע אָפּגעווארט אן אימיגראציע-באאמטער, וואס האט באקומען א טעלעגראם, אז מיר קומען אָן. ער האט אונדז אויף מאמע-לשון אָפּגעגעבן א ברייטן שלום-עליכם און האט אונדז אריינגעפירט אין א פיינעם, ציכטיקן און ווארעמען אימיגראנטן-הויז, וואס ווערט אויסגעהאלטן דורך דער רעגירונג. אונדזער גרופע, וואס איז באשטאנען פון 6 פערזאָן, איז פון דער אייפנאמע געווארן ווארעם אויף דער נשמה. עפעס א קלייניקייט, א קאנאדער אימיגראציאָנס-באאמטער מיט א קאָקאָרדע און אין אן אוניפאָרם און רעדט א זאפטיקן יידיש. ער האט אונדז באטראכט, מיט זיינע קלוגע אויגן פון קאָפּ ביז פיס, און האט אונדז אינפארמירט, אז פון וויניפעג קיין ליפטאָן דארפן מיר נאך דורכמאכן בערך 500 מייל. ער האט אונדז געראטן, אז איידער מיר פארלאזן וויניפעג, זאלן מיר זיך פריער טרעפן מיט מיסטער העפנער, דעם פארשטייער פון י. ק. א., וועלכער וועט אונדז געבן די ריכטיקע עצה וואס צו טאָן. ער אליין איז געווען זייער סקעפטיש וועגן אונדזערע פלענער, און באטראכטנדיק אונדז, האט ער אונדז פאָטערלעך גע'עצה'ט: קינדערלעך, פארבלייבט אין וויניפעג, איר וועט זיך דאָ לייכטער איינארדנען. מיין פרוי האט צוגעשטימט צו מר. גודמאנס עצות און פרובירט אויף אונדז ווירקן, אז מיר זאלן מסכים זיין זיך איינצוארדנען אין וויניפעג צווישן יידן, אָבער מיר, די פיר לאנדסלייט, האבן נישט געוואָלט ענדערן אונדזערע פלענער. מיר האבן באשלאסן זיך צו טרעפן מיט דעם י. ק. א.-פאָרשטייער, העפנער, און אפילו ווען ער וועט אונדז מאכן שוועריקייטן, זאָלן מיר דאָך פאָרן קיין ליפטאָן.

דאס איז געווען נאָוועמבער 1908. די ווינטן אין מערב-קאנאדע האבן שטארק געבלאָזן און די קעלטן זענען געווארן שטארקער פון טאָג צו טאָג. מיר זענען אריינגעקומען צו מיסטער העפנער, וועלכער האט אונדז ווארעם אויפגענומען. ער אליין איז געווען אן אלטער קאָלאָניסט פון רוסלאנד און באארבעט א גרויסע פאַרם אין קאנאדע. נאכדעם ווי ער האט אונדז באטראכט, האט ער אונדז געזאָגט: קינדער, איר זייט נאַאיוו, איר וועט פארשווארצט ווערן און נאך א קורצער צייט וועט איר אוועקווארפן דאס לאנד שטארק אנטוישטע; עס איז נישט פאר אייך. דערביי האט ער מיט א שמייכל זיך געווענדעט צו מיר: יונגערמאן ווייזט מיר אייערע הענט. אנקוקנדיק זיי, האט ער צוגעגעבן מיט א לייכטן

חוזק: אייערע הענט זענען פאַר בלעטערן די גמרא און נישט פאַר ערד-ארבעט. מיר אָבער האָבן זיך איינגע'עקשנט און נים געוואָלט אויפגעבן דעם פּלאַן.

אין צוויי טעג ארום זענען מיר ארויסגעפאָרן פון ווינניפעג, און דעם 15-טן נאָוועמבער זענען מיר אנגעקומען קיין ליפּטאָן. דאָס האָזיקע שטעטל האָט פאַרמאָגט בערך 200 איינוווינער, צווישן זיי א 40 — 50 יידן.

מיר זענען אריין צו א יידישן קרעמער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט די יידישע קאָלאָניסטן, מר. משה באַלדאַן, האָט ער געהייסן. דאָס איז געווען א ייד, א חכם און א משכיל פון בעסאַראַביע. ער האָט אויף אונדז געהאַט רחמנות און אויך ער האָט אונדז געראָטן, אז אויב מיר האָבן אויף הוצאות, זאָלן מיר זיך אומקערן קיין ניו-יאָרק אָדער קיין ווינניפעג. דאָס ווילדע לעבן אין די פּרעריעס איז נישט פאַר יידן, וואָס קומען פון ניו-יאָרק — האָט ער געזאָגט. ער האָט אונדז פאַרבעטן אויף אָוונט-ברויט, בעת וועלכער ער האָט אונדז דערציילט די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין מערב-קאַנאַדע. ער אליין איז געווען פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, וואָס זענען געקומען אהער פון בעסאַראַביע נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם און האָט די געשיכטע גוט געקענט.

אין יאָר 1903 האָט די י. ק. א. צוזאַמען מיט דער קאַנאַדער רעגירונג, געבראַכט 200 יידישע משפּחות פון רומעניע און זיי באַזעצט ארום ליפּטאָן, קופּער, דייזערט און סאַסק. דער מענטשן-מאַטעריאַל איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו פאַרמעריי. דאָס זענען מערסטנטייל געווען יידן אָן א באַשטימטער באַשעפטיקונג. די „מומע י. ק. א.", האָט זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין פּויערים און האָט דערביי פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן זיי מיט ספּעציפיש יידישע אנשטאַלטן, ווי: א שוחט, מוהל, מלמד, מקווה א. א. וו. דער קריסטלעכער פאַרוואַלטער ארטשו מעק נאַב, האָט נישט פאַרשטאַנען און זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט די יידישע הצטרכות'ן. עס האָט געטראָפן, אז מען האָט ביי אים באַשטעלט מצות אויף פּסח, זענען זיי אנגעקומען דעם צווייטן טאָג שבועות... די יידישע פאַרמערס פון רומעניע, האָבן שטאַרק געהאַלטן פון יאָר-צייט נאָך זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים. איינמאָל האָבן זיי באַשטעלט ביים פאַרוואַלטער יאָרצייט-ליכט, האָט ער געבראַכט א גאַנצן וואַגאָן אזעלכע ליכט.

פיל אזעלכע טראַגי-קאָמישע פּאַסירונגען האָט אונדז משה באַלדאַן דערציילט, בכדי אָפּצוקילן ביי אונדז דעם חשק צו פאָרן אויף דער קאָלאָניע. מיר האָבן ביי אים גענעכטיקט און צומאָרגנס זענען עטלעכע יידישע קאָלאָניסטן געקומען צו אים קויפן פאַרשיידענע זאַכן. זיי האָבן אונדז באַטראַכט מיט ביטול און רחמנות. נו, חברה, האָט איינער זיך אָפּגערופן צו אונדז, אויב איר ווילט פאַרשוואַרצט ווערן, קומט מיט מיר און איך וועל אייך פירן צו מענדעלע שיפער. מיר האָבן זיך געשלעפּט ביז האַלבע נאַכט, ביז מיר זענען אנגעקומען צו מענדעלע שיפער, וועלכער האָט אונדז אין זיינע בריוו אגיטירט צו ווערן קאָלאָניסטן. מיר האָבן אים אויפגעוועקט פון שלאָף. זיין דירה איז געווען זייער א שמוציקע, ווייל ער האָט געוווינט אליין אָן זיין פרוי און קינדער, וועלכע זענען נאָך געווען אין פּוילן. מיר זענען אלע געווען הונגעריק ווי די וועלף און זייער מיד פון וועג. ער האָט פאַרגעלייגט

מיין פרוי זיך צולייגן אויף זיין געלעגער און די מענער זיך אוועקזעצן ביים טיש, בכדי זיך דורכצושמועסן. מיין פרוי האט זיך נישט געקאנט צורירן צו דעם שמוציקן געלעגער און צוזאמען מיט אונדז זיך אוועקגעזעצט ביי א לאנגן טיש, אדורכצושמועסן זיך וועגן „תכלית".

מענדעלע שיפער האט אונדז געבעטן רעדן שטיל, ווייל זיינע קינדער ד. ה. זיינע תלמידים שלאפן אונטער דעם טיש. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז חוץ א פארמער איז ער אויך א מלמד און א בריוו - שרייבער פאר די יידישע פארמער און פארמערקעס, וועלכע קענען נישט שרייבן.

אונדזער בעל מדבר, מעקס קאהן, פרעגט אים: היתכן? ווו איז יושר? אזא ייד ווי איר, זאלט אזוי מגזם זיין אין דער אינפארמאציע? איר האט געשריבן, אז דא איז פאראן ערד בחינם, מיט גענדז, הינער און קאטשקעס, מיט בהמות און פערד און צום סוף לאזט זיך אויס א בוידעם?

יא, האט מענדעלע שיפער געענטפערט גאנץ קאלטבלוטיק: די אלע גוטע זאכן זענען טאקע דא פאראן. ערד איז דא גענוג, נאר מיט א 100 מיילן ווייטער פון דאנען, גענדז און הינער מיט בהמות און פערד זענען אויך דא, נאר ביי די דייטשע קאלאניסטן, וואס זענען געקומען אהער מיט א 10 — 15 יאר צוריק... מיר אבער די י. ק. א. קעסט - קינדער מאטערן זיך. איך האב אייך קיין ליגן נישט געשריבן... איך האב געגלויבט, אז צווישן אייך וועט זיך געפינען כאטש איינער מיט עטלעכע טויזנט דאלאר און איך וועל קענען פארקויפן מיין פארם און אהיים פארן צו מיין משפחה קיין טאמאשאוו - לובעלסק אין פוילן. איר דארפט פונדעסטוועגן נישט זיין פארצווייפלט, איר וועט אלע באקומען ארבעט ביי די יידישע קאלאניסטן, דא...

בשעת דעם האזיקן שמועס האבן מיר באמעריקט הענגען אין ווינקל א ווורשט. אונדזערע הונגעריקע אויגן, זענען געווען געווענדעט צום ווורשט. איך האב די גאנצע צייט געשוויגן, אבער דער הונגער האט מיך געצוווּנגען צו רעדן. רבי מענדעלע, האב איך זיך צו אים אפגע- רופן, וואס איז מכוח עסן? און וויז אים אן אויפן ווורשט. רבי מענדעלע גיט זיך א גלעט זיין שווארצע, אבער שוין באזילבערטע לאנגע באָרד און ענטפערט מיט א גמרא ניגון: קינדער, דער ווורשט איז לכבוד שבת. גייט ארויס אין גארטן וועט איר אויסגראבן א רעטער, וואס איך האב פארזייט נאך אין פרילינג...

די נאכט איז, פארשטייט זיך, געווען ביי אונדז א ליל שימורים, יעדער איינער האט זיך נעפילט מיאוס אפגענארט, אבער אלע האבן געשוויגן. נישט האבנדיק קיין אנדער ברירה, האבן מיר זיך צומארגנס פארדונגען אלס ארבעטער צו אייניקע יידישע קאלאניסטן. איך מיט מיין פרוי האבן זיך פארדונגען אויף דריי חדשים פאר 100 דאלאר צו א יידישן פארמער פון רומעניע מיטן נאמען זעליק יונה.

יארן לאנג זענען די רומענישע יידן געזעסן אויף זייערע פארמעס, אבער געענדיקט האט זיך אלץ מיט גארנישט. די יוגנט איז אוועק אין די שטעט ארבעטן אדער שטודירן און אויך די עלטערע האבן ביסלעכווייז פארלאזן זייערע פארמעס. נאר געציילטע זענען געבליבן אויפן ארט און האבן זיך אויך ארויפגעארבעט און געווארן רייך.

א קללה איז געלעגן אויף דעם באראָנס שטיצע פאר די יידישע פארמערס. די באאמטע

פון י. ק. א. זענען אלע געווען אסימילירטע יידן פון פאריז, וואס האבן זיך באצויגן מיט ביטול און אנטיפאטיע צו אונדזערע יידן און געקוקט אויף זיי פון אויבן אראפ. זיי האבן זיך נישט געזארגט פאר די גייסטיקע הצטרכות'ן פון די קאָלאָניסטן און האבן זיך באצויגן צו זיי שטיפמוטעריש. די קאלאניסטן האבן דעריבער נישט געהאט צו זיי קיין צוטרוי און אויך זיי אפגענארט ווו עס האט זיך נאר געלאזט.

איך האב געזען ביי א יידישן קאלאניסט א בילד אויף וועלכן עס זענען געווען פאטא-גראפירט א גרופע קאלאניסטן צוזאמען מיטן קאנאדישן אגראר מיניסטער אויף פאראקערטן באדן. דער קאלאניסט איז געווען שטאלץ מיט דער פאטאגראפיע און האט מיר דערציילט, אז ער האט די פיר אקער באדן ספעציעל געלאזט פאראקערן צום פאטאגראפירן...

יידן האבן פיל גרעסערע גייסטיקע באדערפענישן ווי די געוויינלעכע פויערים און קענען אן דעם נישט לעבן. וואלטן די י. ק. א. אדמיניסטראטארן דאס פארשטאנען, וואלטן דאן די רעזולטאטן געווען פיל בעסערע. זיי האבן דאס אבער נישט געוואלט, אדער נישט געקענט, פארשטיין. די ערד איז געווען הארט די י. ק. א. באאמטע — נאך פרעמדער און הארטער.

מיר יידן זענען דאך געווען און געבליבן אן עם הספר. עקאנאמישע אומשיכטונג מוז ביי אונדז גיין צוזאמען מיט גייסטיקער אנטוויקלונג און נאר דאן קען קאלאניזאציע האבן דערפאלג. דער בעסטער ביישפיל קען דינען ארץ-ישראל.

דערפאר הארף מען זיך נישט וונדערן, וואס די מערסטע פון די קאלאניסטן זענען סוף כל סוף אוועק פון זייערע פארמעס און צוזאמען מיט זיי אויך מיר די קראסניסטאווער אימיגראנטן. נישט געקוקט אויף אונדזער הארטנעקיגן אידעאליזם, זענען מיר דאך געצוואונגען געווען צוריקצופארן אין די שטעט, ווו מען קען זיך בעסער גייסטיק אויסלעבן.

פֿערזענלעכקייטן

א נאָמען באַדעקט מיט קדושה

★

א. געלבערג

„זיגעלבוים־בוך“, צונויפגעשטעלט דורך י. ש. הערץ, צייכנונג פון שער־בלאַט — י. שלאָס, 408 זייטן, בילדער, ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון די בונדיסטן אין מעקסיקע, פאַרלאַג „אונדזער צייט“, ניו־יאָרק, 1947.

די אנגענומענע מאָס פון רעצענזיע, פון קריטישער אפשאַצונג איז נישט גילטיק פאַר אַ בוך פון אַזאַ כאַראַקטער און גאַנץ באַזונדער טאַקע פאַר דעם זיגעלבוים־בוך. אויף דעם שטח פון 408 זייטן, מיט די צוגעגעבענע בילדער, האָרפן מיר בלויז אויסגעפינען, צי דער צונויפשטעלער האָט אריינגעגעבן אַלע יענע מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דעם לעבן פון אונדזער קדוש, און צי איז דער מאַטעריאַל אַזוי געטאָשט און איבערגעזיפּט געוואָרן, אַז זיי זאָלן אויף דעם בולטסטן אופן, אויפשיילן פאַר אונדז די מעגלעכסט דינסטע שטריכן פון דער געשטאַלט, פון דעם כאַראַקטער, וואָס צייטן און דורות וועלן אויפנעמען אונטערן נאָמען: **אַרטור זיגעלבוים — דער מאַרטירער.**

ווי עס זעט אויס, האָט דער צונויפשטעלער — י. ש. הערץ — דאָס טאַקע געמאַכט פאַר דעם עיקר פון זיין אויפגאַבע. ווייל שוין די אריינפיר־ווערטער נעמען אונדז דורך מיט אַ תפילה׳דיקער דערהויבנקייט און באַהויכן אונדז מיט דער לופט פון לויטערקייט און קדושה, מיט דעם געמיט פון יראת הכבוד.

אַט זענען די אריינפיר־ווערטער:

„פון דער טיפעניש פון פאָלק איז ער געקומען און צו די העכסטע שפּיצן פון פאָלקס־טרוימען איז ער דערגאַנגען. איינער פון דער פאָדערשטער מחנה, פון די ערשטע צום קאַמף און גרייט צום קרבן. אויף די בלעטלעך פון דעם בוך — אַן איבערפלאַנצונג פון זיינע געפילן און געדאַנקען. לאָמיר ווידער הערן זיין האַרץ קלאַפּן, זאָל די שטים ווידער קלינגען

און זיין געשטאַלט זאָל פֿון אונדזער אויג נישט פֿאַרשווינדן. פֿון די פֿאַרבליבענע ווערטער און טאַטן וועט ווייטער דער אָטעם פֿון לעבן״.

ווען מיר לייענען איבער די ערשטע 29 זייטן, אויף וועלכע י. ש. הערץ מאָלט אויס שמואל מרדכי זיגעלבוימס גאַנג אין דער וועלט אַריין, דערשפּירט מען ממש מיט אַלע חושים, אַז דער שלום-אַקאָרד פֿון זיין לעבן, זיין זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן, איז געווען אַ „נאַטירלעכער״ פּועל יוצא און, אַז די לעצטע ווערטער פֿון זיין געזעגענונגס-בריוו: — „איך קען נישט בלייבן שטיל, איך קען נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פֿון יידישן פֿאָלק אין פּוילן, וועמענס פֿאַרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראַכט״, — זענען אַ „לאָגישער״ פֿינאַל פֿון אַזאַ פֿאָלקס-קינד, וועמענס לעבן עס איז געווען געווידמעט אויסשליסלעך די פֿרייִדן און ליידן פֿון זיין פֿאָלק. און ווען זיין פֿאָלק ווערט אויסגעמאָרדעט, ווערט זיין פֿיזישע עקזיסטענץ אוממעגלעך; ווען אַרום איז בלויז טויט און פֿאַרניכטונג, ווערט פֿאַר אים ממש אוממאָראַליש זיין אייגן ווייטערדיק לעבן.

אַ באַשייד דערויף קריגט מען פֿון אַרטורס אָפּגעקליבענע אַרטיקלען גופֿא, וואָס גייען אַריין אין בוך, אונטער דעם קעפּל „מענטש און באַוועגונג״. פֿון זיי לויכט אַרויס אַזאַ סאָציאַליסטישע עמיק, וואָס איז געווען דער טרוים פֿון דורות און וועט פֿאַרבלייבן די בענקשאַפֿט פֿון יעדן איינעם, ביי וועמען דער באַגריף סאָציאַליזם איז נישט קיין שפּיל פֿון מאַכטקאָמבינאַציעס און אַ פֿאַרהאָרבענער גייעג נאָך מלוכה׳שע, אָדער אימפּעריאַלע זעלבסטאינטערעסן. די אַרטיקלען סקולפּטירן אַרטורן דעם בונדיסט מיט דעם פֿילבאַרסטן סאָציאַליסטישן האַרצן.

אין דעם בוך גייט אויך אַריין זיגעלבוימס אַרבעט אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש וועגן דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין פּוילן — אַן אַרבעט אַ וואָגיקע און אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע.

אָבער דער דראַמאַטישער טייל פֿונעם בוך איז דער, וואָס נעמט אַרום די ערשטע צייט פֿון דער דייטשער, בעסטיאַלישער הערשאַפֿט אין וואַרשע און זיין אַנטלויפֿן פֿון וואַרשע קיין אויסלאַנד, און טאַקע דורך נאַצי-דייטשלאַנד. די 211 זייטן, וואָס גיבן אונדז די כראָניק פֿון יענער צייט, לייענען זיך, נישט נאָר מיט אַ פֿאַרכאַפּטן און אויך פֿאַרשטיקטן אָטעם, נאָר ממש מיט אַ קאָפּ-שווינדלדיקער געשפּאַנטקייט, און גאַנץ באַזונדער דער סיפּור המעשה פֿון זיין אַנטלויפֿן. דווקא אין דעם רואיקן טאָן, אין די זאַכלעכע שילדערונגען, אָפּט אין בילדערישע פֿאַרבן, קריגן מיר נישט נאָר אַן אויסשעפּלעכע מגילה פֿון „אַנהויב פֿון חורבן״, נאָר מיר באַקומען שוין דעם שליסל צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער קאַטאַסטראָפֿע און, דער עיקר, צו דער אויסגעשטאַלטונג פֿון די כוחות, וועלכע האָבן, שפּעטער, מיט זייער מסירת נפֿש געשריבן די בלוטיקע בלעטער פֿון גבורה׳דיקן אומקום.

און דער טראַגישסטער טייל פֿון דעם בוך, זענען די 69 זייטן, וואָס אַנטהאַלטן דעם מאַטעריאַל און דאָקומענטן, אונטערן קעפּל: „צו די אויערן פֿון דער וועלט״. אַרטורס אויפֿטריט פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָרומס, זיין טעטיקייט אין דער פֿריערדיקער פּוילישער גלות-רעגירונג אין לאָנדאָן, ווי דער פֿאַרשטייער פֿון „בונד״, זיינע פֿאַרצווייפֿלטע ווענדונגען צו דער טויבער, גלייכגילטיקער וועלט וועגן אָפּשטעלן דעם נאַצי-פֿאַרברעכן איבער די

יידן אין פּוילן — דאָס זענען דאָקומענטן, וואָס שניידן אריין אין דער אייביקייט דעם שאַנדצייכן פון א תקופה אין דער וועלט (אפילו אויסער דער קאַפּיטאַליסטישער דייטשלאַנד), וואָס וועט באַצייכנט ווערן, ווי די תקופה פון געוויסנלאָזיקייט, די תקופה פון מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט.

פּאָעמעס און לידער (פון ז. שניאור, א. לעיעלעס־גלאַנץ, ז. סעגאַלאָוויטש, א. נ. שטענצל און וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי), ווי אייך א סעריע בילדער שליסן דאָס זיגעלבוים־בוך, דאָס בוך פון טראַגיק, דאָס בוך פון קדושה.

נישט איין מאָל האָט מען זיך שוין געפּילפּולט אין דער יידישער־פּובליציסטיק, צי האָט זיגעלבוים געדאַרפט אזוי האַנדלען, ווי ער האָט געהאַנדלט, בפרט זיגעלבוים דער סאָציאַליסט, זיגעלבוים דער בונדיסט. אין זיגעלבוימס זעלבסטמאָרד האָבן געוויסע יידן־חכמים פּרובירט זען דעם פילאָזאָפישן סוף פון אן אידעאָלאָגיע אין יידישן לעבן, און נישט די רעגונג, דאָס פייער פאַר דעם איבערמאָרגן פון אונדזער געשיכטע. איז גוט, וואָס אין בוך געפינען זיך די בריוו, די אָפּרופן, די נעקראָלאָגן, פון אזעלכע ווי יאַן קאַרסקי, פּראָפ. קאָט, ה. לייוויק, זיגמונט נאָוואַקאָווסקי, מאַריעק אָרטשינסקי און אַנדערע (נישט רעכנענדיק די אייגענע, נאָענטע צו אַרטורן). און גראָד די זייטיקע און ווייט זייטיקע באַדעקן דעם נאָמען זיגעלבוים מיט דעם ריכטיקן געשיכטלעכן קדושה־מאַנטל.

ווערן מיר געוואויער פון מאַרק אָרטשינסקיס ווערטער, אז „ערשט דער טראַגישער טויט פון פּרעכטיקן אידעאַליסט פון „בונד”, דעפּוטאַט זיגעלבוים, האָט אויפגעטרייסלט די ענגליש־רעדנדיקע וועלט”... און אז די טאַט „איז דאָס געוואָרן א ווענדפּונקט אין דער באַציאונג פון די אַליאַנטן צו דער פראַגע. פון דאַמאָלט אָן האָבן קיין פּוילן אָנגעהויבן אָנקומען הילפס־מיטלען, וואָס האָבן אין א גרויסער מאָס צוגעהאָלפן צו דער רעטונגס־אַקציע. גלייכצייטיק מיטן פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער לאַגע, האָט מען אַלץ מער גענומען פאָדערן נייע באַריכטן וועגן דעם מצב פון די יידן אין פּוילן”.[1]

ווייסן מיר דאָך, אז די הילף איז געווען אזא געוואַלדיקע, אז — און מיר זענען דאָך עדות פון דעם סוף... אָבער ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַרטורס לעצטער זעץ מיט זיין קאָפּ אין דער בלינדער וואַנט, האָט פּאַרט א קלונג געטאָן אין די טויבע אויערן. דער עיקר אָבער ווייזט דאָס אונדז און די קומענדיקע דורות אונדזערע, אז אין אַרטורס זעלבסטמאָרד ליגט נישט נאָר א לעצטער פאַרצווייפלונגס־פּרוּוו, א לעצטער טעאַטראַלישער זשעסט אויפצורודערן דאָס געוויסן פון דער וועלט, נאָר א פיל טיפערער זין, א פיל גרעסערער איצר און דאָס איז אין אומבאַגרענעצטע טרייהייט, אין אומבאַגרענעצטע ליבע צו זיין פאָלק, אזא ליבע, וואָס ווייסט נישט פון קיין מחיצה צווישן לעבן און טויט.

דאָס איז די געשטאַלט פון ש. מ. זיגעלבוים. אזוי איז זיין כאַראַקטער געווען געפורעמט. און דאָס שטעלט אויף דאָס זיגעלבוים־בוך, איז דאָס א גוט־באַלאַנסירטע אַרבעט, א סאָלידער און א ווירדיקער פּאַסאַד פאַר א פּיעטעטיקן זיגעלבוים־מאָנומענט.

י. ש. הערץ

שמואל מרדכי זיגעלבוים (ארטיר)

(ביאָגראַפיע)

שמואל מרדכי זיגעלבוים איז געבוירן געוואָרן דעם 21־טן פעברואר 1895 יאָר, אין דאָרף באָראָוויצאַ, לובלינער גובערניע, ביי קראַסניסטאַוו. אין געבורטס־אָרט האָט ער פאַרבראַכט די ערשטע פיר יאָר פון זיין לעבן.

אין 1899 האָט די פאַמיליע זיך איבערגעצויגן אין שכנותדיקן שטעטל קראַסניסטאַוו, וווּ שמואל מרדכי האָט פאַרבראַכט די וויכטיקסטע אכט יאָר פון זיין קינדהייט. האָט זענען געווען שווערע קינדער־יאָרן.

דער טאטע, יוסף, אדער יאָסקע דער לערער, ווי מ'האט אים אין שטעטל גערופן, איז געווען א ייד א חלוש. א הויכער און א דארער, וועמען דער הוסט האט נישט אפגעלאזט. און דערצו א לייד־נשאפטלעכער רויכערער. אט דער ייד מיטן געלבלעך־שפיציק בערדל איז געווען גוט באקאנט צווישן די קראסניסטאווער קינדער און יוגנט, וועלכע האבן זיך ביי אים געלערנט שרייבן. הגם יאסקע דער לערער איז געווען א ייד א פרומער, האט מען אים דאך געהאלטן פאר אן אויפגעקלערטן, ווייל ער פלעגט לייענען ביכלעך און צייטונגען.

די מאמע, העניע, איז געווען א הויכע ברייט־פלייציקע יידענע. זי איז די טאכטער פון ר' יעקל שוחט, א חשובן ייד, וועלכער איז אחוץ שוחט אויך געווען מוהל פון שטעטל און חזן אין בית־מדרש פון קראסניסטאוו. דער קראנקער יאסקע דער לערער האט פון זיינע קליינע פארדינסטן די פאמיליע נישט געקענט מפרנס זיין. איז די שווערקייט פון עול פרנסה געפאלן אויף דער פרוי. זי האט געשטאמט פון א לומדישער משפחה און אליין איז זי געווארן א שניידערין. אויף זינגערס א ניי־מאשין האט זי גענייט קליידלעך. אין שטעטל האט זי דערפאר באקומען דעם נאמען — העניע די שניידערין. די ארבעטס־הענט און די ברייטע פלייצעס פון דער מאמען זענען געווען דער גרונט־זייל פון דער היים, וווּ עס זענען כסדר צוגעקומען יינגלעך און מיידלעך און ס'איז אויסגעוואקסן א צאלרייכע פאמיליע (11 קינדער).

פון ביידע פרנסות — לערעריי און שניידעריי — איז צום לעבן געגוג נישט געווען. זענען דעריבער די קינדער־יארן פון שמואל מרדכי געווען באגלייט מיט הונגער און נויט. פונדעסטוועגן האט ער אין דער פולער מאס פארזוכט פון דער קינדערשער פרייד, וואס איז אין יענער צייט מעגלעך געווען אין שטעטל פון דער פויליש־יידישער פראווינץ. געוווינט האבן זיי ביים טייך וויעפזש און אין נאנטער שכנות פון טריסקער חסידים־שטיבל. די שיינקייט און סודותדיקייט פון טייך, און דאס האוונען און געזאנג פון די טריסקער חסידים האבן זיך צוזאמענגעמישט און געשאפן די אטמאספער פארן פאנטאזירנדיקן קינד.

אפשר דא, ביים ברעג פון טייך וויעפזש, געפינט זיך דער אורקוואל פון זיינעלבוימס שפעטערדיקע שטימונגען און פון זיין שטארקער ליבע צום יידישן פאלק; אפשר דא איז אויך געווען דער אור־קוואל פון זיין סענטימענט צום פוילישן פאלק. דער באלעבאס פון זייער דירה איז געווען א קריסט. פון די קארגע פארדינסטן האבן טאטע־מאמע נישט געקענט שפייזן די גרויסע פאמיליע, אפשיטא צאלן דירה־געלט. דער קריסטלעכער באלעבאס איז אבער געווען א גוטהארציקער מענטש, ער האט זיי פון דער דירה נישט ארויסגעווארפן און געלאזט וווינען אן געלט. דאס האט מסתמא שטארק מיטגעהאלפן, אז ביים יונגן זינגעלבוים זאלן אויפקומען פריינדלעכע געפילן צו ניט־יידן.

ביז צען יאר האט שמואל מרדכי געלערנט אין חדר און דורכגעמאכט דעם וועג פון דרדקי־מלמד ביזן גמרא־מלמד. קיין גרויסער למדן איז ער אבער פון די חדרים נישט ארויס. זיין קאפ איז נישט געווען ביים לערנען, כאטש מ'האט אים געהאלטן פאר איינעם פון די פעאיקסטע תלמידים. אן באזונדערער אנשטרענגונג האט ער זיך שנעל אויסגעלערנט דעם שיעור; דאס געלערנטע איז אבער נישט אריין טיף אין אים. ווארום זיין קאפ און הארץ איז געווען פארנומען אנדערשוווּ, עס האט אים געצויגן צו דער גאס, צום טייך, צום פעלד, צו שטיפעריי, שפיל און טרוימעריי.

צווישן די חדר־יינגלעך האט שמואל מרדכי תמיד פארנומען דעם אויבנאן. ער האט

פארמאגט א סך ענערגיע און איניציאטיוו. אין יעדער קינדערשער אונטערנעמונג און שפיל איז ער געווען דער נאטירלעכער פירער.

די נויט אין דער היים האט דערגרייכט אזא שטופע, אז אין עלטער פון צען יאר האט ר' יעקל שוחטס איניקל אין חדר שוין נישט געקענט גיין. אין יענער צייט האבן א פאר יידן געמאכט א שותפות און געעפנט אין קראסניסטאוו א גרויסע פאבריק פון הילצערנע אפטייק-פודעלער. שטעטלשע יידן האבן געזאגט, אז מען מאכט דארט פודעלעך פאר פארכעס, ווייל זיי זענען געווען באשטימט פאר מאשטשן. די פאבריק האט זיך געפונען אויף דער גראבליע, אין ארימערן טייל פון שטעטל, אויף דער צווייטער זייט פון טייך וויעפוש, וווּ עס גייט דער וועג קיין זאמאשטש. עס זענען געווארן באשעפטיקט בערך הונדערט פאר ארבעטס-הענט, כמעט בלויז קינדערשע. די קינדער זענען טאקע געקומען פון די ארימע שטיבן אויף דער גראבליע, אבער איינצלנע זענען געקומען אויך פון דער צווייטער זייט וויעפוש, פון מיוחסדיקע פאראָרימטע פאמיליעס. איינער פון זיי איז געווען יאסקע לערערס ייִנגל, פאר וועלכן ס'איז נישט געווען צו צאלן קיין שכר-לימוד און וועלכער האט נישט געהאט קיין חשק צו גיין אין בית-מדרש אריין לערנען.

אין דער פאבריק האבן געארבעט יינגלעך און מיידלעך. די יינגלעך האבן געשניטן די דינע האלץ-פאסן און די מיידלעך האבן זיי צוזאמענגעקלעפט אין רונדיקע פארמען. געצאלט האט מען פון 20 ביז 30 גראשן א טאג. שמואל מרדכי פלעגט דעם פארדינסט אהיימברענגען און צושטייער געבן אויף פרנסה. תמיד איז ער געווען הונגעריק. אין שייכות מיט דעם איז געקומען זיינס אן אויפטו אין דער פאבריק, וואס האט אים פארשאפט א סך פרייגד צווישן די קינדער-ארבעטער און גורם געווען א שטורם צווישן די באלעבאטים.

אין א געוויסן טאג האט מען זיך ארומגעזען, אז דער פאפ, וואס ווערט באנוצט צו באשמירן די עקן פון די פודעלעך, טויג נישט. די צוגעקלעפטע עקן האלטן זיך נישט צוזאמען. נאך א חקירה ודרישה איז פעסטגעשטעלט געווארן די סיבה. כדי דער פאפ זאל האבן די נויטיקע פעסטקייט האט מען אין מעל אריינגעטון א סכום ווייסן קעז. איינמאל איז דער 11-יאריקער שמואל מרדכי געקומען צו א גרופע הונגעריקע קינדער-ארבעטער און זיי אויפגעוויזן, אז ס'וועט קלעקן, ווען מען וועט אין מעל אריינשיטן ווייניקער און מיטן אפגעשפארטן קעז זיך אליין מחיה זיין. און ס'איז אוועק א גאנג. וואס ווייטער, האבן די קינדער אלץ מער גענאשט דעם קעז און ווייניקער אריינגעטון אין פאפ. ביז ס'איז געקומען צו א קאטאסטראפע. איינער פון די באלעבאטים, חיים ברוך האלץ-הענדלער, האט דעם ענין ליקווידירט אויף אזא פרימיטיוון אופן: יעדן טאג, ווען ער פלעגט אריינשיטן דעם קעז אין מעל, האט ער פאר די קינדער אין די אויגן אריינגעשפיגן און מיט דעם אפגעווינט די „נאשערס" פון זייער שלעכטער מידה.

אין דער פאבריק האט דער יונגער זיגעלבוים געהאט זיין ערשטע שווערע איבערלעבונג, ווען די פליגל פון טויט האבן א פאכע געטון איבער אים. ווייל ער איז געווען א פעאיקער און זיך געכאפט צו טון אפילו זאכן, וואס זענען געווען איבער זיינע כוחות, האט מען אים נעגעבן איינע פון די פאראנטווארטלעכסטע און אויך געפערלעכסטע ארבעטן. מען האט אים אוועקגעשטעלט ביי א שנייד-מאשין, ביי וועלכער מ'האט געדארפט לויט א באשטימטער מאס צושניידן די האלץ-פאסן. ביי דער ארבעט האט מיט אים פאסירט אן אומגליק.

שנייַדנדיק די פּאַסן צו די פּודעלעך, האָט ער איינמאָל מיטגעשניטן זיין אייגן פלייש און ביין — 2 שפּיצן פינגער פון זיין האַנט. דאָס ערשטע מאָל, ווען דער שוואַרצער טויט האָט אַ בלענד געטון פאַר זיינע אויגן. די צוויי פינגער האָבן זיך פאַרהיילט, בלויז אַ פּלאַטשיקייט ביי די נעגל האָט אים כסדר דערמאָנט די דורכגעגאַנגענע סכנה און דעם ווייטאָג, וואָס די שאַרף פון מעסער האָט אים פאַרשאַפט.

אַ שטיקל צייט נאָך דעם אומגליק האָט דאָס אַרבעטער-ייִנגל זיך אָנגעדונגען אין אַ בעקעריי, ביי זיינס אַ מומע. ער האָט געאַרבעט אַ צייט און איז אויך פון דאָרטן אַוועק. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען סך-הכל 12 יאָר.

ס'האָבן זיך געענדיקט זיינע קינדער-יאָרן אין דער היים, פונוואַנען די נויט האָט אים פאַרטריבן. אין 1907 לאָזט זיך דאָס 12-יאָריקע ייִנגל אין דער פרעמד, און דער גרויסער שטאָט וואַרשע. אַ קינד און השגחה איז און וואָרעמקייט פון טאַטע-מאַמע, איינער אַליין אין אַן אומרואיקער צייט און אין אַ צעברויזטן מענטשן-ים. ער קען אָבער פאָרט מער נישט ליגן אויף די האַרטע פּלייצעס פון קראַנקן טאַטן, און די שווער האָרעווענדיקע מאַמע ברענגט כסדר נאָך קינדער, וועלכע זויגן אויס אירע זאַפטן און נעמען צו איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער וועט פּרוּוון זיך שטעלן אויף אייגענע פיס, ווערן אַ מענטש פאַר זיך, פּרוּוון ס'מזל אין דער גרויסער הו-האַדיקער וואַרשע. זיבן יאָר פון זיין יוגנט-צייט האָט שמואל מרדכי זיגעלבוים פאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט זיבן מאָגערע יאָר, וואָס האָבן קיין פעטע נישט געהאַט איינצושלינגען.

אין דער גרויסער שטאָט האָט ער זיך גענומען צו אַ דריטער מלאכה: געוואָרן אַ לערן-ייִנגל ביי אַ הענטשקע-מאַכער. אַ צייט האָט ער געוווינט ביים מייסטער, געטון אַלע שטוב-אַרבעטן. דער מייסטער פלעגט אים אַמאָל מכבד זיין מיט קלעפּ. די קלעפּ פון מייסטער האָבן דאָס לערן-ייִנגל דערפירט צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ער איז איינמאָל אַנטלאָפן פון מייסטערס שטוב און אַ וואָך צייט געגעכטיקט אין גאַס, אויף אַ באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן. שפּעטער האָט ער זיך איינגעאָרדנט ביי אַ קראַסניסטאַווער פאַמיליע, וואָס האָט געוווינט אין וואַרשע. די דירה האָט זיך געפונען אויף ניי-קאַרמעליצקאַ גאַס (שפּעטער האָט מען די גאַס גערופן לובעצקעגאָ), ווו קיין נגידים האָבן נישט געוווינט. די אָרעמע קראַסניסטאַווער פרוי (אַ שוועסטער פון שפּעטער באַקאַנטן בונדישן טוער מנחם ראָזענבוים), וועלכע האָט שמואל מרדכין גוט געקענט פון דער היים, האָט אים אין אַ נויט געהאָלפן און באַמיט זיך צו פאַרגרינגערן זיין עלנט און הונגער.

אין דער פרייער צייט האָט דער רייף-ווערנדיקער ייִנגל ליב געהאַט צו שרייבן לידער. דאָס „פּאָעטישע שאַפן” האָט נישט בלויז באַפרידיקט אַ באַדערפעניש אויסצודריקן זיינע שטימונגען און געדאַנקען אָדער אונטערהאַלטן די האָפענונג צו ווערן באַרימט, נאָר איז אויך געווען אַ מיטל צו פטרן די צייט. וואָרום לאַנגע וואָכן און חדשים איז דער יונגער הענטשקע-מאַכער אַרומגעגאַנגען ליידיק, אָן אַרבעט. דער בעסטער טאָג איז פאַר אים געווען שבת. אין דעם טאָג זענען זיך צוזאַמענגעקומען באַקאַנטע קראַסניסטאַווער בחורים, צוזאַמען פאַרבראַכט און אויסגעהערט נייעס פון דער היים. און זיי, די קראַסניסטאַווער בחורים, זענען עס געווען די אוידיטאָריע, פאַר וועלכער דער יונגער פּאָעט האָט געלייענט זיינע לידער, געהערט זייער מבינות און אַמאָל באַקומען אַן אויפמונטערנדיק וואָרט. און כאָטש די פריינד האָבן אים

געעצהט די לידער „אוועקטראגן אין רעדאקציע", האט אים דאך קיין מוט דערויף נישט געקלעקט.

א ראדיקאלע ענדערונג אין זיין לעבן איז געקומען מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האט דאמאלט באשלאסן צוריקצופארן אהיים קיין קראסניסטאוו. דארט איז ער נישט פארבליבן לאנג. אין 1915 האט זיין פאמיליע פארלאזט דאס שטעטל, וואס האט שטארק געליטן בעת די שלאכטן צווישן די רוסן און עסטרייכער, און זיך באזעצט אין כעלם. אין יענער צייט און אין יענער שטאט הויבט זיך אן זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, אין וועלכער ער האט זיך ארייגעווארפן מיט אלע זיינע חושים און לסוף אין איר זיך מקריב געווען.

דאמאלט שוין א רייפער 20־יאריקער יונגערמאן, קומט אן שמואל מרדכי זיגעלבוים ארבעטן אלס דינער אין א רוסישן מיליטערישן שפיטאל. אין דער נייער סביבה באקענט ער זיך מיט א פאר ראקטוירים, אינטעליגענטע מענטשן, וועלכע וועקן אויף ביי אים א שטארקן דראנג נאך בילדונג. אין א קורצער צייט ארום ווערט זיין אינטערעס געפאנגען פון דער דער־וואכנדיקער יידישער ארבעטער ־ באוועגונג.

שוין אלס קינד אין דער קראסניסטאווער פאבריק האט ער דורכגעמאכט א שטרייק. שפעטער, אין ווארשע, אין די יארן 1907 — 1914, איז אים אויסגעקומען זיך צו באטייליקן אין עקאנאמישע אקציעס. ער האט זיך אויך באטייליקט אין פאליטישן פראטעסט־שטרייק אין 1913, וועלכן דער „בונד" האט פראקלאמירט אין שייכות מיטן עלילת־דם־פראצעס, וואס די צארישע רעגירונג האט אינסצעניזירט אין קיעוו. אקטיוו אין דער באוועגונג איז ער אבער נישט געווען. די ערשטע בונדיסטן, וועלכע ער האט באגעגנט, זענען געווען די פירער פון הענטשקע־פאך אין ווארשע, אבער גאנץ צום „בונד" איז ער דאך נישט געווארן. זיין אלגעמיינע שטימונג איז דאמאלט געווען א נאציאנאליסטישע. אין סאציאליזם האט ער קיין אמונה נישט געהאט. א טיפע ענדערונג אין זיינע שטימונגען איז פארגעקומען אין 1915, אין כעלם.

ווען די עסטרייכישע חיילות האבן פארנומען די שטאט, איז, ווי אויפן גאנצן שטח פון דער דייטשער און עסטרייכישער אקופאציע, די ארבעטער־באוועגונג ארויס אויפן אויבערפלאך און איז זיך ברייט פאנאנדערגעוואקסן. נאך פון די רוסישע צייטן זענען געווען אין שטאט בונדיסטן, וועלכע האבן איבערגעהאלטן אלע שווערע רעפרעסיעס פון דער צארישער מאכט, ווי אויך די פארפאלגונגען פון דער יידישער שווארצער חברה און פון מוסרים. אויף א ספעציפישן כעלמער שטייגער האט מען אומגעבראכט אין די יארן 1906/7 די ארטיקע בונדישע ארגאניזאציע. מוסרים האבן צוגעשטעלט א רשימה וועגן עס לייענט צייטונגען, וואס דער „בונד" גיט ארויס, און מען האט אלע פון דער רשימה ארעסטירט.

נאכן פארנעמען די שטאט דורך די עסטרייכער איז אין כעלם געגרינדעט געווארן אן „ארבעטער־היים", צו וועלכער עס האבן געהערט מיטגלידער פון פארשידענע פארטייען. ש. מ. זיגעלבוים איז געווען אין דער פארוואלטונג פון דער „ארבעטער־היים". דאס איז געווען דאס ערשטע פעלד פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. שפעטער איז די „אר־בעטער־היים" אריבער אין רשות פון „בונד" און ארום איר האט זיך גרופירט די מערהייט פון די יידישע ארבעטער אין כעלם. אין יענער צייט זענען דארט געווען אקטיוו די בונדישע

טוער ד"ר מירלאס פון ווארשע און ד"ר ש. פענסטערבלוי פון קראקע, וועלכער האט אלס אפיציר פון דער עסטרייכישער ארמיי בעת דער אקופאציע געדינט אין ארטיקן גארניזאן. זיגעלבוים האט מיט ברען זיך געווארפן אין דער פראקטישער טאג = טעגלעכער ארבעט פון דער יידישער ארבעטער = באוועגונג, וואס האט זיך שטארק פאנאנדערגעבליט.

סוף דעצעמבער 1917 איז אין לובלין פארגעקומען דער 1=טער צוזאמענפאר פון די בונדישע ארגאניזאציעס אין פוילן, וואס האט זיך געפונען אונטער צוויי אקופאציעס — א דייטשער און אן עסטרייך = אונגארישער. די בונדישע ארגאניזאציע פון כעלם האט געשיקט זיגעלבוימען אלס איר דעלעגאט. אויף דעם צוזאמענפאר האט דער יונגער טוער צום ערשטן מאל זיך געטראפן מיט די וויכטיקסטע פירער און טוער פון „בונד". ער האט געמאכט זייער א גוטן איינדרוק מיטן זאכלעכן באריכט פון זיין שטאט, ווי אויך מיט זיין ערנסטן אינטערעס צו די באהאנדלטע פראבלעמען. אים גופא האט אמשטארקסטן אינטערעסירט די נאציאנאליטעטן = פראגע, וואס ער האט פארלאנגט פון צוזאמענפאר אויפצוקלערן. די סיבה דערפון איז געווען אי זיין פערזענלעכע שטארקע נאציאנאל = יידישע שטימונג, אי די שארפקייט, מיט וועלכער די פראגע איז געשטאנען אין כעלם, וואס האט געהאט א דריי= נאציאנאליטעטן = פראבלעם — יידן, פאליאקן און אוקראינער. אין יענער צייט איז אפילו געווען א שארפער פויליש = אוקראינישער קאנפליקט צוליב דער כעלמער געגנט.

די בונדישע באוועגונג אין כעלם איז זיך שטארק פאנאנדערגעוואקסן און זיגעלבוים איז געווען איינער פון אירע אקטיווסטע און פעאיקסטע טוער. די בונדישע ארגאניזאציע האט דעמאלט באקומען פאר זיך און פאר די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וואס זענען געשטאנען אונטער איר השפעה, אן אייגן הויז. אין א גרויסער מאס איז דאס געווען צו פארדאנקען די שטארקע באמיונגען פון זיגעלבוימען. דער כסדרדיקער אויפשטייג פון דער באוועגונג האט אים צוגעגעבן שוואונג אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט.

אליין אבער, אין פריוואטן לעבן, האט ער ווייטער געליטן נויט און געלעבט אין ארימקייט. נאך אין דער מלחמה = צייט האט ער חתונה געהאט. ער האט געארבעט אלס הענטשקעמאכער און די פרוי — גאלדע — אלס שניידערין. ביידנס פארדינסטן זענען אבער געווען אזוי קנאפ, אז ער האט געמוזט וווינען אין א קעלער = שטוב. זיין צייט איז געווען געטיילט צווישן גרויסן הויז פון די יידישע ארבעטער און דעם קעלער, ווו ער האט געלעבט מיט זיין פרוי און ערשטן קינד יוסף לייב.

דאס שווערע ארימע לעבן און די פארטיי = ארבעט, אין וועלכער ער איז געווען פארטון טאג און נאכט, האבן דעם יונגן ארבעטער = טוער נישט אפגעהאלטן פון זארגן פאר דער אייגענער אויסבילדונג. הגם דער פאטער איז געווען א לערער, האט אבער דער זון קיין שום נארמאלע שול נישט דורכגעמאכט און עס האבן אים געפעלט אפילו עלעמענטארע קענטעניש. מיט ענערגיע האט ער זיך גענומען צו דערגרייכן טיילווייז דאס, וואס ער האט אדורכגעלאזט אין די יארן פון דער קינדהייט און יוגנט. אין כעלם האט ער זיך נאנט באפריינדעט מיט א יונגער פוילישער אינטעליגענטין (פרוי פון אן אלטן סאציאליסט, פראפ. זיגמונט הערינג), און זי האט אים אנגעהויבן צו לערנען פויליש. אויך שפעטער האט ער די שפראך ווייטער געלערנט ביז ער האט זי גאנץ גוט באהערשט.

אין 1920 האט זיגעלבוים פארלאזט כעלם און זיך באזעצט אין ווארשע. דא עפנט

זיך פאר אים א נײַ און ברייט פעלד פון טעטיקייט. אין גרויסן יידישן ארבעטער-צענטער האט ער באקומען די מעגלעכקייט אויסצופלאכטן זײַן גרויסע ענערגיע און צו אנטוויקלען זײַנע ארגאניזאטארישע, רעדנערישע און שרייבערישע פעאיקייטן. דער נאמען — זיגעלבוים איז פאר די ווארשעווער יידישע ארבעטער ווײַטער געבליבן ווייניק באקאנט, דערפאר איז אבער גאר גיך געווארן פאפולער דער נאמען — חבר ארטור (זײַן פארטיי-פסעוודאנים).

דאס איז געווען אין דער צייט פון דער פויליש-רוסישער מלחמה. די בונדישע באוועגונג האט דאמאלט שטארק געליטן פון רעפרעסיעס. ס׳זענען געווען נוימיק נײַע טוער. דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד" האט באשלאסן ארויסצורופן קיין ווארשע דעם יונגן פראווינציעלן טוער. ער האט באלד באקומען צוויי פאראנטווארטלעכע פאסטנס. ער איז געווארן דער סעקרעטאר פון פראפעסיאנעלן פאראיין פון די יידישע מעטאל-ארבעטער און א מיטגליד פון ווארשעווער קאמיטעט פון „בונד". פון דעם מאמענט הויבט זיך אן זײַן גרויסער געזעלשאפטלעכער אויפשטײַג און גאר גיך ווערט ער איינער פון די צענטראלע טוער פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין פוילן.

יעדן פרימארגן האט ער פארלאזט זײַן דירה אין דער געדיכטעניש פון דער יידישער ארימקייט, אויף סטאווקי גאס, און זיך אהין אומגעקערט שפעט בײַנאכט, מיטגענעמענדיק מיט זיך א טאג פון רוישיקע איבערלעבונגען, אן א שיעור איינדרוקן און דערפארונגען, פרישע באקאנטשאפטן און נײַע פראבלעמען.

אויף עטלעכע געביטן האט ארטור אויסגעפרווט זײַנע כוחות. ער איז געווען אי א פאליטישער, אי א פראפ.-טוער. אויף בײַדע פעלדער איז ער ארויסגערוקט געווארן אויף די העכסטע אמטן. ער האט געוויזן זײַנע פעאיקייטן ווי אן ארגאניזאטאר, רעדנער און שרײַבער — אייגנשאפטן וואס גישט אפט פאראייניקן זיי זיך אין איין מענטשן.

שוין אין ערשטן צענדליק יאר פון זײַן בונדישער טעטיקייט אין ווארשע, האט ער דערגרייכט א רײַ העכסטע פאזיציעס, וואס די יידישע ארבעטער-באוועגונג האט פארמאגט. אויפן פארטיי-צוזאמענפאר, סוף דעצעמבער 1924, ווערט ער אויסגעוויילט אלס מיטגליד אין צענטראל-קאמיטעט פון „בונד". פון דאמאלט אן איז זיגעלבוים א שטענדיקער מיטגליד פון דער העכסטער אנפירונג פון „בונד", ווײַל אויף אלע ווײַטערדיקע פארטיי-צוזאמענפארן איז ער ווידער געוויילט געווארן.

דער אמט אלס סעקרעטאר פון פאראיין פון די יידישע מעטאל-ארבעטער אין ווארשע איז בלויז געווען א התחלה אויפן געביט פון דער פראפעסיאנעלער-טעטיקייט. ער איז דערנאך אריבער צו העכערע אמטן. א צייט איז ארטור געווען סעקרעטאר פון צענטראל-ראט פון די פראפעסיאנעלע פאריינען פון די יידישע ארבעטער אין ווארשע. אויף אזא אויפן איז ער געקומען אין בארירונג מיט די יידישע ארבעטער פון די פארשידנסטע פאכן, האט זיך באקענט מיט זייער לעבן און נויטן, מיט זייערע באמיונגען און קאמפן. אויפן דאזיקן אמט איז אים אויך אויסגעקומען צו פארבינדן די יידישע ארבעטער מיט די פוילישע אויפן באדן פון דער „ראדע" — דעם שטאטישן ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די פוילישע און יידישע ארבעטער אין דער הויפט-שטאט.

זיגעלבוים איז אויך געווען טעטיק אין לאנד-ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די יידישע ארבעטער אין פוילן (דאס איז געווען דער פארבאנד פון די יידישע ארבעטער-

פאראייגען אין גאנצן לאנד). ווי א מיטגליד און א לענגערע צייט ווי א סעקרעטאר פון לאנדראט איז אים אויסגעקומען צו באווירקן די טעטיקייט פון די פראפעסיאנעלע פאראייגען פון די יידישע ארבעטער אין אלע עקן לאנד. ביז 1930 איז ער אויך געווען רעדאקטאר פון די „ארבעטער = פראגן”, א פראפ. = צייטונג פון די יידישע ארבעטער.

מיט דעם האט זיך נישט אויסגעשעפט זיין פראפעסיאנעלע = טעטיקייט. ער האט אויסגעפירט נאך צוויי וויכטיקע פונקציעס. פון 1926 איז ער במשך פון איבער א צענדליק יאר געווען דער פאַרזיצער פון פראפעסיאנעלן פאראיין פון לעדער = ארבעטער אין פוילן — אן ארגאניזאציע, וואס האט ארומגענומען אי יידישע, אי פוילישע און אנדערע קריסטלעכע ארבעטער. ער האט פיל בייגעטראגן צום פאנאנדערבוי און וווקס פון דעם אינטערנאציאנאלן פראפעסיאנעלן פאראיין, וואס האט באדייטנדיק געהאלפן די שוסטער, גארבער און אנדערע מינים לעדער = ארבעטער פון פוילן צו פארבעסערן זייער לאגע. ווי א פארשטייער פון דעם לעדער = פאראיין, איז זיגעלבוים יארן לאנג געווען א מיטגליד פון דער העכסטער אינסטאנץ פון דער גאנצער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין לאנד — אין דער צענטראל = קאמיסיע פון דער פעדעראציע פון אלע פראפעסיאנעלע קלאסן = פאראייגען אין פוילן, אין וועלכער עס זענען געווען פאראייניקט די ארגאניזירטע ארבעטער פון אלע פעלקער אין דער פוילישער מלוכה. א מיטגליד פון דער צענטראל = קאמיסיע פון די פראפעסיאנעלע פאראייגען איז ער געווען פון יאר 1924. אזוי איז מיט זיין ווארט און טאט באווירקט געווארן די ארבעטער = באוועגונג אין פוילן.

פון יאר 1927 האט זיך פאר ארטורן געעפנט א נייע פעלד פון געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. אין יענעם יאר זענען פארגעקומען וואלן פון א נייעם שטאט = ראט אין ווארשע. די ווארשעווער ארגאניזאציע פון „בונד” האט אים ארויסגעשטעלט אלס איינעם פון אירע קאנדידאטן און צוזאמען מיט א ריי אנדערע בונדישע פירער איז ער דורך דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג געוויילט געווארן אלס איר שליח = צבור אין דער שטאט = פארוואלטונג. אויך אויף דעם פאסטן אלס ראטמאן פון ווארשעווער שטאט = ראט האט ער בארעכטיקט דעם צוטרוי, וואס מ'האט אים ארויסגעוויזן. די אנפארטרויטע פונקציע האט ער אויסגעפירט בשלימות. דער אמט פון ראטמאן איז געווען פון וויכטיקער באדייטונג, ווייל דער ווארשעווער שטאט=ראט האט געהאט צו טון נישט בלויז מיט קאמונאלע ענינים, נאר איז אויך געווען אן ערשט=ראנגיקע פאליטישע טריבונע — די שטים פון דער הויפט = שטאט.

א ריי טוער פון „בונד” איז אויסגעקומען א סך ארומצופארן און באזוכן די שטעט און שטעטלעך אין לאנד. ביי שטרייקן, וואל = קאמפאניעס, ערב פארטיי = צוזאמענפארן, ביי פארשידענע וויכטיקע געלעגנהייטן אדער סתם אויף א פארלעזונג פלעגן צענטראלע טוער קומען פון דער גרויסער שטאט אין דער ווייטער פראווינץ. זיגעלבוים איז געווען איינער פון די, וועלכער איז א סך ארומגעפארן. אחוץ דער דירעקטער שליחות, וואס ער האט געהאט צו דערפילן אויפן ארט, פלעגט ער קיינמאל נישט צוריקקומען מיט ליידיקע הענט. אויף די ערטער האט ער זיך נישט בלויז פאראינטערעסירט מיט די ענינים, וואס האבן געהאט א דירעקטע שייכות צו זיין שליחות, נאר זיין געניט און פארשעריש אויג איז ארייגעדרונגען אין די טיפענישן פון ארטיקן לעבן און אויפגעכאפט אייגנארטיקע שטריכן. צוריקקומענדיק קיין ווארשע, פלעגט ער אנשרייבן בילדער פון יידישן לעבן אין דער פראווינץ און זיי

אפדרוקן, אונטער דעם פסעוודאנים ז. ארטור, אין דער בונדישער פרעסע. דער שרייבער אין אים האט נישט געקענט בלייבן פאסיוו פנים אל פנים מיט די אינטערעסאנטע שטייגער-בילדער און פארשיידענע עוולות פון קליינשטעטלדיקע תקיפים און מאכערס, די „בערל קוטשמעס", ווי ער האט זיי גערופן. אין רעדן ווי אין שרייבן זאכלעך און לאגיש, האט ארטור געקענט נישט בלויז איבערציגן, נאר אויך מיטרייסן און דערהויבן.

די יידישע ארבעטער-באוועגונג אין פוילן איז געווען א פילזייטיקע, פול מיט שטורם און דראנג. פאר פעאיקע מענטשן איז זי אויך געווען א פעלד, וואס האט געגעבן שאנסן צו אנטוויקלען איינגעבוירענע טאלאנטן. ארגאניזאטארן און רעדנער, טעארעטיקער און שרייבער האבן געקענט ווייזן וואס זיי קענען. נישט יעדער האט געקענט אויסהאלטן דעם עקזאמען פאר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער יידישער ארבעטערשאפט. און נישט אלע, וועלכע האבן דעם עקזאמען יא אויסגעהאלטן, האבן פארמאגט דעם אימפעט, וואס זאל זיי אומאויפהערלעך טרייבן צו בלייבן אויף דעם שווערן פאסטן אין דער יידישער ארבעטער-באוועגונג. ביי זייערע איינגעבוירענע פעאיקייטן האבן א טייל נישט פארמאגט דעם אויסדויער אדער אפשר גאר דעם אידעאליזם, וואס איז נויטיק געווען צו שטיין אומגעבראכן אין שווערן געראנגל, וואס די יידישע ארבעטער האבן געפירט.

אין טאל פון נויט און עלנט, וואס זיגעלבוים איז דורכגעגאנגען אין די יארן פון זיין קינדהייט און יוגנט, האט ער שטענדיק געטרוימט זיך צו דערהויבן. ער האט זיך געשטעלט ערנסטע צילן און געשטרעבט זיי צו דערגרייכן. ס'איז דעריבער אין אים געווען א טיפע דאנקבארקייט צום „בונד", וואס האט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באפרייען די איינגעשלאסענע אין אים דרעמלענדיקע כוחות, צו אנטוויקלען זיינע פעאיקייטן און דיגען א גרויסער זאך. און הגם אין משך פון א קורצער צייט האט דער פראווינצער יונגערמאן גנזעלשאפטלעך א סך דערגרייכט און איז אויסגעוואקסן צו דער מדרגה פון א צענטראלן ארבעטער-פירער, און הגם ער האט געגלויבט און געהאט צוטרוי צו זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, איז דאך ביי אים נישט געווען קיין זעלבסטצופרידנקייט. פארקערט, עס האט אים שטענדיק באגלייט א געוויסע אומצופרידנקייט — נישט קיין ארגאנישער, וואס קען טרעפן ביי פארביטערטע מענטשן, נאר א געפיל, וואס קומט פון א ניכטערער אפשאצונג. די יידישע ארבעטער-באוועגונג איז געווען גרויס אין פארנעם און שיין אין איר אידעאליזם, אבער זי איז געווען ווייט פון שלימותדיקייט. ארטורן — דעם ניכטערן רעאליסט האט שטענדיק באגלייט ארטור — דער טרוימער. ער האט אויסגעצייכנט געקאנט אפשאצן וואס ס'איז יא מעגלעך און וואס איז נישט מעגלעך צו דערגרייכן. פונדעסטוועגן האט ער קיינמאל אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט זיך נישט געוואלט באפרידיקן מיטן מעגלעכן און דערגרייכבארן. ס'איז געווען אין זיין נאמור דאס אומאויפהערלעכע שטרעבן צום העכערן.

טאג און נאכט פארטון מיט אלע חושים אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, האט ער תמיד געזוכט נאך עפעס. ער ווענדט זיין אינטערעס אויך צו ליטעראטור און טעאטער, צו קולטור-טעטיקייט בכלל און אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן פארברענגט ער אפילו א יאר צייט אין אמעריקע מיט דער מיסיע צו פארשפרייטן דארט יידישע ביכער. שפעטער האט ער אן ענלעכע ארבעט אויך געטון אין פוילן, ווען ער איז געווארן דער אפיציעלער פארשטייער פון דער יידישער ענציקלאפעדיע.

מיט ליבע און דרך־ארץ האט ער זיך באצויגן צו די אלטע און אנערקענטע פירער פון „בונד". די דאזיקע פירער זענען אין זייער באנעמונג געווען העכסט דעמאקראטיש און פשוט. זיי האבן אין באציונגען צו מענטשן אפגעשאפט יעדע מחיצה צווישן זיך און דעם איינפאכסטן פארטיי־חבר און פארווישט יעדע דיסטאנץ. קיין שפור פון קוקן פון אויבן אראפ. אויב חברים האבן דאך געקוקט צו די אלטע פארטיי־פירער פון אונטן ארויף, איז עס געווען א טיפער געלייטערטער דרך־ארץ, א נאטירלעכער געפיל פון ליבע און פארערונג.

אין דעם פרט איז ארטור, וואס איז שוין געשטאנען אין סאמע שפיץ פון דער באוועגונג, נישט געווען קיין אויסנאם. פרייוויליק איז דורך אים אליין איינגעהאלטן געווארן אן אינערלעכע דיסטאנץ צו די אלטע פארטיי־פירער, וועלכע זענען פאר אים תמיד פארבליבן לערער און וועג־ווייזער, כאטש אין זיינע אנשויאונגען איז ער געווען און פארבליבן זעלבסטשטענדיק.

פון העכסט 1936 איז געביטן געווארן די ארענע פון ארטורס טעטיקייט. ער האט פארלאזט ווארשע און זיך באזעצט אין לאדזש.

דער אנערקענטער פירער פון די יידישע ארבעטער אין גרעסטן פראלעטארישן צענטער פון לאנד איז לאנגע יארן געווען ישראל ליכטענשטיין, איינע פון די שענסטע און איידלסטע געשטאלטן, וואס דאס פוילישע יידנטום האט ארויסגעגעבן. די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין לאדזש, וועמען ישראל ליכטענשטיין האט אוועקגעשענקט זיין לויטערע נשמה און פיינפילנדיק הארץ, איז נאך זיין טויט אין 1933 נאך מער פאנאנדערגעוואקסן.

די לאדזשער יידישע ארבעטער האבן פון זיך גופא ארויסגערוקט א ריי אויסגעצייכנטע טוער. די ארטיקע בונדישע באוועגונג — סיי די פארטיי, סיי די יוגנט־ארגאניזאציע — האט פארמאגט א גרויסע מחנה גוטע יונגע טוער, וועלכע האבן זייער פולע מאראלישע קראפט און ווערט ארויסגעוויזן באזונדערס בולט אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין שרעקלעכן געטא־גיהנום אונטער דער נאצי־ממשלה. דער פארלוסט פון ישראל ליכטענשטיין איז אבער געווען נישט צום פארגיטיקן. די שטארק אויסגעוואקסענע באוועגונג האט זיך גענויטיקט אין פירנדיקע פערזענלעכקייטן. און אזוי איז געבוירן געווארן דער געדאנק צו באזעצן אין לאדזש איינעם פון די צענטראלע בונדישע טוער. דער צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" האט געהאלטן, אז ארטור וועט זיין דער פאסיקסטער צו דער אויפגאבע. און הגם אן ענטוזיאזם, האט ארטור, ווי א דיסציפלינירטער מיטגליד, אויסגעפירט דעם פארלאנג פון צענטראל־קאמיטעט.

ארטור האט זיך באזעצט אין לאדזש, וואו ער האט זיך מיט דער גאנצער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט אריינגעווארפן אין דער ארבעט. אפיציעל דער סעקרעטאר פון דער לאדזשער ארגאניזאציע פון „בונד", איז ארטור פאקטיש געווען פארבונדן מיט אלע צווייגן פון דער באוועגונג. סוף 1938 איז ער אויסגעוויילט געווארן אלס ראטמאן פון לאדזשער שטאט־ראט, וואס האט אים געגעבן א מעגלעכקייט אויף אן אלגעמיינער שטאטישער טריבונע צו דערשיינען פאר דער עפנטלעכקייט. זיינע רעדעס אין שטאט־ראט האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זאך־קענטעניש, פרינציפיעלער אויסגעהאלטנקייט און מיט דעם דעצידירטן קאמפס־ווילן, וואס האט באהערשט די ברייטע שיכטן פון יידישן ארבעטנדיקן פאלק אין פוילן.

לאדזש, די צווייט גרעסטע שטאט פון פוילן, האט דאמאלט געהאט א שטאט־ראט

און מאגיסטראט מיט א סאציאליסטישער מערהייט. אויך דער „בונד" האט פארמאגט א שטארקע פראקציע. די מינדערהייט איז אבער באשטאנען פון פארביסענע ענדעקעס, אנטיסעמיטן. מיט זיינע מוטיקע רעדעס אין שטאט-ראט האט זיגעלבוים דעמאסקירט דעם רעאקציאנערן פאלקס-פיינדלעכן פרצוף פון די ענדעקעס און זייערע שותפים, פארטיידיקט די רעכט פון דער יידישער באפעלקערונג, אויפגעוויזן די פאלשקייט פון דער אנטיסעמיטישער דעמאגאגיע און איר אנטקעגנגעשטעלט די סאלידאריטעט פון די יידישע און פוילישע ארבעטער-מאסן.

אויף זיין פאראנטווארטלעכן געזעלשאפטלעכן פאסטן אין לאדזש איז זיגעלבוים פארבליבן ביזן אויסברוך פון מלחמה-שטורעם, אין סעפטעמבער 1939.

5 טעג נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה זענען שוין די דייטשע חיילות געשטאנען ביי די טויערן פון לאדזש. אונטערן שטארקן דרוק פון שונא איז דאס פוילישע מיליטער אפגעטרעטן און צוזאמען מיט די צעשאטענע פולקן האבן אויך מיטגעשטראמט מאסן פון דער ציווילער באפעלקערונג. זיי זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון ווארשע. אין דאזיקן מענטשן-שטראם האט זיך אויך געפונען שמואל מרדכי זיגעלבוים.

ער האט זיך דערזען פאר נייע, גרויסע און שווערע פאדערונגען, וואס האבן געפירט צווישן ברענענדיקע דערפער, אונטער קוילן און באמבעס פון די פיינדלעכע עראפלאנען. ביי אזעלכע אויסטערלישע באדינגונגען איז ער געגאנגען קיין ווארשע, ווו עס זענען אפגעלאפן זיינע בעסטע יארן און ווו ער איז געזעלשאפטלעך אויסגעוואקסן. אין דער זעלבער שטאט איז ער מיט בערך 3 צענדליק יאר צוריק געקומען ווי א פראווינצער יינגל צו זוכן ארבעט און ברויט, איצט איז געגאנגען א מענטש א רייפער מיט קרוב א פערטל יארהונדערט שטורמישער טעטיקייט אין דער ארבעטער-באוועגונג, וואס האט אים אויף איר רוקן ארויסגעהויבן הויך. שטויב און שווייס האבן באדעקט א פנים מיט קנייטשן, וואס דאס הארטע לעבן האט אויסגעקריצט.

געטריבן פון אימפעט צו דערגרייכן ווארשע נאך פאר די שנעל-מארשירנדיקע דייטשע חיילות, האבן אין זיין קאפ זיך געפלאנטערט פארשידענע געדאנקען; בילדער פון דער נאנטער און ווייטער פארגאנגענהייט האבן פארבייגעשוועבט און זענען פארטריבן געווארן פון די שרעקלעכע בהלה-בילדער, וואס דאס אויג זיינס האט איצט אויפגעכאפט אויף די וועגן און אין די ישובים צווישן לאדזש און ווארשע. צייטנווייז האט דער געדאנק זיך ארויסגעריסן פון דער קאשמארנער ווירקלעכקייט און זיך אוועקגעטראגן העט-ווייט, אבער אין דעם אלעם איז נישט געווען קיין אנונג פון דער גרויסער היסטארישער אויפגאבע, וואס דער גורל האט פאר אים צוגעגרייט. ער איז געשטאנען פארן מארגן מיטן זעלבן פראגע-צייכן, ווי אלע אנדערע.

זיין קומען קיין ווארשע האט געענדערט ראדיקאל דאס בילד. ער האט זיך דערזען פאר נייע, גרויסע און שווערע פאדערונגען, וואס ער האט גערן גענומען אויף זיך צו דערפילן.

דאנערשטאג, דעם 7-טן סעפטעמבער 1939, 2 ביינאכט האט ארטור, שוין מיט געשוואלענע פיס, זיך דערשלעפט קיין ווארשע. ער איז געקומען פון דער זייט פון דער פאר-

שטאט וואָליע און אנגעקלאפט אין דער וווינונג פון חבר אברהם קאסטעלאנסקי אויף לעשנא גאס. דארט האט ער זיך אפגערוט פון שווערן וועג.

זיין פלאן איז געווען צו גיין ווייטער, אזוי ווי צענדליקער טויזנטער אנדערע האבן געטון. מ'האט נאך האמאלט געלעבט מיטן געדאנק, אז ערגעץ-ווו אויף דער צווייטער זייט ווייסל וועט אויפגעשטעלט ווערן א פעסטע פארטיידיקונג-ליניע, וואו מ'וועט היטלערס געפאצערטע ארמייען געבן דעם געהעריקן ווידערשטאנד. געצוווּנגען זיין צו פאסיווקייט אונטער דער נאצישער טעראר-הערשאפט בעת דאס פאלק וועט טיפער אין לאנד פירן אן אקטיוון קאמף — דאס האט ער נישט געוואלט. פארן אוועקלאזן זיך ווייטער מיטן מענטשןשטראם האט ארטור געהאלטן פאר נויטיק זיך גוט אינפארמירן וועגן דער לאגע. ער איז צוליב דעם צוועק אוועק צום פירער פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ.פ.ס.) מיעטשיסלאוו ניעדזשאלקאווסקי. פון אים האט ער זיך דערוווּסט, אז מען האט פארווארפן דעם לכתחילהדיקן פלאן אפצוגעבן די הויפט-שטאט ווארשע אן א שלאכט. די פארטיידיקונג-כוחות וועלן זיין שוואכע, די אויסזיכטן אויף דערפאלג קליינע, אבער נישט געקוקט דערויף וועט זיך ווארשע נישט אונטערגעבן.

פון ניעדזשאלקאווסקין איז ארטור צוריקגעקומען א צערודערטער אין פאר א פאר נאנטע חברים האט ער דערקלערט, אז ער וועט פון ווארשע נישט אוועקגיין. ער וועט בלייבן צו זיין בייהילפיק אין דער פארטיידיקונג פון דער שטאט. טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן.

מיט א פרישן שטראם ענערגיע איז ארטור צוגעטראטן צו דער ארבעט. אויף א זיצונג פון א גרופע אנפירנדיקע פארטיי-חברים איז אויסגעארבעט געווארן א פלאן פון טעטיקייט פאר די נאענטסטע טעג. צווישן אנדערן איז באשלאסן געווארן, אז די „פאלקסצייטונג”, די טעגלעכע צייטונג פון „בונד”, זאל דערשיינען אויך בעת דער באלאגערונג, וואס האט זיך געדארפט אנהויבן א ליאדע טאג. ארטור איז באשטימט געווארן אלס דער פארבינדונגס-מאן מיט דער פוילישער ארבעטער-באוועגונג און יעדן טאג האט ער געזען זיך מיט די פירער פון פ.פ.ס. מיעטשיסלאוו ניעדזשאלקאווסקי און זיגמונט זארעמבא.

ארבעט איז געווען אן א שיעור. אין דער באלאגערטער ווארשע איז געווען איבער א מיליאן איינוווינער, צווישן זיי א פאר הונדערט טויזנט יידן. מען האט געדארפט זארגן פאר דער דיסציפלין פון דער יידישער באפעלקערונג, פאר איר אנטייל אין קאמף קעגן נאצי-שונא, פאר געבן איר די נויטיקע דרינגענדיקע הילף. און פונקט ווי ביי די פאליאקן איז דער אקטיווסטער עלעמענט אין דער דריי-וואכיקער פארטיידיקונג פון ווארשע געווען די ארבעטערשאפט, אזוי איז אויך געווען ביי די יידן.

ארטור איז געשטאנען בראש פון אט דער גרויסער ארבעט. ער האט געשריבן די אויפרופן צו די יידן זיך צו באטייליקן אין דער פארטיידיקונג פון דער שטאט און זיך פארשרייבן אין די פרייוויליקע קאמפס-באטאליאנען. יעדן טאג האט ער געשריבן ארטיקלען אין דער „פאלקס-צייטונג”, געווידמעט די ברענענדיקע טאג-באדערפענישן און אקטיוו זיך באטייליקט אין דער פראקטישער הילפס-טעטיקייט פאר דער יידישער באפעלקערונג.

די ארבעט איז געווען א פארצווייגטע — פון קאמף אין די אקאפעס קעגן נאצי-שונא ביז בויען קיכן פאר דער הונגעריקער באפעלקערונג. ארטור איז געווען אין אויבנאן פון

דעם אלעם. אויף אים איז אויך אויסגעפאלן די פליכט צו פארטרעטן די ווארשעווער יידן אין אלגעמיינעם פארטייידיקונג = קאמיטעט פון דער שטאט. די יידישע ארבעטער האבן זיך מאסנווייז געמאלדן אין די פרייוויליקע קאמפס = באטאליאנען. די יידישע סאציאליסטישע יוגנט, וואס איז געווען ארגאניזירט אין יוגנט = בונד „צוקונפט", האט אירע בעסטע און מוטיקסטע געהאט נישט בלויז אין די באוואפנטע קאמפס = אפטיילונגען, נאר אויך אין ספּעציעלע פייער = בריגאדעס. אנגעטון אין ארגאניזאציע = אוניפארם, איז די בונדישע יוגנט בעת די באמבארדירונגען טאג און נאכט געזעסן אויף די בוידימער און דעכער פון די הייזער, גרייט יעדע רגע צו לעשן די שרפות, וואס די דייטשע צינד = באמבעס האבן גורם געווען.

דער אומפארמיידלעכער סוף איז געקומען; נאך א העראישן אויסזיכטסלאזן קאמף ביזן לעצטן אטעם האט ווארשע זיך געמוזט אונטערגעבן. 21 טעג האט געדויערט די העלדישע פארטייידיקונג קעגן די באלאגערער; אין דער לעצטער רגע האט דער ארבעטער = פארשטייער אין דעם פארטייידיקונגס = קאמיטעט, מיעטשיסלאוו ניעדזשאלקאווסקי, זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן דעם קאפיטולאציע = אקט, דערקלערנדיק: „דער ארבעטער = קלאס גיט זיך נישט אונטער". דער שטאלצער זשעסט האט אבער נישט געקאנט ענדערן די פאקטישע לאגע. ווארשע מיט איר בראווער באפעלקערונג איז איבערגעגאנגען אייפן אומגנאד פון דער נאצישער מאכט. פאר דער יידישער באפעלקערונג האט זיך אנגעהויבן דאס שוידערלעכסטע קאפיטל, פון וועלכן די געשיכטע ווייסט.

באלד ביים ארײנמארש האט דער שונא פארלאנגט פון דער שטאט 12 פארשטייער פון דער באפעלקערונג אלס משכנות (זאקלאדניקעס), וועלכע זאלן מיט זייערע קעפ זיין פאראנטווארטלעך פאר די התחייבותן און ארדנונג פון דער שטאט.

דער שטאט = פרעזידענט סטעפאן סטאזשינסקי, וועלכער האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכנט בעת דער באלאגערונג, האט ארויסגערופן צו זיך די בונדישע טוערין אסתר איווינסקא (א שוועסטער פון וויקטאר אלטער) און איר דערקלערט, אז אויך די יידן דארפן צושטעלן זייערע פארשטייער אלס משכנות. ער האט פארגעלייגט דריי יידן — צוויי בונדיסטן און איין בירגערלעכן. אין רעזולטאט פון דעם געשפרעך איז געבליבן, אז יידן זאלן געבן בלויז צוויי פארשטייער — א בונדיסט און א בירגערלעכן. דער שטאט = פרעזידענט האט באשטימט, אז אסתר איווינסקא זאל זיין דער משכון מצד דעם „בונד". אסתר איווינסקא האט געענטפערט, אז זי קען די זאך אליין נישט דעצידירן, זי מוז זיך וועגן דעם באראטן מיט די אנפירנדיקע חברים פון „בונד". זי האט אים צוגעזאגט באלד צוריקצוקומען מיט א תשובה.

ס'איז גלייך צונויפגערופן געווארן א באראטונג פון די אנפירנדיקע חברים. ארטור האט דערקלערט, אז ער וועט פאר קיין פאל נישט דערלאזן נעמען א פרוי אלס משכון און מאקע זיך אליין פארגעלייגט אלס קאנדידאט. די איבעריקע אנטיילנעמער פון דער באראטונג האבן געגעבן הערויף זייער הסכם. פאר דעם איז אויף דער באראטונג פון די אנפירנדיקע בונדישע טוער בכלל ארומגערעדט געווארן די פראגע צי דער „בונד" זאל אין פרינציפ מסכים זיין צו געבן א משכון. ס'איז באשלאסן געווארן יא צו געבן, כדי נישט ארויפצוווארפן פון זיך די פאראנטווארטלעכקייט ווי פארשטייער פון דער יידישער באפעלקערונג.

חברטע אסתר איז אוועק צום שטאט = פרעזידענט און אים איבערגעגעבן וועגן דעם

באשלום פון „בונד“. פרעזידענט סטאזשינסקי האט גארנישט געהאט קעגן דער ענדערונג פון דער פערזאן, ער האט אבער אנגעוויזן אויף דער שוועריקייט וואס זיגעלבוים איז נישט קיין ווארשעווער איינוווינער, נאר א לאדזשער. לסוף איז אפגערעדט געווארן, אז מען וועט פעלשן די דאקומענטן. מען האט אים פארצייכנט ווי א ראטמאן פון ווארשעווער שטאטראט און אים אנגעגעבן ווי דעם פארשטייער פון די יידישע ארבעטער. בעת זיגעלבוים איז געווארן א זאקלאדניק אין ווארשע, האט אים די געסטאפא ארומגעזוכט אין לאדזש, ווו זי האט שוין געהאט ארעסטירט אייניקע אנדערע טוער פון „בונד“.

אויף אזא אופן איז ארטור באלד פרייוויליק אנטקעגנגעגאנגען דער ערשטער געפאר, איינשטעלנדיק זיין קאפ אלס גאראנטיע פאר דער באפעלקערונג פון ווארשע (דער צווייטער ייד פון די זאקלאדניקעס איז געווען אברהם געפנער, דער פירער פון די סוחרים).

אין א געוויסן טאג אין חודש אקטאבער 1939 האט פאליציי זיך ארויסגעלאזט אין ווארשע זוכן זיגעלבוימען. זי האט געהאט אייניקע אדרעסן, אבער אזוי ווי מען האט אים אין ערגעץ נישט געפונען, האט מען הערוויל גענומען משכנות פארן משכון. עס זענען געווארן ארעסטירט אנדערע מענטשן אין די אנגעגעבענע דירות. צווישן אנדערע האט מען אויך ארעסטירט זיגעלבוימס ערשטע פרוי, גאלדע, מיט וועלכער ער איז שוין געווען א סך יארן צעשיידט.*) דאס איז געווען אין דער צייט, ווען היטלער איז געקומען באזוכן די צעשטערטע הויפטשטאט פון פוילן און ביזיין אויפן פאראד פון זיינע זיגרייכע חיילות.

זייענדיק אליין א משכון — א גאראנט פאר דער גוטער אויפפירונג פון דער באפעלקערונג, איז זיגעלבוים גלייכצייטיק געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האבן געלייגט דעם פונדאמענט פון דער אונטערערדישער יידישער ארבעטער־באוועגונג. די ערשטע קאנפערענץ פון אונטערערדישן „בונד“ אין ווארשע, פון דער געהיימער ארגאניזאציע אויף וועלכער עס איז אויסגעפאלן דער גורל צו שפילן אזא העראיש־טראגישע ראל, איז פארגעקומען אין מיטן אקטאבער 1939, בערך צוויי וואכן נאך דעם, ווי דער שונא האט דעראבערט די שטאט. די קאנפערענץ איז פארגעקומען אין אן ארבעטער־קיך אויף זאמענהאף גאס. עס זענען געווען עטלעכע און צוואנציק דעלעגאטן — פארשטייער פון אלע פאכן. די ערשטע אויפגאבע איז געווען ארגאניזירן די פארבינדונגען מיט אלע טיילן פון דער יידישער ארבעטערשאפט. די דעלעגאטן זענען געזעסן ביים טיש און פאר זיי זענען געשטאנען שיסלער זופ, ווייל טאמער קומט די געסטאפא, איז עס נישט קיין קאנפערענץ, נאר אן ארימע מאלצייט. די גרינדונג־קאנפערענץ פון אונטערערדישן „בונד“ אין ווארשע אונטער דער נאצי־ממשלה

*) פון דער ערשטער פרוי האט זיגעלבוים געהאט א זון און א טאכטער; די צווייטע פרוי — מאניע ראזען, א דראמאטישע ארטיסטין — האט אים געבוירן א זון. מאניע, וועלכע איז געווען אקטיוו אין אונטערערדישן „בונד“, איז מיטן זון ארטור טוביה אומגעקומען, ווארשיינלעך בעתן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, בערך אין דער זעלבער צייט פון טויט פון זייער מאן און פאטער. אלנפאלס וועגן זייער אומקום האט ער נישט געוווּסט. אויך די ערשטע פרוי, גאלדע, און די טאכטער רבקה, וועלכע האבן געלעבט אין ווארשעווער געטא, האבן געטיילט דעם גורל פון כמעט אלע פוילישע יידן. דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה האט בלויז דער עלטסטער זון, יוסף לייב.

האט געעפנט ארטור. עס איז צווישן אנדערן באשלאסן געווארן, אז עס זאלן געשאפן ווערן ארבעטער-קיכן און אלע לאקאלן פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען זאלן איינגעארדנט ווערן טיי-האלעס. דאס האט געהארפט זיין נישט בלויז א וועג צו העלפן די ארבעטער, נאר אויך א מיטל נישט צו דערלאזן, אז זיי זאלן ווי שטויב צעשאטן ווערן. דער באשלוס איז באלד דערנאך רעאליזירט געווארן און דערמעגלעכט די ברייטע אונטערערדישע ארבעט פון „בונד".

ארטור איז אויך געווען א מיטגליד אין ערשטן ווארשעווער קאמיטעט פון אונטערערדישן „בונד". אחוץ אים האבן צו יענעם קאמיטעט געהערט: אינזשיניער אברהם בלום (אבראשא), לוזער קלאג, סאניע נאוואגרודסקא, וויקטאר שולמאן, בערנארד גאלדשטיין, צלובה קרישטאל און ישכר אייכענבוים (אסקאר). געבליבן די גאנצע צייט — איבער 5 יאר — אין דער אנפירונג פון אונטערערדישן „בונד" איז בלויז איינער, בערנארד גאלדשטיין, וועגן וועלכן זיגעלבוים האט שפעטער געשריבן, אז דאס איז דער דרייסטער מענטש, מיט וועלכן ער האט זיך באגעגנט אין זיין לעבן. אברהם בלום איז נאכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, אין 1943, געווארן ארעסטירט דורך דער געסטאפא און זי האט אים אומגעבראכט. בעת דעם ווארשעווער געטא-אויפשטאנד איז אומגעקומען לוזער קלאג. סאניע נאוואגרודסקא איז אין 1942 אומגעקומען אין די גאז-קאמערן פון טרעבלינקע. ישכר אייכענבוים האט דערנאך געקעמפט קעגן די נאציס אין די רייען פון פוילישן מיליטער אויפן איטאליענישן פראנט. דער בונדישער וועטעראן וויקטאר שולמאן איז פארווארפן געווארן קיין אמעריקע; צלובה קרישטאל — קיין כינע.

צווישן די פארשידענע פונקציעס, וואס דער אונטערערדישער „בונד" האט אנפארטרויט זיגעלבוימען, איז אויך געווען די ארבעט אין דער יידישער קהילה. אזוי ווי זיגעלבוים, דער זאקלאדניק, איז שוין סיי ווי לעגאליזירט געווארן ווי א יידישער ארבעטער-פירער, האט מען דעריבער אויף אים אויך ארויפגעלייגט נאך א פונקציע, וואס פאדערט לעגאליטעט: צו פארטרעטן דעם „בונד" אין נייעם „יודען-ראט", וואס איז געשאפן געווארן לויטן באפעל פון דער דייטשער אקופאציע-מאכט.

אומפארגעסלעך וועט בלייבן איינער פון זיינע ארויסטריטן אויף א זיצונג פון קהילה-ראט. שוין אין די ערשטע פאר וואכן נאכן פארנעמען די שטאט האבן די נאציס געוואלט פארשפארן די יידן אין א געטא. זיי האבן געפאדערט, אז די קהילה זאל דאס אליין דורכפירן.

אין משך פון די פאר טעג, ווען די פראגע פון אויספירן דעם געטא-באפעל איז באהאנדלט געווארן דורך דער קהילה-אנפירונג, האט שמואל מרדכי זיגעלבוים ענטשידן געקעמפט קעגן דעם. צוליב מורא, אז דאס נישט אויספירן דעם געסטאפא-באפעל וועט ברענגען נייע צרות דער יידישער באפעלקערונג, האט די מערהייט באשלאסן די גזירה דורכצופירן. אין מאמענט, ווען דער באשלוס איז דורך דער קהילה-פארוואלטונג אנגענומען געווארן, האט זיגעלבוים אפגעגעבן א דערקלערונג מיט אזא אינהאלט:

„עס איז דא געפאלן א היסטארישער באשלוס. איך בין, ווייזט אויס געווען צו שוואך, כדי אייך צו איבערצייגן, אז מיר טארן דאס נישט טאן. איך פיל אבער ביי זיך נישט גענוג מאראלישע כוחות צו קאנען אין דער זאך אנטייל נעמען. איך פיל, אז איך וואלט קיין רעכט נישט געהאט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטא זאל איינגעפירט ווערן און מיין קאפ

זאל דערבײַ בלײַבן גאַנץ. איך דערקלער דעריבער, אַז איך לײג מײַן מאַנדאַט. איך ווײס, אַז עס וועט זײַן די פּליכט פֿון פּאַרזיצער תּיכּף וועגן מײַן רעזיגנאַציע צו מעלדן דער געסטאַפּאָ און איך רעכן זיך מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס האָס קען האָבן פֿאַר מיר פּערזענלעך. איך קאָן אָבער אַנדערש נישט האַנדלען".

דער רושם פֿון דער דערקלערונג איז געווען אַן אומגעהויערער. די מורא איז אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט און אַלעמען האָט באַהערשט דאָס געפֿיל פֿון מאָראַלישער אַחריות פֿאַר דער ווירדע און גורל פֿון די ייִדן. דער באַשלוס פֿון קהילה־ראָט האָט פֿאַרלוירן זײַן קראַפֿט און אין אַ טיף־ערנסטער שטימונג האָט זיך אויפֿסניי אָנגעהויבן אַ דעבאַטע צי די קהילה זאָל אויספֿירן די געטאָ־גזירה פֿון דער געסטאַפּאָ. ס'איז דאַן געוואָרן אַרײַנגעטראָגן און באַשלאָסן אַזאַ קאָמפּראָמיס־פֿאָרשלאָג: די קהילה פֿירט נישט אויס די גזירה, זי שיקט אָבער באַזונדערע שליחים אין שטאָט צו מעלדן די ייִדן, אַז ס'איז פֿאַראַן אַזאַ באַפֿעל, כּדי ייִדן זאָלן וויסן ביז באַשטימטן טערמין זיך אַרויסצוציִען פֿון די גאַסן, וואָס וועלן בלײַבן מחוץ דעם געפּלאַנטן געטאָ.

דערוויסנדיק זיך פֿון די שליחים וועגן באַפֿעל, זענען צונויפֿגעקומען צום בנין פֿון דער וואַרשעווער קהילה אויף גזשיבאָווסקע גאַס טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ קאָנקרעטער תּשובֿה צי זיי זאָלן פֿאַרלאָזן זייערע היימען, וואָס געפֿינען זיך נישט אויף די אָנגעמערקטע געטאָ־גאַסן. פֿאַר אַן עולם פֿון איבער 10 טויזנט פֿאַרזאַמלטע ייִדן האָט זיגעלבוים געהאַלטן אַ רעדע און זיי אויפֿגעפֿאָדערט פֿרײַוויליק אין געטאָ נישט צו גיין. ער האָט זיי גערופֿן נישט צו פֿאַרלירן דעם מוט און געהייסן בלײַבן אין זייערע היימען ביז מען וועט זיי נישט מיט ברוטאַלער גוואַלט פֿון דאָרטן אַרויסוואַרפֿן. די פֿאַר־זאַמלטע ייִדן זענען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן דעצידירטן ווילן אין געטאָ פֿרײַוויליק נישט צו גיין.

די רעדע אין גאַס, ווי אויך די דערקלערונג אויף דער זיצונג פֿון קהילה־ראָט זענען נישט געבליבן קיין סוד פֿאַר די געסטאַפּאָ־לײַט. נאָך אַ זיצונג אין דער קהילה האָט דער פֿאָרשטייער פֿון געסטאַפּאָ צוגערופֿן צו זיך זיגעלבוימען און צו אים געזאָגט: דו ביסט דער פֿאָרטרעטער פֿון די ייִדישע אַרבעטער; קום מאָרגן אין געסטאַפּאָ; מיר דאַרפֿן זיך מיט דיר אַדורכריידן וועגן וויכטיקע ענינים.

וואָס די אײַנלאַדונג האָט באַדײַט, איז געווען קלאָר; זיגעלבוים איז דעריבער אין גע־סטאַפּאָ נישט געגאַנגען. נאַטירלעך, אַז נאָכדעם האָט ער שוין געמוזט אויפֿהערן ווײַזן זיך אין עפֿנטלעכע ערטער. בײַ דער געסטאַפּאָ ווידער האָט דאָס פֿאַרשטאַרקט דעם חשק אים אויסצוזוכן פֿאַר יעדן פּרײַז. סימנים פֿון נאָכשפּירן אים זענען שוין אויך געווען.

בײַ אַזאַ לאַגע האָט די אָנפֿירונג פֿון אונטערערדישן „בונד" געהאַלטן פֿאַר גלײַכער, אַז זיגעלבוים זאָל אַוועק פֿון פּוילן. בפֿרט, אַז דערמיט איז פֿאַרבונדן געוואָרן אַ ספּעציעלע מיסיע: ברענגען פֿאַר דער וועלט די ידיעות וועגן די גרויזאַמקייטן, וואָס די נאַציס טוען אָפּ לגבי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. און הגם דער וועג פֿון וואַרשע קיין אויסלאַנד איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ריזיקאַלישער און די מעגלעכקייט פֿון דער נסיעה איז געווען אַ שטאַרק צווייפֿלהאַפֿטע איז דאָך זיגעלבוים אויף דעם ריזיקאַליש־צווייפֿלהאַפֿטן וועג אײַנגעגאַנגען און נאָך באַדײַטנדיקע שוועריקייטן איז ער אים בשלום אַדורך.

פאר אן אינטערנאציאנאלן פארום, אויף א סעסיע פון עקזעקוטיוו פון סאציאליסטישן ארבעטער-אינטערנאציאנאל האט ש. מ. זיגעלבוים געשילדערט, וואס די נאציס טוען אפ אין פוילן בכלל און מיט יידן בפרט. דער איינדרוק פון זיין באריכט איז געווען אן אומגעהויערער. צום ערשטן מאל האט די פרייע וועלט געהערט אויטענטישע ידיעות פון אפגעצוימטן, פייניקונג- און מארד-לאגער, אין וועלכן די נאציס האבן פארוואנדלט פוילן.

וועגן רושם פון באריכט, וואס עס האט אפגעגעבן דער פארשטייער פון „בונד" אין פוילן אויף דער סעסיע פון אינטערנאציאנאל, אין די ערשטע וואכן פון 1940 אין בריסל, האט דערציילט ר. אבראמאוויטש (אין ניו-יארקער „פארווערטס"):

„דא אין בריסל, עטלעכע וואכן פאר דער אינוואזיע, צען טעג פאר דער אינוואזיע אין נארוועגיע, האבן זיך צוזאמענגעקליבן עטלעכע צענדליק דעלעגאטן פון די סאציאל-דעמאקראטישע פארטייען פון אייראפע, כדי צו באטראכטן די פראבלעמען פון קריג, און צווישן זיי האט זיך אומדערווארטעט באוויזן א מענטש פון גאר אן אנדערן פלאנעט. און דאס וואס ער האט אונדז דערציילט אויף דער זיצונג פון אינטערנאציאנאל אין פשוטע, כמעט רואיקע ווערטער — דאס בילד פון א לאנד אונטער היטלעריסטישער אקופאציע, די גאנצע גרויזאמקייט און אנדערשקייט פון דעם היינטיקן קריג — איז געשטאנען אין אזא שוידערלעכן קאנטראסט צו יענער פרידלעכער, רואיקער אטמאספער, וואס האט נאך געהערשט אין דעמאלסדיקן בריסל, אז אלע אנוועזנדיקע זענען געווען דערשיטערט ביז צו די סאמע יסודות פון זייערע נשמות".

„פאר די אייראפעאישע מענטשן האט זיך געעפנט א נייע וועלט, וועגן וועלכער זיי האבן קיין אנונג נישט געהאט, נישט געקוקט אויף אלע באריכטן אין דער פרעסע. זיי האבן דערשפירט די גאנצע אמתדיקייט און אויפריכטיקייט פון די פאקטן, וואס ארטור האט דערציילט, הגם די מענטשלעכע פאנטאזיע האט זיך אפגעזאגט צו גלייבן אין אזעלכע שוידערלעכע זאכן. איך קען זאגן, אז דורך ארטורן איז די אמתעווירקלעכקייט פון קריג צום ערשטן מאל אנטפלעקט געווארן אלס לעבעדיקע דערשיינונג פאר די פארטרעטער פון דער אייראפעאישער ארבעטערשאפט"

„פון יענעם מאמענט אן איז ארטור געווארן א רעספעקטירטע פיגור אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער באוועגונג".

נאכן פארברענגען 6 וואכן אין בעלגיע און 4 חדשים אין פראנקרייך, ווו ער האט איבערגעלעבט די גרויסע מיליטערישע קאטאסטראפע פון די אליאירטע אין 1940, איז זיגעלבוים דעם 12-טן סעפטעמבער פון זעלבן יאר אנגעקומען קיין ניו-יארק.

אויך אין אמעריקע האט ער געהאלטן פאר זיין ערשטן חוב באקאנט צו מאכן דער עפנטלעכקייט די מעשים-תעתועים, וואס די נאציס טוען אפ אין פוילן. ער מאכט דורך א טור איבערן לאנד, ארגאנזשירט דורכן יידישן ארבעטער-קאמיטעט, און וויקלט פאנאנדער פאר טויזנטער צוהערער די מגילה פון פיין און באליידיקונג, וואס ער האט מיטגעברענגט מיט זיך. אויך אין א סעריע שילדערונגען אין „פארווערטס", סוף 1940 און אנהויב 1941, ברענגט ער צום באוווסטזיין פון די אמעריקאנער יידן דעם ביטערן גורל פון זייערע פאלקסברידער אויף יענער זייט ים.

א קורצע צייט ארבעט ארטור אין א ניו=יארקער שניידער=שאפ אלס אפערייטאר און דערנאך ווערט ער דער פארוואלטער פון חודש=זשורנאל „די צוקונפט". מיט זיין גאנצער נשמה, מיט אלע זיינע חושים איז ער אבער הארט, אויף די גאסן פון ווארשע און לאדזש, פון לובלין און קראקע. אין די ראמען פון די באגרענעצטע מעגלעכקייטן טוט ער וואס ער קאן פאר די יידן אין פוילן. ער איז טעטיק ווי א מיטגליד פון דער אמעריקאנער רעפרעזענטאנץ פון „בונד" אין פוילן, וואס האט שוין צו יענער צייט אנגעהויבן באקומען ידיעות פון אונטערערדישן „בונד" וועגן דעם שרעקלעכן גורל פון די יידן אין די געטאס.

דער, וועלכער האט מיט אייגענע אויגן געזען די אוממענטשלעכע רציחה פון די נאצים, האט אמבעסטן געקענט פארשטיין דעם באדייט פון די ווערטער, וואס זענען געקומען פון דארטן, האט אמבעסטן געקענט פילן דעם פלאטער פון די יידישע געפייניקטע הערצער און פארשטיין די עקשנות פון די אומדערשראקענע אונטערערדישע קעמפער. איז דאך ארטור געווען איינער פון זיי.

ביי פארשידענע געלעגנהייטן האט ער געהאלטן פאר נויטיק אונטערצושטרייכן דעם מוט און דעם הערואיזם פון די יידן אונטער די נאצים און באזונדערס פון זייער קעמפערישסטן טייל. שרייבנדיק וועגן די אומגליקן אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אקופאציע, האלט ער פאר נויטיק אונטערצושטרייכן:

„און ביי דעם אלעמען, איז צו שטוינען און צו באוואונדערן: די יידן אין פוילן טראגן אריבער זייערע ליידן מיט אזא ווירדע און שטאלץ, וואס האט נאך קיינמאל נישט געהאט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט".

און וועגן דער ווירקונג פון דער אונטערערדישער יידישער ארבעטער=באוועגונג:

„די געהיימע שליחים, וועלכע האבן פרייוויליק איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו העלפן אנדערע, האבן געגעבן דער גאנצער יידישער באפעלקערונג א ביישפיל פון אידעאליזם, אפפערוויליקייט און מוט. דער ביישפיל האט געהאט אן אומגעהויערע ווירקונג. ס'איז די מענטשן געווארן גרינגער צו טראגן די אייגענע ליידן".

פון פרילינג 1942 ביז פרילינג 1943 האט זיגעלבוים געלעבט אין לאנדאן. ער איז אהין געפארן אויסצופירן א וויכטיקע שליחות: פארטרעטן דעם אונטערערדישן „בונד" פון פוילן אין פוילישן גלות=פארלאמענט (נאציאנאל=ראט).

פריער נאך איז שוין אין פוילישן נאציאנאל=ראט געווען איין יידישער פארשטייער, וועלכער האט פארטראטן אלע יידישע פארטייען, אחוץ דעם „בונד". זיגעלבוים האט באלד פארנומען א שטעלונג, וואס איז געווען אנדערש ווי די פראקטיק פון פריערדיקן יידישן פארשטייער. אין הסכם מיט דער שטעלונג פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן און פון דער אמעריקאנער רעפרעזענטאנץ פון „בונד" האט זיגעלבוים אנערקענט די גלות=רעגירונג אלס לעגיטימע פארטרעטערין פון פוילן, ער איז אבער געווען צו איר אין אפאזיציע סיי צוליב איר צוזאמענשטעל (עס האבן צו איר געהערט אויך רעאקציאנערע עלעמענטן), סיי צוליב איר פאליטיק לגבי די יידן. ער האט דאס געבראכט צום אויסדרוק אין זיינע רעדעס און אין די אפשטימונגען. זיגעלבוים איז געווען דער איין און איינציקער דעפוטאט, וועלכער האט אין פוילישן נאציאנאל=ראט נישט געשטימט פאר די בודזשעטן פון דער רעגירונג.

אין זיינע רעדעס אין נאציאנאל=ראט האט ער באריהרט אי אלגעמיינע מלוכהשע

פראבלעמען, האבנדיק אויפן אויג די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע שיכטן און קעמפנדיק פאר דער דעמאקראטיזירונג פון לאנד, ספעציעל-יידישע ענינים. פיל הארץ און ענערגיע האט ער אריינגעלייגט אין די פארלאנגען לטובת דער יידישער באפעלקערונג, וואס האט געשמאכט אין די געטאס און איז געפייניקט און געמארדעט געווארן דורך די נאצישע סאדיסטן.

פון דער פוילישער גלות-רעגירונג האט ער כסדר געפאדערט מעשים אין שייכות מיט די יידן-שחיטות. אין אינטערוועגצן ביים פרעמיער גענעראל וולאדיסלאוו שיקארסקי און ביים איגערן-מיניסטער סטאניסלאוו מיקאלאיטשיק, ווי אויך אויף די זיצונגען פון נאציאנאל-ראט איז זיגעלבוים געווען אומדערמידלעך אין מאנען, פאדערן, וועקן און ברענגען פראקטישע פארשלאגן. אזוי, למשל, האט ער אויף א זיצונג פון נאציאנאל-ראט סוף נאוועמבער 1942 אריינגעטראגן פאלגנדיקע דריי פארשלאגן:

1. דער נאציאנאל-ראט פאדערט אויף די רעגירונג, אז זי זאל גלייך פארלאנגען פון אלע אליאירטע מלוכות, באזונדערס פון אמעריקע און ענגלאנד תיכף אויסצוארבעטן א פלאן פון ספעציעלע אקטן קעגן דייטשלאנד (רעטארסיע), וואס זאל זי צווינגען אפצושטעלן די יידן שחיטות.

2. די רעגירונג זאל געבן די איניציאטיוו, אז געוויע באשרייבונגען פון די יידן-שחיטות אין דער דייטשער שפראך זאלן אין גרויסע צאלן אראפגעווארפן ווערן פון עראפלאנען איבער דייטשלאנד.

3. די רעגירונג זאל אנגעמען שריט, אז גאר גיך זאל צוזאמענגערופן ווערן א ספעציעלע קאנפערענץ פון אלע אליאירטע רעגירונגען, וועלכע זאלן אין נאמען פון אלע קעמפנדיקע פעלקער פארעפנטלעכן א פלאמיקן פראטעסט און א שארפע ווארנונג צום דייטשן פאלק און זיין רעגירונג.

וועגן רעאליזירן די דערמאנטע דריי פארשלאגן האט נאך זיגעלבוים קאנפערירט מיטן פוילישן אויסערן-מיניסטער ראטשינסקי. די פארשלאגן האבן אבער נישט געקענט רעאליזירט ווערן צוליב דעם אומווילן פון די דעצידירנדיקע פאקטארן פון די אליאירטע.

אומאייפהערלעך האט זיגעלבוים ארויסגערוקט אין פאדערגרונט די טראגעדיע פון די יידן אין די געטאס און לאגערן. ער האט דאס געטאן נישט בלויז אויף דער ארענע פון פוילישן גלות-פארלאמענט אין לאנדאן, נאר אויך אין דער ענגלישער עפנטלעכקייט. מיט זיינע אינפארמאציעס פון פוילן האט ער אנגעשפארט אין די איינפלוסרייכסטע לאנדאנער צייטונגען און געפאדערט פון זיי צו ברענגען די גרויזאמקייטן אין דער עפנטלעכקייט. דאס איז געווען איינע פון זיינע שווערסטע ארבעטן, ווייל דא האט מען באגעגנט א הארטן אומווילן און אומגלויבן. מער מזל האבן שוין געהאט זיינע באמיאונגען ארויסצוברענגען פאר דער ענגלישער ארבעטער-פארטיי און פאר די פארשטייער פון די אנדערע סאציאליסטישע פארטייען אין אייראפע דעם גרויל פון דער יידישער לאגע. אויף א גרויסער צאל מאסן-פארזאמלונגען און קאנפערענצן האט מען פון זיין מויל געהערט די איוב-באריכטן, וואס זענען געקומען פון אונטערערדישן „בונד". ער איז אויך ארויסגעטראטן אויף א ריי צוזאמענקונפטן פון יידישע אינסטיטוציעס אין ענגלאנד און באמיט זיך זיי צו באוועגן צו זיין אקטיוו אין די פרווון פון הילף און רעטונג פאר די יידן אויפן אייראפעאישן קאנטינענט.

פאר זיין היילִיקסטער אויפגאבע האט זיגעלבוים געהאלטן דאס שטיין אין כסדרדיקער פארבינדונג מיט די יידן אין פוילן, א פארבינדונג דורך וועלכער עס זאל זיי געשיקט ווערן מאטעריעלע הילף און וויכטיקע אינפארמאציעס און דורך וועלכער זיי, די אפגעשלאסענע און פארשפארטע, זאלן קענען ארויסשיקן צו דער וועלט ידיעות וועגן זייערע נויטן און ליידן, פארלאנגען און סכנות. אים איז געלונגען, דורך דער הילף פון דער פוילישער גלות - רעגירונג, איינצושטעלן אזא פארבינדונג. דורך די אונטערערדישע קאנאלן האט דער יידישער ארבעטער - קאמיטעט פון אמעריקע געשיקט גרעסערע געלט - סומעס, וועלכע זענען אין פוילן פארווענדט געווארן אויף הילף פאר יידן, אויף צו פירן דעם אונטערערדישן קאמף קעגן די נאצים, אויף שוץ און אפווער. דורך די זעלבע קאנאלן זענען ארויסגעשיקט געווארן א ריי באריכטן פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן, באריכטן וועגן די יידן - שחיטות, גאז-קאמערן און אנדערע פירעגיותן. אט די באריכטן פון „בונד" זענען א לאנגע צייט געווען דער איינציקער אלארם - רוף פון די יידן אין פוילן, וואס איז ארויס צו דער ברייטער וועלט. פון זיי האט מען זיך דערוווּסט, וואס היטלערס מארד - מאשין טוט ווירקלעך אפ מיט די יידן אין אייראפע.

און פון דער צווייטער זייט האט זיגעלבוים געפרווּט ריידן צו זיינע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער. ניט בלויז דורך בריוו, געשיקט דורך אונטערערדישע קאנאלן, נאר אויך דורכן ראדיא זענען געגאנגען זיינע ווערטער פון לאנדאן צו די יידן אין פוילן. זיי פלעגן געהיים געהערט ווערן דורך ספעציעלע אונטערהערער און זייער אינהאלט איז דערנאך פארשפרייט געווארן פון מויל צו מויל. צו זיין פאלק, וואס האט געטרויערט נאך די אומגעקומענע נאענטסטע און אליין יעדע רגע דערווארט א משונהדיקן טויט, האט ער געשיקט ווערטער פון טרייסט, דערמונטערונג און האפנונג.

דאס יאר טעטיקייט אין לאנדאן איז געווען איין גרויסער פיבער. אלע חושים פון דעם מענטש האבן געגליט. איין געדאנק האט אים באהערשט 24 שעה אין מעת לעת — בייטאג, ווען די חושים זענען געווען וואך און ביינאכט אין דרימל: העלפן, העלפן, העלפן. וואסער ווירקזאם מיטל געפינט מען אויס אפצושטעלן די מערדער - האנט; ווי אזוי ברעכט מען די גלייכגילטיקייט פון דער ברייטער וועלט? ווי אויפן ווייטן צפון איז שוואך די מחיצה צווישן טאג און נאכט, אזוי איז ביי ארטורן בלאס געווארן דער חילוק צווישן וואך - זיין און שלאף. אימאויפהערלעך האט געעגבערט דער געדאנק: וואס טוט מען, ווי אזוי העלפט מען זיי? און די באריכטן פון דעם היים האבן כסדר דערציילט: די געטאס ווערן שיטערער, זייער צאל ווערט קלענער, אויך די לאגערן ווערן אויסגעליידיקט. און זיגעלבוים האט געטראכט: די פוילישע יידן, אין וועמענס נאמען איך רייד, ווערן ווייניקער און ווייניקער. פון דריי און א האלבן מיליאן זענען געבליבן הונדערטער טויזנטער און די מארד - ארבעט גייט ווייטער און ווייטער, אן אפשטעל, און אין מוח פון ארטורן, דעם אומדערמידלעכן קעמפער, האט א פלאטער געטאן א צווייפל, אין הארץ האט א קלאפ געטאן א שוואכקייט. די שווארצקייט פון טויט אין ווארשע און טרעבלינקע האט א כלענד געטאן פאר זיינע אויגן. זיין געמיט ווערט באהויכט מיטן טויט - אטעם.

אין א בריוו צו דער אמעריקאנער רעפרעזענטאנץ פון „בונד" אין פוילן, מיט דער דאטע פון 30-טן אפריל 1943, דערציילט זיגעלבוים וועגן א דעפעשע, וואס ער האט אויף

געהיימע וועגן באקומען פון אונטערערדישן „בונד". און ער שרייבט וועגן דעם: „עס אטעמט דאך פון איר ארויס דער פאקט, אז א ל ץ ענדיקט זיך". „עס איז דאך נישט מעגלעך מיט דעם האזיקן באוווסטזיין צו ארבעטן, צו לעבן".

ענלעכע געדאנקען און שטימונגען ווארפן זיך אויך אדורך אין בריוו, וואס ער האט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געשריבן צו חברים און פריינד. אין א בריוו צו זיינעם א יונגערן ברודער אין יאהאנעסבורג, דרום אפריקע, האט ער געשריבן: „איך ארבעט שוין מיט די לעצטע כוחות, נישט ווייל די ארבעט אליין איז שווער, נאר צוליב דעם אומדערטרעגלעכן געפיל פון מאכטלאזיקייט. די באריכטן, וואס איך באקום פון דער היים, זענען מיט יעדן טאג שרעקלעכער. מיך אבער פלאָגט: איך בין דאך געווען צוזאמען מיט אלע — וואסער רעכט האב איך געהאט זיך ארויסצוראטעווען? פארוואס האב איך נישט געדארפט טיילן זייער אלעמענס גורל? איך האב אפילו נישט די דערלייכטערונג וואס עס וואלט געקאנט געבן די איינרייידעניש, אז מיין ארבעט האט עפעס א באדייטונג אויף קאנקרעט אפצוראטעווען וועמען עס איז פון דער אומדערבארימדיקער שווערד פון אויסראטונג".

ווי מיר ווייסן, איז נישט אין פרילינג 1943 צום ערשטן מאל געשטעלט געווארן פאר שמואל מרדכי זיגעלבוים פ ע ר ז ע נ ל ע ך דאס פראבלעם פון טויט. במשך פון צווייטן וועלט = קריג איז דער יידישער ארבעטער = טוער אוועקגעשטעלט געווארן אויף אזעלכע פאזיציעס, אויף וועלכע עס האבן געמוזט אויסבאלאנסירט ווערן ווירדע — לעבן — טויט.

שוין אין די ערשטע וואכן פון דער נאצי = הערשאפט אין ווארשע דערקלערט זיגעלבוים אויף א זיצונג פון „יודען = ראט": „איך פיל, אז איך וואלט קיין רעכט נישט געהאט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטא זאל איינגעפירט ווערן און מיין קאפ זאל דערביי בלייבן גאנץ".

אין יענער צייט האט שוין זיגעלבוים ביי זיך געהאט אפגעמאכט, אז ער איז מקריב זיין לעבן אין קאמף פאר דער ווירדע און פארן לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג. און דאס האט אים געגעבן יענע זיכערקייט און אומדערשראקנקייט, וואס איז אים נויטיק געווען אלס שליח = צבור. פון אים גופא שטאמען די ווערטער, געשריבן וועגן ערשטן פעריאד פון דער היטלעריסטישער געוואלט = הערשאפט אין פוילן: „גלויבט דאס, אדער נישט, אבער עס איז די פולשטענדיקע גרייטקייט צו שטארבן, וואס גיט איבערמענטשלעכע כוחות צו קענען קעמפן פארן לעבן. און אט די פולשטענדיקע גרייטקייט רואיק אויפצונעמען דעם טויט, וואס האט זיך אין מיר געהאט פארפעסטיקט זינט דעם ערשטן טאג וואס איך בין געבליבן אין ווארשע אונטער די נאצים, האט מיר אויך איצט צוריקגעגעבן מיין רואיקייט און פעסטקייט".

עס זענען געווען שווערע מאמענטן, ווען דער, וועלכער איז געווען גרייט צו שטארבן, האט אליין געוואלט דאס צואיילן. געווען איז עס דעמאלט, ווען מען האט אים צוריקגעווארפן פון דער האלענדישער גרענעץ, צוריק אין די הענט פון געסטאפא. „דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן — האט וועגן דעם געשריבן זיגעלבוים — האב איך געטראכט וועגן טויט, ווי וועגן א דערלייזער; דאס ערשטע מאל האב איך ערנסט געטראכט וועגן זעלבסטמארד". און א פאר שעה שפעטער: „וואס איז דער מער — וועל איך אין ערגסטן פאל אומקומען. בין איך דען נישט לאנגע מאנאטן געווען גרייט צו שטארבן?".

דאס אלץ איז געווען דארטן, ווו די תלינישע הענט פון דער געסטאפא האבן אים געקענט אריינגעמען צווישן זייערע נעגל. זיגעלבוים האט אבער זיין לעבן פארענדיקט אין פרייען טייל פון דער וועלט. דארטן האט אים די גרייטקייט צו שטארבן געגעבן די רואיקייט אין די העכסטע געפארן אנצוגיין מיטן לעבן; דא האט אים די מעגלעכקייט פון לעבן געברענגט אומרואיקייט און חרפה ארומצוגיין אויף דער ערד.

אין א רעדע דורכן לאנדאנער ראדיא האט דער פארמיטלער פון די יידישע וויי - געשרייען צו דער וועלט געזאגט (2-טער יולי, 1942): „שטעלט אייך פאר דאס גרויזאמע פארברעכן פון פלאנמעסיקן אויסמארדן א גאנץ פאלק! יעדער פון אונדז, וועלכער באנעמט דעם גרויל פון פארברעכן, מוז ארומגעכאפט ווערן מיט א געפיל פון חרפה וואס ער געפינט זיך נאך צווישן די לעבעדיקע". „יעדער פון אונדז וואס וועט נישט טון אלץ, כדי אפצושטעלן די מאסן - שחיטות, וועט נעמען אויף זיך די מאראלישע פאראנטווארטלעכקייט פאר זיי". די מאסן - -גריבער, אין וועלכע טויזנטער יידישע פרייען, קינדער און זקנים ווערן יעדן טאג אריינגעשליידערט, זענען ברענענדיקע ווונדן, וואס יעדער אנשטענדיקער מענטש מוז עמפינדן, ווי א פיין און שענדונג, וואס ווערט באגאנגען קעגן אים אליין".

ווען די יידן אין ווארשע און לובלין זענען געשענדעט געווארן, איז זיגעלבוים אין לאנדאן אויך געשענדעט געווארן; ווען די יידן אין לאדזש און ווילנע זענען געטויט געווארן, איז ער אין לאנדאן געטויט געווארן, ווייל ער איז געווען א קליין טיילעכל פון זיי, א פעדימל פון גרויסן פאלקס - געוועב.

די אינטימקייט איז געווען אזוי שטארק, אז אויף א פארזאמלונג אין לאנדאן, אין פויליש - יידישן צענטער „אוהל", האט דער שליח - צבור פון די פוילישע יידן דערקלערט: „אויב דאס פוילישע יידנטום זאל אונטערגיין, פיל איך, אז איך האב ניט קיין רעכט צו בלייבן לעבן".

פון דער פריערדיקער גרייטקייט צו שטארבן איז שפעטער געווארן א חוב און לסוף — א מוז. קיין לאנדאן איז געקומען א שליח פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג, וועלכער האט אויך געהאט א שליחות פון די יידישע פארשטייער, צווישן זיי אויך פון „בונד". דער שליח, יאן קארסקי, האט אים געזאגט די ווערטער, וואס די יידישע פארשטייער אין פוילן האבן פארלאנגט איבערצוגעבן צו די יידישע פירער אין די פרייע לענדער פון דער וועלט. דאס זענען די ווערטער: „זאלן זיי גיין צו אלע וויכטיקע ענגלישע און אמעריקאנער אמטן און אגענטורן. זאג זיי, אז זיי זאלן פון דארטן נישט אפטרעטן ביז זיי וועלן נישט באקומען קיין גאראנטיעס, אז מען האט באשלאסן צו לאזן זיך אויף א וועג צו ראטעווען די יידן. זאלן זיי נישט עסן און נישט טרינקען, זאלן זיי פאמעלעך אויסגיין פנים אל פנים מיט דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט. זאלן זיי שטארבן. דאס וועט אפשר אויפטרייסלען דאס געוויסן פון דער וועלט".

אויף דעם איז פון זיגעלבוימען געקומען אן ענטפער:

„הער קארסקי, איך וועל טון אלץ וואס איך קען זיי צו העלפן. אלץ! איך וועל טון אלץ וואס זיי פאדערן — אויב איך וועל נאר האבן א שאנס. איר גלייבט מיר צי נישט?".

א יאר צייט האט זיגעלבוים אין לאנדאן אויסגעפרובירט אלע וועגן און זיי האבן צו דער רעטונג פון די מיליאנען קרבנות נישט געפירט. האט דער שליח פון פוילן געברענגט

א נייעם „וועג" — גיין, א מאנונג, א פאדערונג פון די פירשפרעכער פון די געמארדעטע ייִדן: שטארבט אליין, „אפשר וועט דאס אויפטרייסלען דאס געוויסן פון דער וועלט". שמואל מרדכי זיגעלבוים, דאס קראסניסטאווער ארבעטער-יינגל, דער ווארשעווער ארבעטער-טוער, דער שליח-צבור פון די פוילישע ייִדן אין דער פרייער וועלט איז געווען פולשטענדיק גרייט אויסצופירן דעם באפעל, וואס עס האבן ארויסגעשיקט פון יאמער-טאל די פירער פון די געמארדעטע ייִדן. ער איז געווען דער איין און איינציקער, וועלכער האט דעם באפעל פון די ייִדישע פירער אין די געטאס צו די ייִדישע פירער אין דער פרייער וועלט — צו ברענגען דעם העכסטן קרבן — אויסגעפירט. אין דער נאכט פון 11-טן אויפן 12-טן מאי 1943 האט ער פארענדיקט זיין לעבן דורך זעלבסמארד.

דער רושם פון זיין טויט איז געווען אן אומגעהויער-שטארקער און ווייטער. הונדערטער ציימונגען און זשורנאלן אין די פארשידנסטע לענדער האבן וועגן דעם געשריבן. די ווערטער פון זיין צוואה, וואס איז אויך אריינגענומען געווארן אין אפיציעלן רעקארד פון אמעריקאנער קאנגרעס, האבן דורך דער פארשידנשפראכיקער פרעסע און ראדיא געפונען זייער וועג צו די פעלקער פון דער וועלט, אויף א ווייל זיי א ריר געטאן פון זייער גלייכגילטיקייט און פארשעמט. זייער געוויסן איז אויף א רגע אויפגעטרייסלט געווארן. און אויפגעטרייסלט פון דעם פרייוויליקן איינצל-טויט זענען אויך געווארן די רעשטלעך לעבן-געבליבענע ייִדן פון פוילן, וועלכע האבן געזען דעם מאסן-טויט פון זייערע נאענטסטע און אליין דערוואַרט א באלדיקן טויט פאר זיך. אין א באריכט פון אונטערערדישן „בונד", ארויסגעשיקט פון פוילן דעם 24-טן מאי 1944, ווערט זיגעלבוימס זעלבסטמארד באצייכנט ווי א העלדישע טאט. ייִדישע ארבעטער אין ווארשע, אין לאדזש, אין ארבעטס-לאגערן זענען געהיים זיך צוזאמענגעקומען און מיט קורצע שטילע ווערטער געערט זיין אנדענק.

אזוי האט געלעבט מיט זיין פאלק און איז געשטארבן פאר אים — שמואל מרדכי זיגעלבוים.

ל. גרינבערג

(וויניפעג)

בען צוקערמאן

(זכרונות וועגן א יוגנט־חבר)

בען-צוקערמאן

פאָרזיצער פון קראסניסטאווער לאנדסלייט-קאָמיטעט אין לאס-אנדזשעלאס.

ווען איך וויל אויפרישן אין זכרון מיין געבורטס-שטאָט קראַסניסטאַוו, לובלינער גו-בערניע (פוילן), מיט א 40 — 45 יאר צוריק — קומט מיר צו אלעם ערשטן אויפן געדאנק דער בית-מדרש, אין וועלכן איך האב זיך דאן אויסגעלעבט און גענומען פון אים אלץ, וואס ער האט נאָר געקענט געבן. איך דערמאָן זיך אָן מיינע חברים בית-

מדרש'ניקעס, מושלמים בכל המעלות; און צווישן זיי אלע, גאנץ באזונדער מיין חבר בערל, אָדער ווי מען רופט אים אין דער גייער היים — בעני.

ער האט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין חוש פאר א שארפן וויץ, אמת'ע שיחות־חולין של תלמידי־חכם, שטארקן כאראקטער און מוט.

זיין מוט און סארקאסטישע ווערטלעך, האבן אונדז שפעטער, אין „השכלה"־צייט, ווען מען האט אונדז שטארק גע'רודפ'ט — א סך געהאלפן. איך וויל דערמאנען א פּאָר עפּיזאָדן:

אָט אזוי, האט בערל אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסן עולם, געזאָגט צו איינעם פון די מחוצפים־רודפים, וואס איז גראָד אויך געווען א יודע־ספר:

— „עס ווייזט אויס, אז איר קלויבט זיך, איינגיכן, צו ווערן א ראש ומושל";

און אויף יענעמס פראגע, פון וואנען ער נעמט עס, האט ער געענטפערט:

— „עס איז א בפירוש'ע גמרא: „כל המיצר לישראל נעשה ראש". און איר האט זיך אָנגעזעצט אויף די יידישע בחורים, ווי המן הרשע אויף די יידן".

יענער איז פון דאמאלט אָן אנטשוויגן געוואָרן און נישט געוואגט מער צו רעדן עפּעס קעגן די בית־מדרש־בחורים. א צווייטן מחוצף, גאָר שוין אן עם הארץ, האָט ער געזאָגט:

— „פריער זעצט אייך אוועק אויף דער בית־מדרש־באנק אויף 10 — 12 יאר לערנען בהתמדה, וועט איר נאכדעם אפשר קענען רעדן קעגן די בחורים משכילים".

אזוי האט ער איינגעשטילט אלע היפּאָקריטן און מתכבדים בקלון אחרים.

— — — — — — — — — — —

די וועגט פון בית־מדרש ווערן צו ענג. מען זוכט נייע וועגן, נייע געדאנקען. מען ווארפט זיך, צווישן אנדערן, צום ציוניזם, צעירי־ציון; שפּעטער פּועלי־ציון — און בערל איז אומעטום דער מעטיקסטער. דערביי פארגעסט ער אויך נישט, אז צווישן די חברים זענען פאראן אזעלכע, וואס מען הארף זיי דערוויילע העלפן און פיל מאָל אריינעמען אזעלכע צו זיך אהיים, ווו ס'איז א הויז פון זאטקייט און גוט־הארציקע עלטערן, — אויף א מאָל־צייט.

— — — — — — — — — — —

עס קומט דער פריזיוו. בערל ווערט גענומען פאר א סאָלדאט; אָבער בערל קען נישט גיין אין דער צארישער ארמיי. שווער, זייער שווער, פיינלעך זענען געווען די צעשיידונגס־מאָמענטן מיט בערלען, איבערהויפּט דער לעצטער געזעגענונגס־מאָמענט, וועלכער איז גע־ווען דורכגעוועבט מיט גוטע האָפנונגען און הארציקע, חברישע קעגנזייטיקע ווונטשן.

— — — — — — — — — — —

אין ניו־יאָרק האט ער זיך נישט געקענט צופּאסן: נישט צו דער סוועט־שאָפּ, נישט צו דעם קאסטאמער פּעדלער, נישט צו די אינשורנס ביזנעס (לעבנס־פארזיכערונג געשעפט) און מיט צו פיל אנדערע ענלעכע געשעפטן. נאָך עטלעכע שטארק אנגעשטרענגטע יארן פון מלחמת החיים, האט ער מיט זיין פאמיליע — א ווייב מיט א קינד — איבערגעוואנ־דערט קיין מערב־קאנאדע, מיט דעם געדאנק — ווי אלע אידעאליסטן — צו נעמען זיך צו ערד־ארבעט.

ער באַזעצט זיך אויף אַ פאַרם אין די ווייטע וויסטעניש, וואָס די רעגירונג האָט דאָן געגעבן במתּנה, מיט געוויסע באַדינגונגען, מ'שטיינס געזאָגט. מייַלן-ווייַט פון אַ צווייטן פאַרמער, פון אַ שטעטל — דרייסיקער מייַלן און בייַ די אומגלויבלעכסטע, פרימיטיווסטע באַדינגונגען. אַזוי מאַטערט ער זיך אָפּ מיט דער גרעסטער עקשנות און אָנשטרענגונג עטלעכע יאָר. ער פאַרלאָזט די פאַרם ערשט דאַן, ווען עס דראָט אַ געפאַר דעם געזונט פון דער גאַנצער פאַמיליע. ער באַזעצט זיך אין דער שטאָט סאַסקאַטון, פּראָווינץ סאַסקאַ-טשעוואַן.

אין סאַסקאַטון פאַרדינט בעני פּרנסה פון יגיע כּפּיו און וואָלט געמעגט און באַדאַרפט נאָך אַ טאָג אַרבעט זיך אָפּרוען. אָבער ווי קען מען רוען, אַז צווישן דעם ביסל ייִדן, נאָר וואָס אַריבערגעקומענע, איז קיין שום סימן פון ייִדיש לעבן נישטאָ. און ער נעמט זיך פּלייסיק, אומדערמידלעך אַגיטירן פאַר שאַפן און בויען אַ שול, אַ ת"ת, אַלץ, וואָס געהערט זיך אָן מיט ייִדישקייט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער אַליין רעכנט ראַדיקאַל. אין אַ קורצער צייַט ווערט אויפגעבויט אַ שול צום דאַוונען, אַ ת"ת פאַר קינדער. מען ברענגט אַראָפּ אַ שוחט-חזן און צוויי גוטע לערער. אַרום די אינסטיטוציעס שאַפט זיך ייִדיש לעבן, ייִדישער אינטערעס און אויך אַמביציעס צו שטיין אין דער שפּיץ, זייַן אין די פאַרוואַלטונגען און אין דער האַפענונג צו באַקומען אַן אַמט (ניט קיין באַצאָלטן), ווערט יעדערער טעטיק. בעני איז גליקלעך.

אָבער מיט דעם באַגנוגנט ער זיך נישט. ער גרינדעט דאָס, וועגן וואָס ער האָט שוין לאַנג פריער געטראַכט, נאָר געמוזט וואַרטן — אַ פּועלי-ציון-גרופּע. צו דער גרופּע שטייען צו — אַדאַנק זייַן איינפלוס — אויך די אַלע, וואָס זייַנען, פּרינציפּיעל, ביז איצט געשטאַנען פון דער ווייַטנס. געשוווירענע אַנאַרכיסטן, בונדיסטן — ווערן פּ. צ. און מען ווערט טעטיק; און ס'שאַפט זיך אַ קולטורעל, נאַציאָנאַל-פּאָליטיש לעבן. אין די אָזונטן און פרייַע טעג, זיצט מען אין ביבליאָטעק, וואָס די פּועלי-ציון האָבן געעפנט, מען לייענט, דיסקוטירט און מען לעבט...

פון זייַן פריער יוגנט גיט בערל זיך אָפּ, אויסער מיט דעם געוויינלעכן גמרא-פּלפּול, אויך מיט תנ"ך, העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. צו 17, אָדער 18 יאָר, באַווייַזט זיך זייַנס אַן אַרטיקל אינעם העברעאישן וואָכנבלאַט „הקול", אין פאָרם פון אַ בריוו. דאָס איז געווען אַן ענטפער די צבועק'ישע עלעמענטן, די רייַכע פּוילישע חסידים, וועלכע האָבן זיך באַקלאָגט אין זייער פּרעסע, אַז די תּורה וועט חלילה אונטערגיין, ווייַל די „בני עניים שמהם תצא תורה", האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דאָס בית-מדרש (העכער ווי אַ העלפט פון די בית-מדרש-בחורים אין פּוילן, האָבן דעמאָלט פאַרלאָזט די גמרא'ס און אַוועק צו מלאָכה, אַלגעמיינער אייראָפּעאישער בילדונג, ווי אויך אין די גרויסע שטעט מיטן ציל צו זוכן — תּכלית). אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, ווייַזט בערל אויף די פאַלשקייט פון די חסידים; ווייַל זיי אַליין — די רייַכע חסידים — נעמען איידעמס פאַר זייערע טעכטער, נישט פון צווישן די בני עניים, ווייַל-לערנער, נאָר דווקא פון די רייַכע און — פּראָפעסיאָנאַלן. (עס האָבן פּונקט דעמאָלט עטלעכע רייַכע חסידישע משפּחות גענומען פאַר זייערע טעכטער: בעמיקער, אינזשינירן און אַדוואָקאַטן). זייַן אַרטיקל האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם, צוליב זייַן מוט אָנצוּווייַזן דעם אמת.

— — — — — — — — — — — —

1918. ווען עס ענדיקט זיך די ערשטע וועלט־מלחמה, לאָזט בעני אלץ איבער און איילט זיך צו פאָרן קיין אייראָפּע צו האַטעווען זיינע עלטערן מיט די אכט קינדער (זיי זענען געווען א פאַמיליע פון צוועלף נפשות).

ער איז, בוכשטעבלעך, דאן געווען איינער פון די ערשטע אמעריקאנער, וואס האבן באַטראַטן די פּוילישע ערד. זייער שווער איז דאַן געווען צו פאָרן קיין אייראָפּע. די שיפן האבן גענומען א באַגרענעצטע צאָל פּאַסאַזשירן, און דאס נאָר ביז לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האט מען, צו יענער צייט, נישט פארקויפט קיין בילעט דירעקט קיין וואַרשע, נאָר קוים, מיט פּראָטעקציע — ביז פּאַריז. און דאָ דערוויסט ער זיך, אז ס'איז בשום אופן נישט מעגלעך צו פאָרן קיין וואַרשע, ווייל עס קורסירן צוגן, אויסשליסלעך פאַר דיפּלאָמאַטן, מיט וועלכע עס קענען מיטפאָרן — אין באַזונדערע וואַגאָנען — עטלעכע גרויסע מיליאָנערן, באַווּסטע באַנקירן, פאַבריקאַנטן מיט אן אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען. פאַר א פּראָסטן בשר ודם איז אומעגלעך צו פאָרן. כדי צו באַקומען א דערלויבעניש מוז מען וואַרטן, וויניק־סטנס 3 — 4 מאָנאַטן. בעני האָבער שפּאַרט באַלד אָן אין די העכסטע פענצטער, ווו ער טרעפט אויך איינעם פון די גרעסטע קאַנאַדער דיפּלאָמאַטן און בעני, מיט זיין לאָגישן רעדן, מיטן איינפלוס פון זיין פּערזאָן — און אפשר מזלו גרם — באַקומט די דערלויבעניש צו פאָרן מיט דער דיפּלאָמאַטן־באַן, און ער איז ממש געווען איינער פון די עשרה ראַ־שונים, צו קומען פון אמעריקע קיין וואַרשע.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף די פארשיידענע קבלת פּנים'ס, וואָס מען האט פאַר אים איינגעאָרדנט, וועגן דער יום־טוב'דיקער שטימונג, וואס זיין קומען האט אַרויסגערופן אין אונדזער שטאָט. וועגן דעם האט מען מיר דערציילט אין וואַרשע, ווו איך האב געוווינט. איך בין נאָר אויסן איצט אנצוווייזן אויף א קליינעם ביישפּיל, וואס בעני האט געטאָן פאַר אנדערע שלא על מנת לקבל פּרס, נאָר ווייל אזוי האט אים זיין מענטשלעך, איידל הארץ דיקטירט.

דער ציל פון זיין רייזע: ארויסנעמען זיין משפחה קיין אמעריקע, האט זיך אנגע־שטויסן אויף פיל שוועריקייטן. צוויי פון די פיר זין (זיי זענען זעקס זין), זענען שוין אריבער אכצן יאָר אלט און די נייע פּוילישע רעגירונג וויל זיי נישט ארויסלאָזן. אָבער בעני וועט זיי נישט איבערלאָזן; די פּוילישע רעגירונג האט נאָך נישט געהאט קיין שום געזעצן וועגן עמיגראַנטן. אפילו די שיף־קאָמפּאַניעס האבן נאָך נישט געהאט קיין פאַר־בינדונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגן איבערפירן אירע בירגער. אָבער בעני שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שוועריקייטן. ער טעלעגראַפירט קיין אָטאַוואַ, לאָנדאָן און ווו נאָר א פלאַץ, וואס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז פון דאָרט קען קומען די ישועה. ענדלעך, נאָך שווערער מי און אָנשטרענגונג, וואס מען קען זיך קוים פארשטעלן, האט בעני באַקו־מען א דערלויבעניש מיט אלע גילטיקע דאָקומענטן, וויזעס א. א. וו. פאַר דער גאַנצער, צען נפשות'דיקער משפחה.

איצט איז געשען דאס, וואס מען האט זיך פאַרויס געקענט פאָרשטעלן: קרובים, פריינט, באַקאַנטע ווענדן זיך צו בעני'ן אז ער מוז זיי העלפן אַרויס פון פּוילן. ס'פאַר־שטייט זיך, אז עס פעלן נישט דערביי קיין טרערן, תחנונים, ווייל ס'איז ממש סכנות

נפשות. ס'האָט נישט געהאָלפן דער אמת, אַז ס'איז מאָמענטאַל אומעגלעך עפּעס צו טאָן אין דער ריכטונג און אַז ער וועט עס טאָן, זייענדיק צוריק אין קאַנאַדע. דאָך נוצט אויס בעני דאָס אייגציקע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן אין יענער צייט: פּרובירן. ער פּרוווט נישט גלאָט, אַבי יוצא זיין, נאָר מיט אַלע מעגלעכקייטן. ער קלייבט אויס עטלעכע פון די סאַמע נויטיקסטע, וועלכע ער מוז שוין ראַטעווען. דורך פאַרשיידענע וועגן, מיטלען, איינפאַלן, פּראָטעקציע א. א. וו. געלינגט אים מיטצונעמען עטלעכע בחורים. אַלע אַנדערע גיט ער אַ הייליקן צוזאָג: אַז אַזוי ווי ער קומט אַהיים בשלום, וועט ער טאָן אַלץ, וואָס עס וועט זיין מעגלעך, כדי זיי אַרויסצונעמען פון פּוילן.

ב. איז צוריק אין קאַנאַדע. גלייכצייטיק מיטן זוכן אויפסניי באַשעפטיקונג, זוכט ער אויך פאַרמעגלעכע, גוטע מענטשן, וועלכע זאָלן אים העלפן אַריבערברענגען די געליטענע פון דער מלחמה. אים געלינגט צו שאַפן אַ באַדייטנדן פאָנד (איך ווייס נישט גענוי וויפיל), פון וועלכן ער קויפט שיפס-קאַרטן און מען שיקט אויף הוצאות-הדרך. ב. האָט געוווסט, לויט דער ריי, וועמען צו ברענגען פריער און וועמען שפּעטער. אַזוי האָב איך געמוזט וואַרטן ביזן מאָנאַט פעברואַר 1921. (לאַנג געוואַרט, אָבער מיט דער זיכערקייט, אַז מיין ריי וועט קומען). ווען ס'איז מיר אָנגעקומען אַ שיפס-קאַרטע און „אַפידעוויט", און פופציק דאָלאַר מזומן אויף הוצאות הדרך. ענדע מאָנאַט מאַי 1921, בין איך אָנגעקומען קיין קאַנאַדע און מיט דריי יאָר שפּעטער האָב איך שוין, מיט מיינע אייגענע כוחות, אַראָפּגעבראַכט מיין פרוי מיט צוויי קינדער. איך בין שוין געווען, דוכט זיך, מיר איינער פון עטלעכע זעקסטן צענדליק עמיגראַנטן, וואָס ב. מיט זיין גוטסקייט האָט געהאָלפן צו קומען קיין אַמעריקע; אויסער די פאַמיליעס, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן דורך זייערע מענער אָדער זין.

און מיר אַלע זיינע לאַנדסלייט, האָבן יעדעס מאָל, ווען מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען, גערעדט איבערהויפּט וועגן בענים גרויסער גוטסקייט. און לעצטנס, ביי יעדער געלעגנהייט זאָגן מיר: ווען נישט בעני, ווו וואָלטן מיר איצט אָנגעשפּאַרט?...

חורבן קראסניסטאוו

דער אומקום

★

אריה שטונצייגער

(אויפֿן סמך פֿון גביית עדות)

די אויסזידלונג פֿון די ייִדן אין קראסניסטאוו האט זיך אנגעהויבן פּסח-צייט 1942; דער טאָג, ווען מען האט דעם גרעסטן טייל ייִדן פֿון קראסניסטאַוו, אַוועקגעפֿירט קיין בעלזשעץ און דאָרט אויף א שרעקלעך שוידערלעכן אופֿן אומגעבראכט אין די קרעמאטאָריעס. דער אויבנדערמאנטער טאָג פֿון פֿארניכטונג פֿון קראסניסטאווער ייִדנטום איז אויסגעפֿאלן אין טאָג פֿון כ"ב אייר. דאס איז אויך דער טאָג, וואס איז באשטימט געווארן פֿאר יאָרצייט פֿון די קדושי-קראסניסטאוו, אבער די פֿארניכטונג פֿון קראסניסטאווער ייִדנטום האט זיך אנגעהויבן שוין א סך פֿריער, פֿאר דער דערמאנטער דאטע.

בערך צוויי וואכן נאכן אנהויב פֿון. קריג קעגן פּוילן, ד. ה. דעם 14-טן סעפּטעמבער 1939, האבן זיך די דייטשן דערנענטערט צו קראסניסטאוו. דריי שעה האט געדויערט די שלאכט פֿאר קראסניסטאוו. דאס פּויליש מיליטער האט זיך צוריקגעצויגן אויף די בערג, מזרחדיק פֿון דער שטאט און פֿון דארט פֿארטיידיקט די שטאָט קעגן די דייטשן, וועלכע האבן אנגעגריפֿן פֿון לובלינער זייט. די קוילן זענען געפֿלויגן איבער דער שטאָט. די גאנצע באפֿעלקערונג האט זיך באהאלטן אין די קעלערס. די ייִדישע באפֿעלקערונג האט זיך פֿארזאמלט אין איין קעלער און אין גרויס שרעק זיך צוגעהערט צום קנאלן פֿון דרויסן. אויפֿן דריטן טאָג איז שטיל געווארן. די פּאָליאקן זענען אָפּגעטראטן. נאכמיטאג האבן זיך איבער די אויסגעשטאָרבענע גאסן פֿון קראסניסטאוו, געהערט די ערשטע טריט פֿון די דייטשע שטיוול און דער היה'שער געבריל פֿון זייערע אָפֿיצירן.

די ערשטע אריינגעקומענע סאלדאטן האבן גלייך אנגעהויבן א „קאמף" מיט דער ציווילער באפֿעלקערונג. א לייטענאנט מיט דריי סאלדאטן האבן מיט די קאלבעס אויפֿגעבראָכן די פֿראנט-טיר פֿון בן-ציון האלפּערנס הויז.

אין קעלער פֿון דעם הויז זענען געווען באהאלטן 6 ייִדישע פֿאמיליעס. טויט-אי-

בערגעשראקענע, האבן זיי נישט געוווסט, וואס זיי זאלן טאָן. מען האט באשלאָסן נישט צו עפנען. די דייטשן האבן לאנג געקלאפט, אָבער די פעסטע טיר האט נישט נאכגעגעבן. דאן זענען די דייטשן אוועק צום הויז פון דאָבע אייזנבערג. דארט זענען אין א קעלער געווען באהאלטן זיבן יידישע פאמיליעס. ווען די דייטשן האבן פרובירט איינברעכן די טיר, האבן זיך די יידן דערשראקן און האבן זיי אליין געעפנט. די דייטשן האבן ארויסגעפירט אלע געפאנגענע יידן אויפן הויף, אויסגעשטעלט די מענער באזונדער און די פרויען באזונדער. איינער פון זיי האט געטיילט שאָקאָלאד די פרויען און קינדער, דאקעגן די איבריקע דייטשן האבן אוועקגעפירט די מענער.

פון די אומגעקומענע יידישע פאמיליעס אין קראסניסטאוו

מענדל בינדער מיט זיין פרוי און קינדער.

צווישן די מענער האט זיך אויך געפונען דער 60־יאריקער לייבל קופערשטאק און אברהם־מרדכי שטיין מיט זיין 14־יאריקן זון הערשעלע. די פרויען האבן מיט גרויס שרעק נאכגעקוקט די אוועקגעפירטע. — „מען וועט זיי באלד צוריקברענגען" — האט דער דייטש זיי געטרייסט מיט א טייוולאָניש שמייכעלע. די מענער זענען אבער מער נישט צו־ריקגעקומען.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט איינער פון די אוועקגעפירטע — לייב דער שוסטער — זיך פּלוצלונג באַוויזן אין גאַס מיט אַן אָפּגעשאָסענער צונג און פאַרבלוטיקט פּנים. שטומערהייט האָט ער צוגעפירט עטלעכע מענטשן צום קעלער, ווו עס זענען געלעגן דערשאָסענע אַלע אוועקגעפירטע מענער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן איינציקווייז אַראָפּגעפירט די 7 ייִדן אין קעלער און ביים אַריינגאַנג זיי געטויט דורך אַ שאָס אין פּאַמעלניצע און נאָכדעם דעם קרבן אַריינגעשליידערט אין קעלער. ווייזט אויס, אַז אין לייב שוסטער האָט דער דייטש שלעכט געצילט און די קויל האָט אים דורכגעהאַקט דאָס געזיכט און אָפּגעריסן די צונג. ער איז צוויי טעג געלעגן אָן באַוווסטזיין אין קעלער. ערשט אויפן דריטן טאָג איז ער געקומען צו זיך און אַרויס פון קעלער. צוויי טעג נאָך דער געשעעניש, איז לייב שוסטער געשטאָרבן פון די באַקומענע וווּנדן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פאַל האָט אַרויפגעוואָרפן אַ טויט-שרעק אויף דער שטאָט. עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן פּרובירט זיך טרייסטן, אַז דאָס איז נאָר פאָרגעקומען אין דער היץ פון דער פאָרגעקומענער שלאַכט. שפּעטער אָבער, האָבן טייל ייִדן אויסגעטייטשט, וועט דער דייטש דאָך נישט אַלעמען אויסשיסן. עס האָט זיך אָבער שנעל אַרויסגעוויזן, ווי פאַלש די דאָזיקע האָפענונג איז געווען.

ייִדישע יוגנטלעכע אין קראַסניסטאַוו
אויף צוואַנגס-אַרבעט ביי די דייטשן.

אויפן פערטן טאָג האָבן זיך פון דער פּוילישער זייט באַגייט די קאַמפן. די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן העכער 40 ייִדן און זיי אויסגעשטעלט אויף אַן אָפן פעלד קעגן די קוילן פון דער פּוילישער אַרמיי.

— אייערע שיסן, וועט איר אונדז באַשיצן מיט אייערע קערפּערס — האָט אַ דייטש געטענה'ט.

ביי דער „אויסשטעלונג” איז דערשאָסן געוואָרן אַ יונגערמאַן, וועלכן מען האָט גערופן „פּיניע פּולקאָווניק”. די ייִדן האָבן דאַן געמוזט גראָבן פאַר אים אַ קבר און אים באַהאַלטן אין מיטן פעלד.

דערמיט האט זיך אבער דאס בלוטיקע שווישפּיל נישט געענדיקט. די דייטשן האבן די אלע יידן אויעקגעפירט צום טייך און אויסגעשטעלט קעגן זיי א פּולעמיאָט. ביים פּו־לעמיאָט איז געשטאַנען א סערזשאַנט; דער אָפיציר האט מיט אים קאָמאַנדעוועט: איינס, צוויי, דריי — אָבער געשאָסן האט ער נישט. עס איז נישט מער געווען, ווי אן אויסרעכנונג אנצושרעקן די יידן. אזוי האט מען די 40 יידן ארומגעפירט אַלעמאָל אויף אן אנדער אָרט און אנגעשטעלט קעגן זיי דעם פּולעמיאָט. צום סוף האט דער אָפיציר געגעבן א באַפעל:

לויפט אהיים! ווען די יידן האבן אנגעהויבן לויפן, האט מען זיי נאכגעשאסן אין די פּיס אריין. אייניקע פון די אין טויט־שרעק לויפנדע יידן זיינען פארוווּנדעט געווארן אין די פּיס.

מענדל שאַק מיט זיין גאנצער פאמיליע. פון די אומגעקומענע יידישע פאמיליעס

ווער ווייס צי עס וואלט דאן שוין געווען געלונגען וועמען פון די קראַסניסטאַווער יידן זיך צו ראטעווען פון די דייטשע מערדערישע הענט. צום גליק אָבער, האבן די דייטשן נאך 10 — 11 טאָג אָפּזיין אין קראַסניסטאַוו זיך צוריקגעצויגן, לויט אן אָפּמאַך מיט דעם ראטן־פארבאנד.

אין פארלויף פון די 10 טעג האבן די דייטשן זיך פיל איזדיעקעוועט איבער די יידן אין שטאָט. קודם־כל האבן זיי אנגעהויבן שלעפּן יידן צו ארבעט, דערביי האט מען מיט

א כוונה, אויסגעזוכט פאר זיי די שמוציקסטע ארבעטן, ווי רייניקן דאס שטאָטישע קלאָזעט מיט די בלויזע הענט א. א. וו. נאכהער האט א דייטשער אפיצער הערליידיקט זיינע באדער־פעניש אין א היטל און עס אנגעטאָן א יידן אויפן קאָפּ.

א צווייטע גרופּע יידן האבן באגראבן א דערשאסן פערד. און ווען איינער א ייד האט זיך געמיאוסט אנצונעמען דאס פערד ביי דער פאַרבלוטיקטער מאָרדע, האט אים דער אָפּי־ציר געשמיסן מיט דער נאגייקע איבער פּנים: „עס בייסט נישט, קענסט עס אָנעמען!" — האָט ער דערביי געשריען. ווען דאס פערד איז שוין האלב געלעגן אין גרוב, האבן די יידן זיך געמוזט ארומשטעלן און הער דייטש האט געמאכט א פאטאגראפיע; ווייזט אויס, בכדי שפּעטער צו ווייזן זיין גרעטכען, ווי אזוי ער האט געלערנט די יידן ארבעטן...

ביים כאפּן אויף ארבעט, האבן די דייטשן געטראָפן דעם ייד נטע פייגנבוים מיטן טלית און תפילין ביים דאוונען. די דייטשן האבן אים ארויסגעשלעפּט, צוגעבונדן אים צו א בוים אין פּארק אינמיטן גאס און ער איז אזוי געשטאנען א גאנצן טאג. פארנאכטצו האט מען געצוואונגען דעם ייד שאול־לייב בירנבוים ארומצופירן אין א טאטשקע דעם אין טלית איינגעהילטן נטע פייגנבוים איבער דער גאנצער שטאָט און דערביי האט ער געמוזט כסדר שרייען, „איך בין יודע, איך האב פּראָוואָצירט קריג!"

פאר די יידן אין קראסניסטאוו איז דאס אריינקומען פון דער רויטער ארמיי, געווען ממש א דערלייזונג. עס איז געווארן פריילעכער אין שטאָט. די יידן האבן זיך גלייך גענו־מען צו זייער נארמאלער באשעפטיקונג. ליידער האט די פרייד נישט לאנג געדויערט. עס איז באוווסט געווארן, אז די רויטע ארמיי פארלאָזט די שטאָט און די דייטשן קומען ווידער.

פון די אומגעקומענע יידישע פאמיליעס: הענעך שאָק מיט זיין פאמיליע.

דאן זענען עטלעכע צענדליק יידן אנטלאָפן קיין וולאדימיר וואָלינסק, אויף יענער זייט בוג, ווו די סאָוועטן האבן געזאלט בלייבן אויף שטענדיק.

ווען די דייטשן זענען צום צווייטן מאָל אריין קיין קראסניסטאוו, האבן זיי זיך ערשט מיט דעם אמת'ן דייטשן אייפער, גענומען צו די יידן אין שטעטל.

דריי טעג האט געדויערט דאס צוריקציען זיך פונעם סאָוועטישן מיליטער, וועלכע האבן זיך שוין געפונען נישט ווייט פון לובלין. צוויי טעג איז די שטאָט געווען ליידיק פון

מיליטער. דאס זענען געווען פאר יידן טעג פון פיינלעכער שרעק און אומזיכערקייט. ווען דאס דייטשע מיליטער האט צום צווייטן מאל ארייננמארשירט אין שטאט, האט מען גלייך אנגעהויבן כאפן יידן אויף ארבעט. די יידן זענען אויף א ברוטאלן אופן ארויסגעשלעפט געווארן פון די וווינונגען און דערביי שווער געשלאגן געווארן. מען האט ביי יידן אפגעשניטן די בערד; דאס איז פארגעקומען אויף א שרעקלעך ברוטאלן אופן. די דייטשן האבן זיך באמיט צו מאכן דעם מענטשן העסלעך, דורך איבערלאזן א האלבע בארד, אדער מיטשניידנדיק א שטיק פנים. דערביי איז די ראזיקע „ארבעט" געווען באגלייט פון זילזולים, אפשפאטערייען און מערדערישע קלעפ. צווישן די ערשטע קרבנות האבן זיך געפונען: דער שוחט יעקב לאנגמאן, יהושע ווייזנבערג, הערש איידלסבערג און אנד. ספעציעל געפייניקט האבן זיי מאטל ליכטנשטיין, וועלכן מען האט ביים שניידן די בארד שרעקלעך צעשלאגן און נאכהער האט ער נאך געמוזט באצאלן אויסליין-געלט, נאכדעם האט מען דעם דערמאנטן מאטל ליכטנשטיין אויך נישט אפגעלאזט, נאר יעדן טאג געשלעפט פונדערהיים, געשלאגן און געפאדערט פון אים געלט.

די הויפט-ארבעט פון די יידן איז דאן געווען דאס צוריק-אויפבויען די בריק, וועלכע איז פארברענט געווארן דורך די פאליאקן ביים פארלאזן די שטאט.

צו יענער צייט איז אין קראסניסטאוו געשאפן געווארן דער יודנראט. דער באשלוס צו שאפן דעם יודנראט איז געקומען פון יידן אליין. די דייטשן האבן געכאפט צו ארבעט וועמען עס האט זיך נאר געלאזט. און דער, וואס איז נאר איינמאל געכאפט געווארן, האט שוין געמוזט קומען אליין יעדן טאג, אונטער דער דראונג דערשאסן צו ווערן. די „שענערע" יידן האבן, ווייזט אויס, געזוכט א מיטל צו קענען טוישן די געכאפטע און זענען געקומען אויפן געדאנק פון שאפן דעם יודנראט, וועלכער זאל אליין רעגולירן ביים צושטעלן ארבעטער פאר די דייטשן. דעם יודנראט האבן געשאפן: ליפע רייכמאן — פרעזעס, ישכר האזנבוים. אלתר כץ (ליפע רייכמאנס איידעם) און דוד זילבערצאן. שפעטער האבן אויך געארבעט אין יודנראט זיינוול מיטעלמאן א. א.

דער יודנראט האט צוגעשטעלט יעדן טאג יידן צו דער ארבעט ביי דער בריק. אין אנהויב איז געווען איינגעטיילט, אז יעדער ייד זאל אפארבעטן זיין חלק טעג. אבער ביסלעכווייז, האבן די רייכערע אנגעהויבן דינגען אָרעמערע יידן, אז זיי זאלן פאר זיי ארבעטן. עס איז כאראקטעריסטיש, אז כאטש ביי דער ארבעט האבן די יידן יעדן טאג באקומען קלעפ, פלעגן זיך פיל יידן פארדינגען אפצוארבעטן פאר די רייכערע, בכדי זיך צו ראטעווען פון הונגער-טויט. אזוי האט עס זיך געצויגן בערך פיר חדשים. דאן האבן די דייטשן באשלאסן „ווי געהעריק" אויסצונוצן דעם יודנראט.

אין א געוויסן טאג האט דער יודנראט געמאלדן, אז אלע יידן דארפן ברענגען דאס גאנצע גאלד, זילבער, געלט און אנדערע ווערטזאכן צו דער געביידע פון סטאראסטווע. פאר באהאלטן עפעס האט מען געדראט מיט שיסן. צומארגנס זיבן אזייגער אינדערפרי, איז די גאנצע שטאט ארומגערינגלט געווארן דורך דייטשער פאליציי, בכדי די יידן זאלן נישט געקענט אנטלויפן. די יידן האבן געמוזט אוועקטראגן זייער גאנץ פארמעגן. ליפע רייכמאן איז געשטאנען ביים קעסטל, וווהין אלע האבן ארייננגעווארפן זייערע פארמעגנס. נאכדעם האט יעדער ייד באקומען שרעקלעך געשלאגן מיט נאהייקעס און האט געמוזט

מיט איין שפרונג אראפ פון די שטיגן. אויב א ייד איז ביי דער „גימנאסטיק" אומגעפאלן, האט ער אויפסניי באקומען געשלאגן און געמוזט נאכאמאל איבערחזרן דעם שפרונג. די שרעק פון די יידן איז געווען אזוי גרויס, אז דער גרעסטער טייל פון זיי, האבן ווירקלעך אוועקגעגעבן אלץ, וואס זיי האבן פארמאגט.

די יידן האט מען נאכדעם נישט אהיימגעלאזט. מען האט זיי אלע אריינגעטריבן אין די קאזארמעס צום „ענטלאוזן". דארט האט מען זיי אפגעשניטן די בערד און א גאנצן טאג מערדערלעך געשלאגן און געפייניקט. צום סוף, האבן זיי געמוזט מיט די בלויזע הענט, רייניקן די קאזארמע-קלאזעטן. צומארגנס האבן זיי ווידער געמוזט גיין צו דער ארבעט, וווּ די פייניקונגען האבן זיך איבערגעחזרט.

אין א געוויסער צייט ארום, האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א באפעל צו שאפן יידישע פאליציי. די „פני" האבן זיך באמיט אריינצוזעצן אין דער פאליציי זייערע קינדער, וועלנדיק זיי אפהיטן פון אנדערע צרות.

אין דער פאליציי זענען אריין: משה שמאראגד, בן-ציון ראזנבלאט, יוסף זילבערצאן, זיינוול מיטעלמאן און אנדערע. דעם פאליציי-צירקל האבן זיי איינגעארדנט אין הויז פון אביגדור פעלדמאן (ביים מארג).

די אויפגאבע פון דער פאליציי איז געווען צו באשטימען יידן צו דער ארבעט און צו שלעפן נייע קאנטריבוציעס. אזוי האט עס געדויערט א גאנצן ווינטער, ביזן סוף זומער 1940.

אין הערבסט-צייט 1940, האבן די דייטשן געפאדערט 60 יידן. עס האט געהייסן, אז די יידן דארפן פארן קיין בעלזשעץ גראבן אקאפעס. דאן האט מען נאך נישט געוווּסט, אז דארט ווערן צוגעגרייט מאסן-קברים פאר די יידן פון דער גאנצער געגנט. צוליב דעם, וואס יידן האבן זיך נישט געוואלט צושטעלן — האט די ס. ס., צוזאמען מיט דער יידישער פאליציי, געכאפט יידן און זיי צוגעשטעלט צום טראנספארט. דער עדות פון דער דאזיקער שילדערונג, נחום איידלסבערג, איז געווען איינער פון די, וועלכע מען האט געכאפט צום טראנספארט.

די יידן האט מען געטריבן צופוס קיין איזביצע. אויפן וועג האט מען זיי מערדערלעך געשלאגן און זיי האבן דעם גאנצן וועג געמוזט לויפן, ווערנדיק געטריבן דורך די אויף פערד רייטנדיקע דייטשן.

אין דעם קליינעם שטעטל איזביצע, האבן זיך שוין געפונען בערך 10 טויזנט יידן פון אנדערע שטעט. מען האט אלע יידן אריינגעפאקט אין פארמאכטע וואגאנעס; ביי דעם האבן די ס. ס. און אוקראאינער, וועלכע האבן באוואכט די צוגן, שרעקלעך געשלאגן און אויך פיל יידן דערמארדעט.

אין בעלזשעץ האט מען די יידן געהאלטן אין שטאלן, ביי די שרעקלעכסטע באדינגונגען. קיין עסן האט מען זיי נישט געגעבן, נאר כסדר געשלאגן און געמאכט אפעלן. פיל יידן האט מען דערשאסן און פיל זענען געשטארבן פון די ענויים. פון דער קראסניסטאווער גרופע איז דארט, צוו. אנד. געשטארבן דוד בורשטין, דער איידעם פון יידל נירנבערג. צווישן די יידן פון אנדערע שטעט זענען געווען פיל מער טויט-פאלן, ווייל זיי זענען געווען ווייט פון זייערע היימען און האבן נישט געקענט באקומען קיין הילף. נאך צוויי חדשים

ארבעט, זענען שוין פיל פון די געבראכטע יידן אויסגעשטארבן אָדער דערמאָרדעט געוואָרן. דאן האט מען ווידער געבראכט א נייעם טראנספּאָרט יידן פון קראסניסטאוו און אנדערע שטעט. דער דאזיקער שרעקלעכער פּיין האט געדויערט פיר חדשים. דאן האט דער יודנראט אויסגעקויפט די קראסניסטאווער גרופּע פאר געלט, וואס איז צונויפגעזאמלט געווארן אין שטאָט.

ביים אויסקויפן די גרופּע האבן די דייטשן פיל מאל אָפּגענארט, צוגענומען דאס געלט און דאָך ווייטער געהאלטן. ענדלעך האט מען אָפּגעלאזט און זיי זענען דורך זאמאָשטש צוריקגעקומען אהיים, אבער באלד אויפן צווייטן טאג האט מען ווידער אנגעהויבן כאפּן אויף ארבעט קיין בעלזשעץ.

אנהויב ווינטער 1940 — 41 האט זיך אנגעהויבן א סעריע „ווישעדלעגיעס" (אויסזידלונגען).

עס איז פארבאטן געווארן די יידן צו וווינען אין קראסניסטאוו און זיי איבערגעזידלט קיין זאקשעוו — א קליין שטעטעלע נישט ווייט פון קראסניסטאוו. געבליבן איז נאָר דער יודנראט און איניקע יידן, וואס האבן אלס פאכמענער געארבעט ביי די דייטשן, אבער אויך זיי האבן געמוזט וווינען נאר אויף דער „גראָבליע", וואס איז באשטימט געווארן פאר א געטאָ. די יידן איז פארבאטן געווארן צו פאָרן פון איין אָרט אויף א צווייטן.

צו יענער צייט זענען איבער קראסניסטאווער פּאָוויאַט געווען מושלים צוויי ס. ס.-באנדיטן — לוהוויג און ענגעלס. די דערמאנטע צוויי באנדיטן זענען גאנצע טעג ארומגעפארן אויף מאטאציקלען און טרעפנדיק א יידן, פלעגן זיי אים דערשיסן. אזוי איז דורך זיי דערשאסן געווארן יהושע וויזנבערג און נאך א סך יידן, וואס זענען אהער פארשלעפּט געווארן פון אנדערע שטעט.. די יידן האבן געמוזט אָפּרוימען די טויטע קערפּערס. פיל קראסניסטאווער יידן זענען אויפן זעלבן אופן דערשאסן געווארן אין אנדערע שטעט, וווהין זיי זענען פארטריבן געווארן. אזוי זענען אין זשולקעווקע דערשאסן געווארן די ברידער אפרים און פישל ליסטהויז.

אין פרילינג 1941, האבן די דייטשן אנגעהויבן די צוגרייטונגען צום קריג מיט דעם ראטן-פארבאנד. גרויסע מחנות דייטשיש מיליטער האבן דורך קראסניסטאוו מארשירט צו די סאָוויעטישע גרענעצן. די לאגע פון די יידן איז געווארן נאך שרעקלעכער. אין קראסניסטאוו האט זיך דאן געפונען א גרופּע ס. ס., וועלכע האבן יעדן טאג געשלעפּט יידן צו ארבעט. די יידן האבן געמוזט אלץ טאָן פארן פארביימארשירנדיקן מיליטער. ביי דער ארבעט פלעגט מען זיי שרעקלעך שלאגן. אממייסטן האבן געליטן די ארעמסטע און די יידן, וועלכע זענען פארשלעפּט געווארן אהער פון אנדערע שטעט. דער הונגער און נויט איז געווען אזוי גרויס, אז טראָץ דער בעסטיאלישער באהאנדלונג ביי דער ארבעט, פלעגן פיל זיך פארדינגען אָפּצואַרבעטן אויפן אָרט פון אנדערע, מער פארמעגלעכערע יידן.

דעם 22-טן יוני האט זיך אנגעהויבן די מלחמה מיטן ראטן-פארבאנד. דייטשיש מיליטער האט אָן אויפהער געשטראָמט צום פראנט. דאס לעבן פון די יידן, וואס איז אויך ביז דאן נישט פיל ווערט געווען, איז געווארן פולשטענדיק הפקר. יעדער סאָלדאט האט געקענט טאָן מיט די יידן, וואס נאָר עס האט זיך אים פארגלוסט. אלץ, וואס מען האט געטאָן האט מען בארעכטיקט מיט דער טענה, אז די יידן האבן פּראָוואָצירט דעם קריג.

דאס שטאטישע בית ־ מדרש איז דעמאלירט און געשענדעט געווארן, די ספרים זענען פארברענט אדער צעריסן געווארן. דאס גראבליע בית־מדרש איז נאך דאן אפילו געשטאנען, אבער יידן זענען אהין נישט געגאנגען האוועגן, ווייל זיי זענען אויסגעשטעלט געווען אויף דער געפאר זיך צו טרעפן מיט די דייטשן, וואס האט באדייט א זיכערער טויט. די דייטשע סאלדאטן פלעגן אפט קומען אויף דער „גראבליע" אנקוקן דאס יודן־געטא און האבן געמאכט פונעם בית ־ מדרש אן ארט פאר זייערע „צוזאמענטרעפן" מיט שיקסעס.

מען האט אנגעהויבן ברענגען רוסישע געפאנגענע. די אוקראינישע געפאנגענע האט מען אפגעלאזן אהיים, נאר די רוסן און די יידן האט מען געהאלטן אן עסן און זיי זענען אויסגעשטארבן אין די טויזנטער.

שמחת תורה 1941, האט זיך א קליינע גרופקע יידן פארזאמלט ביי מאטיס פייגנבוים צו דאווענען בציבור. אינמיטן דאווענען איז אריינגעקומען דער פאלקס־דייטש סטעפאנסקי, צוזאמען מיטן פרעזעס פון יודנראט, ליפע רייכמאן און זיין געהילף ישראל ראזנבוים און האבן ארויסגעשלעפט די יידן צו באגראבן די טויטע רוסישע געפאנגענע. צווישן די יידן איז געווען דער לעבנגעבליבענער נחום איידלבערג. ער דערציילט, אז מען האט אים מיט דער גרופע אוועקגעפירט אויפן פערד־מארק, בכדי דארט צו גראבן א גרוב פאר די טויטע. ווען זיי זענען צוגעגאנגען נעמען די טויטע, האט זיך ארויסגעוויזן, אז פיל פון זיי לעבן נאך. די יידן האבן לכתחילה נישט געוואלט נעמען די לעבעדיקע, אבער די דייטשן האבן זיי מערדערלעך געשלאגן און זיי געצוואונגען צו באגראבן די נאך לעבעדיקע געפאנגענע, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען פיל יידן. ביים נעמען די „טויטע", האבן זיך פיל איינגעקלאמערט אינעם גראז. זייענדיק נאך ביים פולן באוואוסטזיין, האבן זיי זיך מיט די רעשטלעך כוחות געווערט. אונטער א האגל פון קלעפ מיט נאהייקעס האבן די יידן נאך געמוזט די אומגליקלעכע צוטאפטשען מיט די פיס, בכדי עס זאל אריין אין גרוב וואס מער. דאס איז געווען א שוידערלעכע סצענע, וואס קיין שום מענטשלעכע פאנטאזיע קען זיך עס נישט פארשטעלן.

פיל פון די באפרייטע אוקראינישע געפאנגענע, צווישן וועלכע עס האבן זיך אייך געפונען פיל רוסן, האבן געשאפן פארטיזאנער גרופן.

עס איז אדורך א שווערער, קאשמארפולער ווינטער 1942. שבעיי של פסח האט זיך אנגעהויבן די „ווישעדלעניע" פון קראסניסטאווער יידן. צו דער צייט האבן זיך געפונען בערך 60 פאמיליעס, וועלכע האבן געוווינט אויף דער „גראבליע"; פון זיי דער גרעסטער טייל פארשלעפטע פון אנדערע ערטער. די איבריקע קראסניסטאווער זענען שוין געווען אויסגעשטארבן אדער דערמארדעט.

ארום 12 אזייגער ביימאג איז די „גראבליע" ארומגערינגלט געווארן דורך אוקראינער, דייטשע „זאנדערדינסט", זשאנדאמעריע און ס. ס. במשך פון א האלבער שעה האט מען צוזאמענגעטריבן אלע יידן. יעדער האט נאר געכאפט מיט זיך א קליין פעקל פון דעם, וואס האט זיך געפונען אונטער דער האנט. מען האט אלע אוועקגעטריבן קיין איזביצע, וווּ מען האט געמאכט א קאנצענטראציע־פונקט פון אלע ארומיקע שטעט.

שוין אויפן וועג האט מען פיל דערשאסן. צווישן די דערשאסענע האט זיך געפו־

נען ברוך הערש לופט און די פרוי פון מאָטל ליכטנשטיין. די איבריקע האָט מען, צוזאַ־מען מיט טויזנטער אנדערע יידן, אוועקגעפירט קיין בעלזשעץ, וווּ זיי זענען אויסגעמאָרדעט און פארברענט געוואָרן. די דאָזיקע אַקציע האָט זיך געענדיקט אָרום כ״ב אייר, ד. ה. דעם 12־טן מאַי.

כ״ב אייר איז פאַקטיש די האָטע פוגעם טראַגישן סוף פונעם קראַסניסטאַווער יידנ־טום. אין שטאָט זענען געבליבן געציילטע יידן. אייניקע איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן און זיי האָבן שפּעטער באַקומען צעטלען מיט א דערלויבעניש צו אַרבעטן ביי די ס. ס. אייני־קע האָבן די דייטשן אַליין איבערגעלאָזן אַלס פאַכמענער.

שפּעטער אַביסל זענען אויך צוגעקומען עטלעכע יידן פון אנדערע ערטער, וועלכע האָבן זיך אויך אויף אַן עגלעכן אופן אויסבאַהאַלטן.

פון די קראַסניסטאַווער זענען נאָך דאָן געבליבן:

דער מיליטעריש־ער שניידער, יעקל קערשנבוים; דער שוסטער, ישראל טייטלבוים; דער שלאָסער, בערל ליכט; די שניידערין, שיינדל שאַק. אויסער דעם איז געלונגען זיך אויס־צובאַהאַלטן: מאַטיס שאַק, נחמיה שטונצייגער מיט זיין טאָכטער רבקה, יעקב קנאַבל, זע־ליק בינדער, מאיר פייגנבוים און די ברידער נחום און משה איידלבערג. עס זענען אויך געבליבן די יודנראַטניקעס: ליפּע רייכמאַן און דוד בוימפעלד. די יידן האָבן נאָך א גע־וויסע צייט געאַרבעט ביי די דייטשן.

אין יענער צייט זענען דורך קראַסניסטאַוו אַדורכגעפירט געוואָרן די דייטשע יידן אין פאַרניכטונגס־לאַגער בעלזשעץ. זייערע פאַרמעגנס און געפּעק האָבן זיי געמוזט לאָזן אין קראַסניסטאַוו. די פּאָר איבערגעבליבענע יידן האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן די דאָזיקע קליידער. קיין געלט האָט מען די יידן פאַר דער אַרבעט נישט געצאָלט. זיי האָבן געלעבט דערפון, וואָס זיי פלעגן עפּעס אַרויס׳גנב׳ענען ביים סאָרטירן און עס אַוועקגעבן די גויים פאַר שפּייז. פון צייט־צו־צייט האָבן די דייטשן געברענגט קיין קראַסניסטאַוו יידישע פרויען און איינגעאָרדנט זיי ביי אַרבעט, האַלטנדיק זיי פאַר „געליבטע״.

אַזוי האָט דער דייטש באָוער, וואָס איז דאָן געווען וויצע־סטאַראָסטע, געבראַכט צוויי יידישע מיידלעך — שוועסטערן. איינע פון זיי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינ־הייט. באָוער האָט די צוויי מיידלעך איינגעאָרדנט ביי דער אַרבעט אין באַד. די שענערע איז געווען באָוער׳ס „געליבטע״. נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט איר „אָפּגעשפּילט״ צוויי חדשים — האָט ער געשיקט צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן די צוויי מיידלעך אַוועקגע־פירט און דערשאָסן.

אין משך פון עטלעכע חדשים זענען ביי פאַרשידענע אומשטענדן דערשאָסן געוואָרן: שיינדל שאַק, נחמיה שטונצייגער, זיין טאָכטער רבקה, יעקל קנאַבל, זעליק בינדער, מאיר פייגנבוים און אַנדערע.

אין חודש סעפּטעמבער 1942 זענען די לעצטע יידן פון קראַסניסטאַוו, אַוועקגעפירט געוואָרן קיין בעלזשעץ און א טייל קיין טראַווניק.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די מוראדיקע טראַגעדיע פון די קראַסניסטאַווער יידן, צו־זאַמען מיט די יידן פון גאַנץ פּוילן, פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער פאַרכאַפּטע דורך

די דייטשע מערדערישע חילות; א שווידערלעכע טראגעדיע, וואס קיין פעדער קען נישט באשרייבן; און קיין שום שפראך איז נישט אימשטאנד צו געפינען די געהעריקע אויסדרוקן, כדי צו באצייכענען די גרויליקע פארברעכנס און פייניקונגען, וואס עס זענען אויסגעשטאנען די יידן אין די לענדער, וואס זענען אקופירט געווארן דורכן חיה'שן, בלוטיקן דייטשן היטלעריזם.

זאלן די דאזיקע ווייניקע שורות אויסברענגען אן אייביקן קין-צייכן און זיין אן אייביקע שאנד פאר דעם רוצח'ישן דייטשן פאלק. זאל דאס בלוט פון די אומשולדיק-אומגעקומענע נישט רוען און אייביק רופן צו נקמה. זאל דאס יידישע פאלק אייביק געדענקען אירע קדושים און זאל זייער זכרון דערמוטיקן צום קאמף, ביז עס וועט דער לעצטער ייד באפרייט ווערן פון גלות און קומען אין זיין אייגן פריי לאנד — אין ארץ-ישראל.

צום הייליקן אנדענק

*

מרדכי פוטערמאַן

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם יזכור־בוך נאָך די קראַסניסטאַווער קדושים, האָב איך באַשלאָסן אויך צוצולייגן אַ ציגל צו דעם מאָנומענט נאָך אונדזערע הייליקע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, קרובים און סתם באַקאַנטע, וועלכע זענען אויף אַ שרעקלעכן אופן דערמאָרדעט געוואָרן דורך די בלוטיקע דייטשע חיות אין געשטאַלט פון מענטשן.

52 קמ. דרום־מזרחדיק פון לובלין, ליגט די קרייז־שטאָט קראַסניסטאַוו. ביזן יאָר 1939 האָט די שטאָט געציילט בערך 15 טויזנט איינוווינער, פון וועלכע 2.000 זענען געווען ייִדן.

די שטאָט אַרומגערינגלט מיט גערטנער, האָט געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק ביי אַלעמען, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל איר באַזוכט.

מיט קיין אויסערגעוויינלעכער פּריינטשאַפט האָבן די איבער 10 טויזנט גויים זיך קיינמאָל נישט באַצויגן צו די ייִדן — עס האָט געהערשט אַ געצוימטער אַנטיסעמיטיזם. צו קיין אַקטיווע אַנטיסעמיטישע אַקציעס איז אָבער אין אונדזער שטאָט קיינמאָל נישט געקומען.

דערפאַר האָט זיך קיינעם נישט געקענט חלומען וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג מיטן מאָמענט ווען עס זענען געפאַלן די ערשטע שאָסן אויף דער פּויליש־דייטשער גרענעץ.

אמת, יעדער האָט עפּעס פאַרגעפילט נישט קיין גוטס, אָבער מיט וואָס עס וועט זיך אָנפאַנגען און מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן — האָס האָט מען זיך נישט געקענט פאָרשטעלן.

מיטן אַריינמאַרשירן פון די ערשטע דייטשע מיליטער־גרופּן אויף דער קראַסניסטאַווער ערד, האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען דער גרויסער חורבן פאַר דער ייִדישער באַפעלקע־

רונג. פון איינעם פון די הייזער, אין צענטער שטאט, זענען ארויסגענומען געווארן ניין יידן פון פארשידענעם עלטער און פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע קרייזן, און מיט דעם אויסרייד, אז זיי האבן געשאסן אויפן דייטשן מיליטער, האט מען זיי אוועקגעשטעלט ביים ארייננגאנג פון א קעלער אין דעם זעלבן הויז און ארייננגעשאסן יעדן איינעם א קויל אין קארק אזוי, אז יעדער געשאסענער איז גלייך ארייננגעפאלן אין קעלער און איין קרבן איז געבליבן ליגן אויף דעם צווייטן.

צווישן די דערמארדעטע האט זיך געפונען דער לעדער-סוחר לייבל קופערשטאק (לייבל קויפמשעס), א חסידישער ייד אין די 60-ער יארן; זיין איידעם מענדעלע זילבערייך, דער מאנופאקטור-סוחר אברהם-מרדכי שטיין — אן איידעם פון בן-ציון האלפערן, א מענטש אין די 40-יארן, דער שוסטער לייב בלומשטיין (לייב בנימאלעס), א מענטש פאר די 40-ער, דער שניידער-געזעלן יהושע כ"ץ — א בחור פאר 30 און נאך אנדערע פיר יידן.

ערשט נאך דריי טאג האבן די דייטשע באנדיטן דערלויבט מקבר צו זיין די דערמארדעטע.

ווי שוידערלעך איז אבער געווען, ווען נאכן ארויפקומען אין קעלער האט זיך ארויסגעוויזן, אז דריי פון די דערשאסענע ווייזן נאך ארויס סמנים פון לעבן און נאכן ברענגען זיי אין שפיטאל, האט דער דאקטאר דערקלערט, אז צוליבן גרויסן בלוט-אפפלוס איז נישטא קיין האפענונג זיי צו ראטעווען. און טאקע אין צוויי טעג ארום האבן זיי אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות.

דעם זעלבן טאג זענען צוזאמענגעטריבן געווארן 40 יידן אונטער דער שטאט, נאענט פון דעם ארט, וווּ עס האט זיך געפונען די דייטשע פאזיציע. די יידן זענען געהאלטן געווארן 24 שעה אן עסן און טרינקען — און ווען מען האט זיי דערנאך אפגעלאזט און אלע זענען דורך די פעלדער געגאנגען אהיים, האט זיך א דייטשן באנדיט פארגלוסט „א שפיל צו טאן" — ער האט גענומען די ביקס און ארייננגעשאסן א קויל דעם שניידער פנחס בערמאן (פיניע ישראל-איטשעס). דערנאך האט דער זעלבער דייטש באפוילן א פאר יידן, אז זיי זאלן אויסגראבן א גרוב און באהאלטן דעם דערשאסענעם. ווען די יידן האבן אויפמערקזאם געמאכט, אז דער קרבן לעבט נאך, האט דער גרוזאמער רוצח זיך אנגערופן: „אבער יא, ער איסט דאך איין יודע". אזוי ארום האט מען דעם אומגליקלעכן פיניע, באגראבן נאך נישט קיין טויטן.

עס מוז אנגעוויזן ווערן, אז דאס בלוטיקע שטיקל ארבעט איז געמאכט געווארן נישט דורך דער בלוט-דורשטיקער געסטאפא אדער ס.ס.-לייט, נאר דורך די „איידעלע" רייכסווער-אפיצירן און זעלנער.

אט דאס איז געווען דער בלוטיקער פראלאג, מיט וועלכן עס האט זיך אנגעהויבן די נאך מער בלוטיקע דראמע פון אונדזערע נאענטסטע און טייערסטע.

אין אכט טעג שפעטער האבן זיך געשאפן מעגלעכקייטן פאר יידן צו אנטלויפן איבער דעם טייך „בוג", אויף דער סאוועטישער זייט. פון קראסניסטאוו איז דאס א 90 קמ. דער וועג איז אבער געווען פריי און יעדער האט געקענט גיין. צום גרויסן באדויערן, האט נישט יעדער אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווייל מען האט נאך נישט פארשטאנען די סכנה,

וואס לויערט. מען האט זיך באמיט צו פארענטפערן, אז דאס, וואס איז געשען מיט אכט טעג צוריק מיט 10 יידן, קען זיך נישט איבערחזרן; אז האס האט נאר געקענט געשען אין גאנג פון די קאמפן, וואס זענען פארגעקומען צווישן דער פוילישער און דייטשער ארמיי; ווייטער וועט האפנטלעך זיין רואיק — אזוי האבן זיך יידן אליין געטרייסט.

ווער האט געקענט איינרעדן אזא ייד, ווי זיינוול קאוואל, אז ער זאל איבערלאזן זיין הויז און זיין קוזשניע, וווּ ער האט געארבעט ביי טאג און ביינאכט, במשך פון צענדליקער יארן, באדינענדיק מיט זיין פעאיקער האנט די באפעלקערונג פון גאנצן פאוויאט; ווייל אלע האבן געקענט זיינוול קאוואל, סיי יידן, סיי גויים, — אז אזוי ווי ער וועט אונטערקאווען זייערע פערד,, וועט דאס קיין שום קאוואל, איז גאנצן פאוויאט, נישט מאכן.

עס זענען טאקע צו אים געקומען מיט ארבעט די גרעסטע אנטיסעמיטן און זיינוול האט די ארבעט געמאכט. ער פלעגט אנפאנגען ארבעטן 2 — 3 ביינאכט און ענדיקן — ווען די זון האט זיך געזעגנט; און דאס סיי זומער און סיי ווינטער. ער האט נישט געוווּסט פון קיין רו, אויסער, נאטירלעך, שבת אדער יום־טוב.

שבת פלעגט ער באזוכן דעם גראבליע בית־מדרש, וואס איז אים געווען אם־נאענטסטן. אויך אין די יום־טובים פלעגט ער דאווענען אין דעם זעלבן בית־מדרש. יעדן יום־טוב פאר דעם דאווענען, פלעגט איר טרעפן זיינוולען, ארומגערינגלט מיט אן עולם יידן, פאר וועמען ער פלעגט דערציילן וועגן זיין דינען אין דער צארישער ארמיי און וועגן זיין אנטייל צוזאמען מיט זיינע דריי ברידער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914 — 1918.

ער פלעגט אויך דערציילן פארשידענע אינטערעסאנטע געשיכטעס פון זיין פאטער, וועלכער האט געדינט דעם צאר 25 יאר אלס קאנטאניסט.

אט אזוי האט געלעבט אין קראסניסטאוו דער יידישער שמיד זיינוול גאלדבערג מיט זיין משפחה און באשטאנד פון זיין ווייב און זעקס קינדער — 4 זין און 2 טעכטער (איינע געפינט זיך אין בראזיליע). ער האט געלעבט א צופרידן, ארבעטסאם און ערלעך לעבן. אין זעלבן גייסט זענען דערצויגן געווארן זיינע קינדער: ליבע צו ארבעט, דאס איז געווען דער כאראקטער־שטריך פון דער גאנצער משפחה.

דאס אלץ איז געווען נארמאל ביז דער בלוטיקער דייטשער אינוואזיע אויף פוילן. ווען דאס דייטשע טויט־געשפענסט האט אנגעהויבן צו בושעווען אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך, האט עס אויך נישט אויסגעמיטן זיינוול קאוואל מיט זיין משפחה.

עס זענען, צום באדויערן, נישט געבליבן קיין עדות, וועלכע זאלן איבערגעבן ווי אזוי עס האבן אויסגעזען די לעצטע שעהן פון זיינוול קאוואל מיט זיינע פיר זין. יעדער איינער האט געוווּסט, אז זיי האבן פאר קיין גויישער האנט קיין מורא נישט געהאט און אז אויך קיין ביקס האט זיי שטארק אפשרעקן נישט געקענט; זיי האבן אן קיין ווידערשטאנד נישט געקענט אומקומען. טאמער איז אבער געשען דאס פארקערטע, ד. ה. טאמער איז זיינוול קאוואל מיט זיין פאמיליע אומגעקומען אן ווידערשטאנד, האבן די רוצחים געמוזט אנווענדן די פולע מאס ראפינירטקייט, וואס עס האבן אין משך פון 12 יאר צוגעטראכט די דייטשע פראפעסארן־באנדיטן.

איצט געפינט זיך די קוזשניע און דאס שיינע הילצערנע הויז ביי דעם שאסיי, וואס פירט פון לובלין קיין זאמאשטש — וואס עס האט מיט זיין בלוט און שווייס אויפגעשטעלט דער ייד זיינוול קאוואל — אין די הענט פון גויים, אפשר טאקע פון שכנים, וואס האבן פאר דעם גרויזאמען קריג גאנץ גוט געלעבט מיט אים; אבער האבן מיט צופרידנהייט צוגעקוקט זיך אין די גרויליקע טעג, ווי „זייער זיינוול" ווערט אוועקגעטריבן אין א טויטן-לאגער צוזאמען מיט זיין הויז-געזינט, בכדי זיי, די „גוטע שכנים", זאלן וואס שנעלער קענען איבערנעמען זיין שווער-פארהארעוועט האב-און-גוטס. און אפשר האבן זיי נישט בלויז צוגעקוקט, נאר האבן אויך אקטיוו מיטגעהאלפן די גרויזאמע דייטשן. האט דאך די פוילישע באפעלקערונג זיך גאנץ גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דער גרויסער טראגעדיע, וואס עס האט געטראפן די יידישע מיטבירגער און אין מערערע פאלן האט די פוילישע באפעלקערונג אקטיוו מיטגעהאלפן צו דער אויסראטונג פון דער יידישער באפעלקערונג.

נישט פארווירקלעכט איז געווארן דער טרוים פון זיינוולען, אז איבער 120 יאר, זאל די קוזשניע איבערגיין צו זיינע קינדער, פון וועלכע צוויי האבן געארבעט מיט אים צוזאמען, פונקט ווי ער האט איבערגענומען די קוזשניע פון זיין פאטער.

דאס און פיל ענלעכעס קען געזאגט ווערן וועגן פיל פון די פאר הונדערט יידישע בעלי-מלאכות פון אונדזער שטאט, וואס זענען אויף דעם זעלבן אופן אומגעקומען אויף קידוש-השם.

זאלן אבער די פאר אנגעשריבענע ווערטער דינען אלס ביישטייער צו דעם ארעמען אבער הייליקן מאנומענט, וואס ווערט מיט דעם בוך אויפגעשטעלט. וועגן די אלע איבריקע קראסניסטאווער יידישע קאוואלעס, שוסטער, שניידער, סטאליארעס און אנדערע יידישע בעלי-מלאכות, סוחרים און סתם יידן, וועלכע זענען אזוי בלוטיק אויסגעראטן געווארן דורך די דייטשע רוצחים ביי דער אקטיווער מיטהילף פון גרויסע טיילן פון פוילישן פאלק, צוזאמען מיט אוקראינער, ליטווינער, לעטן און אנדערע בלוטיקע אויסווורפן.

זאלן אויך די דערמאנטע שורות דינען ווי א מצבה אויף דעם אומבאקאנטן קבר פון מיינע פרומע, אומפארגעסלעכע מאמע-מאמע און פון מיינע טראגיש אויסגעמארדעטע קרובים.

מיינע איבערלעבונגען בעת דער נאצי־ממשלה

*

ישעיהו שטעמער

דעם 29־טן סעפּטעמבער 1939 האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ שווערער וואַנדערוועג. איך בין אַוועק קיין לודמיר, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט. פון לודמיר — ווי איך האָב זיך נישט געקענט איינאָרדנען — בין איך אַריבערגעפאָרן קיין קאָסטאָפּאָל, אַ קליין שטעטל לעבן ראָוונע. דאָ האָבן זיך געפונען נאָך אַ פּאָר קראַסניסטאַווער: שלמה און יעקב קערפּל, און חיים־מאיר פּערלמוטער.

דעם 22־טן יוני 1941, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר בלייבן אין קאָסטאָפּאָל, און דאָן וועט אפשר זיין אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אַהיים, וועגן וועלכער מען האָט געטראַכט, אַז ס'איז נאָך אַלץ די היים פון אַמאָל...

גלייך ווי די דייטשן זענען אַריין קיין קאָסטאָפּאָל, האָבן מיר געזען, אַז ס'איז נישט גוט. פאָרן אַהיים — קען מען נישט; מיטן עסן איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. די באַציאונג צו יידן האָט זיך גלייך פּילפאַך פאַרערגערט. כדי צו דערנערן זיך און נישט אומקומען פון הונגער, האָבן מיר געמוזט גיין גנב'ענען אַביסל קאַרטאָפל און מיט דעם האָבן מיר זיך געשפּייזט אַזש פיר וואָכן. שפּעטער זענען מיר געווען געצוווּנגען צו גיין אַרבעטן צו די דייטשן; פאַר דער אַרבעט האָבן מיר באַקומען עפּעס צום עסן.

דעם 18־טן אויגוסט 1941, ווען מיר האָבן זיך געפונען אויף דעם אַרבעטס־פּלאַץ, האָט מען אונדז איבערגעגעבן, אַז עס זענען געקומען אויטאָס פון ראָוונע און מען כאַפּט מענטשן. קיינער האָט נישט געוווּסט מיט וואָס האָס שמעקט.

מיר זענען שוין נישט געגאַנגען עסן און זיך באַמיט צו דערוויסן גענוי, וואָס ס'איז געשען מיט די געכאַפּטע יידן.

2 אַזייגער בייטאָג זענען געקומען אויפן פּלאַץ, וווּ מיר האָבן געאַרבעט, 2 דייטשן פון געסטאַפּאָ אין דער באַגלייטונג פון אוקראַאינישע פּאָליציסטן. דער ענין איז מיר נישט

געפעלן געוואָרן און כ'האָב פארגעלייגט מיינע חברים צו אנטלויפן. זיי האָבן זיך געקווענקלט: „מיר וועלן נישט באַוויזן צו אנטלויפן" — האָבן זיי געזאָגט. דאן בין איך אליין אוועק אין די נאָענטסטע וועלדער, ווו איך בין פארבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך שוין קיינעם פון מיינע חברים נישט געטראָפן. מען האָט מיר דערציילט, אַז דעם זעלבן טאָג האָט מען געכאַפּט 460 ייִדן און מען ווייסט נישט וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן...

און ווייטער זענען אוועק עטלעכע טרויעריקע טעג; מען האָט אונדז ווייטער געשיקט אויף ארבעט, פארזיכערנדיק אונדז, אַז מיט די איבעריקע ייִדן וועט שוין גאָרנישט געשען, אַז מען קען רואיק גיין ארבעטן.

פרייטיק, דעם 18-טן סעפּטעמבער 1941 האָט מען מיך מיט נאָך 10 מענטשן געשיקט ארבעטן אין דער פּאָליציי; האָרט האָט מען אונדז צוגעטיילט פארשיידענע ארבעטן. מיר האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אָנונג, אַז פון דאָרט גייט מען שוין נישט ארויס, אַז מען האָט אוועקגעשטעלט אַ פּאַטרול אונדז צו היטן. 5 אַזייגער, ווען מיר האָבן געענדיקט די ארבעט און געוואָלט אוועקגיין, האָט מען באַפוילן ווייטער צו ארבעטן. מיר האָבן געארבעט מיט ביטערע טרערן, ביז עס איז געוואָרן פינצטער; דאַן האָט מען אונדז אראָפּגעפירט אין אַ פינצטערן און נאַסן קעלער. ווען מיר האָבן געבעטן אביסל וואַסער, האָט מען אונדז געענטפערט: „איר דאַרפט שוין נישט קיין וואַסער". זיצנדיק אַזוי אין דעם פינצטערן קעלער, האָט מען געהערט, אַז מען גרייט צו גריבער. מיר האָבן פארשטאַנען, וואָס עס דערוואַרט אונדז. דאַן האָבן מיר אָפּגעזאָגט ווידוי און זיך געגרייט צום טויט. מיר האָבן נאָר געבעטן, אַז דאָס זאָל געשען וואָס שנעלער.

אָבער שרעקלעך לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט. ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען געהערט, אַז עס קומען אָן פרישע מענטשן פון שטאָט און אַז מען שטעלט זיי אויס אין רייען. אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז אַרום 11 אַזייגער. ביי יעדן שאָרך, ביי יעדן מינדעסטן קלאַנג, האָט זיך אונדז געדוכט, אַז מען גייט נאָך אונדז.

ענדלעך האָבן זיך די טירן פון קעלער געעפנט און מען האָט אונדז געהייסן אַרויסגיין אויפן פּלאַץ. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי. דאַן איז צוגעקומען דער קאָמיסאַר און אַ פרעג געטאָן: „ווער זענען די מענטשן?" אַ פּאָליציי-מאַן האָט געענטפערט, אַז דאָס זענען קאָמוניסטן; אָבער דער האָלמעטשער האָט עס איבערזעצט, אַז דאָס זענען די מענטשן, וואָס האָבן נעכטן דאָ געארבעט. דער קאָמיסאַר האָט אונדז באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און האָט אַ געשריי געטאָן: „יונגע מענטשן ברויך איך צו דער ארבעט אין קעלער"! דאָס איז געווען דאַן, ווען מיר אַלע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין די רייען און געזאָלט אָפּמאַרשירן צום ריכטיקן אָרט...

פון אַלע זייטן זענען מיר געווען באַוואַכט פון דייטשן און פּאָליציי. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן גומענע נאַהייקעס, מיט וועלכע זיי האָבן אומבע'רחמנות'דיק געשלאָגן און נישט דערלויבט אפילו וויינען. אַזוי האָט זיך די צייט געצויגן ביז 2 אַזייגער נאָכמיטאָג.

מיר זענען צוריק אין קעלער, אָבער שוין נישט קיין פארשלאָסענע. מיר זענען געזעסן שעה'ן לאַנג און נישט געוווּסט, וואָס וועט זיין מיט אונדז. מיר האָבן געהערט אָפּ-

מע שיסערייען. פלוצלונג עפנט זיך די טיר און ס'באווייזט זיך א פאָליציסט, וועלכער גיט א זאָג אויף פויליש: Siedzcie cicho, pojdziecie zywi do domu. (זיצט רואיק איר וועט אוועק לעבעדיקע אהיים). מיר זענען ווייטער געזעסן און געוואַרט...

ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט, איז מען געקומען און אונדז געמאָלדן, אז מיר קענען גיין; דערביי האט מען ביי אונדז צוגענומען אלץ, וואס מיר האבן געהאט ביי זיך: שטיוול, שיך, קליידונג א. א. וו.

קומענדיק אהיים האבן מיר שוין אָבער קיינעם נישט געטראָפן, די שטאָט איז געבליבן „יודן=ריין". צומארגנס אינדערפרי, ווען כ'בין ארויס אין גאס, האב איך געטראָפן נאָר דעם פרעזעס פון יודן=ראט און די פּאָר מענטשן, וואס זענען באפרייט געוואָרן צוזאמען מיט מיר.

אין א פאר טעג ארום האט מען ווידער צוזאמענגענומען די פאר מענטשן און מען האט געמאלדן, אז פאר די איבערגעבליבענע יידן וועט געמאכט ווערן א לאגער. איך האב באשלאסן נישט צו גיין אין לאגער און בין אוועק קיין לודמיר. געגאנגען בין איך נאר אין די נעכט.

ווען איך בין אנגעקומען קיין לודמיר, האב איך געפונען גאָר אן אנדער לעבן. מענטשן האבן גאָרנישט געגלייבט, וואס איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם, וואס עס איז פארגעקומען אין קאסטאפאל. די יידן האבן נאך האָ ג עלעבט גוט און געמאכט גוטע געשעפטן. איך האב אנגעהויבן ארבעטן אין א מיל, אבער איך האב זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק פון פארן צוריק קיין קראסניסטאוו. אינצווישן האב איך דערהאלטן א בריוו פון דער היים, אז עס איז בעסער צו בלייבן אין לודמיר, ווייל קראסניסטאוו מוזן אלע יידן פארלאזן.

אזוי זענען אוועק 6 חדשים. אין לודמיר האט מען שוין אויך דורך דער צייט געמאכט א געטאָ. דאס איז געווען דעם 18=טן אפריל 1942; דאן האט מען שוין אנגעהויבן צו פילן די שלעכטע צייטן. אין א קליינעם צימער האבן געוואוינט פון 8 ביז 10 נפשות און ס'האבן זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן פארשיידענע קראנקהייטן; אויך די שטערבלעכקייט איז געוואקסן.

גלייך איז ארויס א באפעל פון קאָמיסאר, אז מען זאל אָפּלאָזן אלע יידן, וואס ארבעטן אין די מילן, וואס האבן זיך געפונען אויסער דעם געטאָ. און דעם 1=טן יוני 1942, האט מען טאקע אלע יידן אָפּגעזאגט פון דער ארבעט. מ'האט אנגעהויבן זוכן אנדערע ארבעט. איך און מיין ברודער האבן געפונען ארבעט אין א פעסער=פאבריק. אין דער פאבריק האט אויך געארבעט חיים בוכבלעטער. מיר אלע האבן געארבעט ביזן 20=טן אויגוסט 1942. עס איז ווידער ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל, אז אלע יידן, וואס ארבעטן אויסער דעם געטאָ, זאלן קומען ארבעטן אין געטאָ, ווו עס איז דאָ זייער וויכטיקע ארבעטן אויסצופירן פאר דער רעגירונג.

די ארבעט איז באשטאנען אין גראָבן גרויסע גריבער א קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, ווו עס האט געזאלט געבויט ווערן א טאנקן=שטעלע.

די גריבער האבן געזאלט האלטן 32 מעטער די לענג, 21 מעטער די ברייט און 2 מיט א האלבן מעטער טיף און פון דריי זייטן פארשאָטן מיט ערד. ביי דער ארבעט

האט מען באשעפטיקט 3000 יידן. די ארבעט איז אנגעגאנגען ביז דעם 30-טן אויגוסט 1942. א טייל יידן האט מאקע געגלויבט, אז דא וועלן געבויט ווערן טאנקן-שטעלעס און אייניקע האבן געטענה'ט, אז דאס זענען גריבער פאר דעם ביסל יידן פון לודמיר...

מען האט אנגעהויבן רעדן וועגן אן „אקציע” אויף יידן. און אזוי איז עס געווען. דעם 1-טן סעפטעמבער 1942, פינף אזייגער אינדערפרי, איז שוין דער געטא געווען ארומגערינגלט מיט דייטשן און פאליציי, וועלכע האבן אנגעהויבן באשיסן דעם געטא פון אלע זייטן. ווער עס האט געוואלט אנטלויפן, איז גלייך דערשאסן געווארן אויפן ארט. 7 אזייגער זענען די מערדער אריין אין געטא און אנגעהויבן כאפן יידן, פייניקן און שלאגן. איך מיט נאך פיר מענטשן האבן זיך געהאט צוגעגרייט א סכראן (באהעלטעניש) און מיר זענען אריין אין אים און דארט אפגעזעסן 6 טעג, גיט האבנדיק וואס צום עסן. די „אקציע” האט געדויערט ביז דעם 15-טן סעפטעמבער 1942 יאר. אין דער צייט האט מען אויסגעמארדעט 15.000 יידן. די גאנצע צייט האבן מיר זיך דערנערט מיט גריגס פון די געראטנער.

נאך דעם 15-טן האבן זיך ווידער באוויזן יידן, וועלכע האבן דערציילט, אז דער קאמיסאר האט צוגעזאגט, אז די אלע איבערגעלאזטע יידן וועלן שוין בלייבן לעבן. דאן זענען אלע ארויס פון די באהעלטענישן און עס האבן זיך צונויפגעקליבן ביי 1500 יידן. אבער אין א פאר טעג ארום האט מען געמאכט א נייעם געטא פאר די פארבליבענע יידן. עס האט זיך געגרינדעט א פרייער יודן-ראט, וועלכער האט אנגעהויבן ווייטער שיקן אויף ארבעט.

פון די ארומיקע שטעטלעך זענען זיך צונויפגעקומען נאך יידן; אזוי ארום האט זיך די צאל יידן פארגרעסערט ביז 3000 נפשות.

דעם 13-טן נאוועמבער 1942, איז ווידער פארגעקומען אן „אקציע”. 6 טעג זענען מיר געלעגן אין א סכראן און דערנאך אנטלאפן אין די וועלדער אריין.

די גויים פון די ארומיקע דערפער ביי לודמיר, האבן דערציילט, אז אין לודמיר זענען ווידער דא א 400 יידן. דאן זענען מיר, דעם 8-טן מאי 1943, אוועק קיין לודמיר. אבער מען האט אונדז נישט געוואלט אריינעמען אין געטא. מיט פיל מי און מאטערניש האט מען אונדז — מיך מיט מיין ברודער מעכל — אריינגענומען אין געטא.

און ווידער האט מען אונדז געשיקט ארבעטן אין א פעסער-פאבריק.

דעם 13-טן דעצעמבער 1943, איז ווידער אויסגעבראכן א פאגראם, מיטן ציל צו פארניכטן די רעשט לעבנגעבליבענע יידן. מיר האבן זיך ווידער אויסבאהאלטן ביז דעם 18-טן דעצעמבער 1943, ווען מיר זענען ארויס אין שטאט. ווי נאר מיר האבן זיך באוויזן, האט מען אויף אונדז אנגעהויבן שיסן. איך בין אנידערגעפאלן און מיין ברודער מיט די איבעריקע 6 יידן זענען אנטלאפן. מער האב איך מיין ברודער און די איבעריקע באקאנטע נישט געזען. איך בין צוריק אריין אינעם סכראן און דארט אליין געלעגן אזוי לאנג, ווי כ'האב געהאט וואס צום עסן. מיין עסן איז באשטאנען פון 1 סוכאר א טאג...

אזוי בין איך אפגעווען אינעם סכראן ביזן 2-טן יאנואר 1944. און ווען ס'איז שוין נישט געווען וואס צום עסן, האב איך געמוזט ארויס פון דארט. כ'בין געגאנגען

א גאנצע נאכט, גישט ווייסנדיק וואהין. אויפן וועג האב איך א פּאָר מאָל אנגעטראָפן אויף דייטשן, אָבער ס'האט זיך מיר איינגעגעבן ניצול צו ווערן.

אין א געוויסער נאכט בין איך אריין צו א באקאנטן קריסט אין סטאראָלע (שפּייכלער) און געווארט ביז עס איז געווארן טאָג. ווען דער קריסט איז אריינגעקומען האב איך אים געבעטן, געוויינט פאר אים, אז ער זאל מיך אויסבאהאלטן ביי זיך. 2 טעג האט ער מיך אויסבאהאלטן אין קאמער און געגעבן עסן. שפּעטער האט ער מיך, ביינאכט, אריינגעפירט אין סכראָן, וווּ ער האט געהאט אויסבאהאלטן אנדערע 8 יידן. אזוי האט עס אָנגעהאלטן ביז דער באפרייונג, וואס איז אויסגעפאלן דעם 21-טן יולי 1944. דער קריסט הייסט לעאָן גארטשינסקי; ער געפינט זיך איצט אין פוילן.

יזכור
עם ישראל את קדושיו
וביניהם את קדושי קראס־
ניסטאוו שנהרגו ונטבחו
ונחנקו ונשרפו על קידוש
שם ישראל בשנות התש"ב
— התש"ג. יהיה יום כ"ב
אייר, יום־ההריגה ההמונית
של קדושי קראסניסטאוו,
ליום הזכרת נשמותיהם
לכל שרידי עמנו
ה"י"ד
זכור את אשר עשה לך עמלק

ר ש י מ ה

פון די אומגעקומענע יידן אין קראסניסטאוו

אייזין חיים - שלום — — — —	מיט פרוי און קינדער
אייזענבערג דאבע — — — — —	מיט צוויי זין
אקסענבערג אהרן — — — — —	מיט פרוי און קינדער
איינגוויינער פישל — — — —	מיט פרוי און טאכטער
איידלבערג הירש — — — — —	„ „ „ „
איידלבערג הענעך — — — — —	מיט פרוי און קינדער
אייזנשטיין שמעון - לייב — — —	„ „ „ „
אייזנשטיין יואל — — — —	מיט קינדער
אייזנשטיין חיים - יעקב — — —	מיט פרוי און קינדער
איינגוויינער צירל — — — — —	מיט א טאכטער
אייכנבלאט בנימין — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
אפאזהאווער חיים — — — — —	„ „ „ „
אהן מעכל (איזביצער שוחט'ס זון) —	„ „ „ „
איינגוואגער ישראל — — — —	„ „ „ „
איידלבערג דוד — — — — —	מיט דער גאנצער פאמיליע
אוורוד פרץ — — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
אקערמאן אברהם — — — —	„ „ „ „
איינוואגער יעקב — — — —	מיט פרוי און קינדער
בוים דוד — — — — — —	„ „ „ „
בלומענקראנץ פישל — — — —	„ „ „ „
בוים נתן — — — — — —	„ „ „ „
בערגערמאן שיינדל — — — —	מיט די קינדער
בערגערמאן שמחה — — — —	מיט פרוי
„בעקער" איטשע — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
בוכבלעטער מאטל — — — —	מיט פרוי
בינדער מענדל — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
בלאט ליפע — — — — — —	„ „ „ „
בלאט יעקב — — — — — —	„ „ „ „
בלאט רחל - לאה — — — — —	„ „ „ „
בירנבוים שאול - לייב — — — —	מיט פרוי און קינדער
בעליק יחזקאל — — — — —	מיט פרוי
בורשטיין לייזער — — — — —	מיט פרוי און קינדער
בורשטיין ביילע — — — — —	
בוכבלעטער יהושע — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
בראנדוויין אהרן — — — — —	„ „ „ „
בעליק חוה — — — — — —	„ „ „ „

בורשטיין דוד	מיט דער גאנצער משפחה
בערגערמאן בלומע	״ ״ ״ ״
בוימפעלד דוד	״ ״ ״ ״
בלאט איטשע	״ ״ ״ ״
בלאט משה	״ ״ ״ ״
בוים שמחה	״ ״ ״ ״
בערמאן איטשע	״ ״ ״ ״
בורשטיין שמואל	
בייטלמאן הערש	״ ״ ״ ״
בערמאן פנחס	״ ״ ״ ״
גרינשטיין צירל	
גערשטיין בעריש	מיט פרוי און קינדער
גאלדמאן משה	מיט דער גאנצער משפחה
גיט שלמה	מיט פרוי און קינדער
גאלדבערג זיינוויל	מיט דער גאנצער משפחה
גאלדבערג גדליה	״ ״ ״ ״
גערעכט (א שינדל מאכער)	מיט פרוי און קינדער
גאלדמאן שלמה	מיט דער גאנצער משפחה
גאלדמאן נאטע	״ ״ ״ ״
גארטלער חיים	״ ״ ״ ״
גארטלער אהרן	״ ״ ״ ״
גראס מאיר	״ ״ ״ ״
גארטלער שרה	מיט א טאכטער און איידעם
דייטש איטשע	מיט דער גאנצער משפחה
דרייער משה	מיט פרוי און קינדער
דרעשער ישראל	מיט פרוי און טאכטער
דיק מאטל	מיט דער גאנצער משפחה
דרייבלאט משה	מיט פרוי און קינדער
דרעקסלער משה	מיט דער גאנצער משפחה
„דראזשקאזש" נטע	״ ״ ״ ״
דוד'ל „דינעם"	״ ״ ״ ״
האלבערשטאט שמואל	מיט דער גאנצער משפחה
הארטשטיין חנה	מיט די קינדער
הערטמאן מלך	מיט פרוי און קינדער
הערטמאן הירש	מיט פרוי
האלפערן בן ציון	מיט פרוי און קינדער
האכמאן אברהם	מיט דער גאנצער משפחה
האכמאן דוד	״ ״ ״ ״
האפמאן בצלאל	״ ״ ״ ״
האלצפירער יידל	״ ״ ״ ״
הערינג	״ ״ ״ ״
האלצהאקער ישראל	מיט פרוי און קינדער
העלפמאן געצל	מיט דער גאנצער משפחה
הארטשטיין מנחם	״ ״ ״ ״
העלפמאן הענעך	״ ״ ״ ״
ווארשניטער מענדל	מיט דער גאנצער משפחה

וויינשטיין יוסף — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
וואליק הערש — — — — —	מיט די קינדער
ווייס שלמה = יהושע — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
ווארשביטער אברהם = מאיר — —	מיט פרוי און קינדער
ווייסוואסער נח — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
ווייסוואסער הערש — — — —	" " " "
וויזנבערג יהושע — — — — —	" " " "
וואלדמאן אסתר — — — — —	" " " "
ווארמאן משה — — — — —	מיט פרוי און קינדער
ווארמאן שמואל — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
ווארמאן אביש — — — — —	" " " "
ווארמאן נחמיה — — — — —	" " " "
וויינריב לאזער — — — — —	מיט פרוי און קינדער
וואנק וואלף — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
ווייסערוואסער מרדכי — — — —	מיט פרוי און קינדער
ווארמאן אברהם — — — — —	" " " "
וויינבערגער פישל — — — —	מיט פרוי און קינד
וואגנער שרה — — — — —	מיט דער גאנצער פאמיליע
זיגלשיפער משה — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
זילבערמאן שמואל — — — —	מיט פרוי און טאכטער
זיגעלשיפער מאטעס — — — —	מיט פרוי און קינדער
זילבערצאן דוד — — — — —	" " " "
זאלצמאן אברהם — — — —	" " " "
זאלצמאן וואלף = בער — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
זיצער יהושע — — — — —	" " " "
זינגער משה = לייזער — — — —	מיט פרוי און קינדער
,,זייפנמאכער" הערש — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
זאלצמאן חנא — — — — —	מיט פרוי און קינדער
זינגער שלום — — — — — —	
זייפער יעקב — — — — —	מיט פרוי און קינדער
זילבערייך מענדל — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
זעקסער אברהם — — — — —	" " " "
זילבערליכט שלמה — — — —	" " " "
די פרוי פון הערשל זיצער — — —	
טרעגער לייבל — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
טרעגער יעקב — — — — —	" " " "
טרעגערמאן הירש — — — —	" " " "
טורקעלטויב נתן — — — — —	" " " "
טערקעלטויב יעקב — — — —	מיט דער פרוי
טורנער זיינוול — — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
טייטלבוים ישראל — — — —	" " " "
,,יאשליקאווער" וועלוול — — —	" " " "
יונגמאן יעקב — — — — —	" " " "
,,כראמאליניק" יעקב — — — —	מיט דער גאנצער משפחה
כץ בנימין — — — — — —	" " " "
כין אברהם — — — — — —	" " " "

לערמאן משה	מיט דער גאנצער משפחה
ליכט בערל	״ ״ ״ ״
לעוו ישראל־יעקב	מיט פרוי און קינדער
לאנגמאן יעקב	מיט דער גאנצער משפחה
ליכטציגער אברהם	״ ״ ״ ״
לעווקאוויטש שמואל־לייזער	מיט פרוי און קינדער
לערנער יעקב	מיט דער פרוי און טאכטער
לערנער יונה	מיט פרוי
לאנדער שמחה	מיט פרוי און קינדער
לופט ברוך־הירש	מיט פרוי און זון
לעווענשטיין ישראל	מיט פרוי און קינדער
ליסטהויז הירש	מיט דער גאנצער משפחה
ליכטשטיין מאטל	מיט פרוי
לערמאן ישראל	מיט דער גאנצער משפחה
לוסטהויז משה	״ ״ ״ ״
לוסטהויז אפרים	״ ״ ״ ״
לערמאן מעכל	״ ״ ״ ״
לוסטהויז פישל	״ ״ ״ ״
לאנדער עזריאל	
מוטערפערל איטשע	מיט פרוי און איין זון
מערנשטיין אברהם	מיט פרוי
מערנשטיין הערש־ברוך	מיט דער מוטער און שוועסטער
מאנדלטארט יונה	מיט פרוי און איין זון
מיימאן גרשון	מיט דער גאנצער משפחה
מיטעלמאן זיינוול	״ ״ ״ ״
מאנדלער איטשע	מיט פרוי און קינדער
מארקעוויטש אבא	מיט דער גאנצער משפחה
מערנשטיין שלמה	״ ״ ״ ״
מערנשטיין מאיר	״ ״ ״ ״
מערנשטיין יידל	״ ״ ״ ״
„מאזשיצער" ישראל	״ ״ ״ ״
מאנדלטארט העניע	
נירענבערג יהושע	מיט פרוי און קינדער
נירענבערג פנחס	מיט דער גאנצער משפחה
נירענבערג יידל	״ ״ ״ ״
נירענבערג הערש	״ ״ ״ ״
נירענבערג בערל	מיט פרוי און קינדער
נוסקער	מיט דער גאנצער פאמיליע
סטאק אברהם	מיט פרוי און קינדער
עטינגער וועלוול	מיט דער גאנצער משפחה
עטינגער משה	״ ״ ״ ״
עטינגער צדיק	״ ״ ״ ״
פעכער אברהם	מיט דער גאנצער משפחה
פעלדמאן	״ ״ ״ ״
פיגלער יהושע	״ ״ ״ ״
פערלמוטער יעקב	״ ״ ״ ״

פלעצל הערש	מיט דער גאנצער משפחה
פעכטער ישראל	מיט פרוי
פלעשלער שמואל	מיט דער גאנצער משפחה
פלעשלער חיה	מיט די קינדער
פערלמוטער שמואל	מיט פרוי
פערלמוטער ברוך	מיט דער גאנצער משפחה
פערלמוטער מענדל	מיט פרוי און טאכטער
פערלמוטער ברוך - יונה	מיט דער גאנצער משפחה
פינקער מאטיע	מיט פרוי און קינדער
פינקער בנימין	„ „ „ „
פייגענבוים הירש	מיט דער גאנצער משפחה
פוטערמאן משה	מיט פרוי
פרידמאן יצחק - אייזיק	מיט פרוי און קינדער
פייגענבוים נאטע	מיט פרוי
פויגלפוס לייזער	מיט דער פרוי און זון
פעלדמאן לוי	מיט פרוי און קינדער
פלוסמאן אברהם	„ „ „ „
פייערשטיין מאטל	מיט דער פאמיליע
פייערשטיין יוסף	מיט דער גאנצער משפחה
פינקעל אפרים	„ „ „ „
פעלץ שלמה	„ „ „ „
פעלץ דוד	מיט פרוי און קינדער
פערדער נאטע	מיט דער גאנצער משפחה
פינקער לייבל	„ „ „ „
פלוק יידל	„ „ „ „
פעלדמאן אביגדור	„ „ „ „
פייגענבוים אביגדור	„ „ „ „
פעלדמאן משה	„ „ „ „
פייגענבוים מאטעס	„ „ „ „
פישלער מאטל	„ „ „ „
פערדער יהושע	מיט דער מוטער
פעכטער שאול	מיט דער טאכטער
פעלץ רבקה	
צוקער הערש	מיט דער גאנצער משפחה
צוקערמאן אברהם - ברוך	„ „ „ „
צוקערמאן יעקל	„ „ „ „
צוקערמאן צדוק	„ „ „ „
צוקערמאן שמואל	„ „ „ „
צוקער יצחק	„ „ „ „
צוקער יהושע	„ „ „ „
צוקער אברהם	מיט פרוי און קינד
קאפעלמאן חוה - רויזע	מיט די קינדער
קנאבל אברהם	מיט דער גאנצער משפחה
קינסטלער רבקה	„ „ „ „
קרעמער אהרון	„ „ „ „

קארפ שמואל — — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
קארפ איטשע — — — — — —
קינסטלער יחיאל — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
קינסטלער משה — — — — — „ „ „ „
קופערשטאק לייב — — — — „ „ „ „
קאנער ישראל — — — — — מיט פרוי
קאשע אברהם = יצחק — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
קנאבעל אביש — — — — — מיט פרוי און קינדער
קאלאדניצקי הענעך — — — — מיט דער גאנצער משפחה
קנאבעל ישראל — — — — — „ „ „ „
קעסטלמאן אנשל — — — — מיט פרוי און טאכטער
קערשנבוים יעקב — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
קערפל משה — — — — — „ „ „ „
קערפל מאטל — — — — — „ „ „ „
די פרוי פון לייזער קארנפעלד — — מיט די קינדער
קארנברענער מרדכי — — — — מיט פרוי און קינדער
ראזנבלום ישעיה — — — — מיט דער גאנצער משפחה
ראזען משה — — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
ראזנבלאט יצחק — — — — — „ „ „ „
רייכשטיין ישראל — — — — — „ „ „ „
ראזנצווייג רפאל — — — — — מיט פרוי און קינדער
רייכמאן ליפע — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
ראזנבלאט יהודה — — — — מיט פרוי און קינדער
רויטשטיין אברהם, רב — — — — מיט דער גאנצער משפחה
רויטשטיין ציפע — — — — — מיט די קינדער
„רימער" הערש — — — — — מיט פרוי
רייכמאן יצחק — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
רובינזאן לייב — — — — — מיט פרוי און קינדער
ריים אלטער — — — — — — פרוי און טאכטער
ראזנבוים יששכר — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
רייכמאן מענדל — — — — — „ „ „ „
ראזנבלאט זעליג — — — — — „ „ „ „
ראזנבלאט אביגדור — — — — מיט זיין פאמיליע
ראזנבוים הערש — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שאק פערל — — — — — — מיט די קינדער
„שניידער" גדליה — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שטיין אברהם = מרדכי — — — „ „ „ „
שווארצביער חוה — — — — — מיט די קינדער און איידעם
שפיגדל שמחה — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שפיגדל לאזער — — — — — „ „ „ „
שאק מענדל — — — — — — מיט פרוי און קינדער
שאק יעקב — — — — — — מיט פרוי און צוויי קינדער
שטונצייגער צביה — — — — מיט צוויי קינדער
שטונצייגער נחמיה — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שטונצייגער יידל — — — — — „ „ „ „
שאק שמעון — — — — — — מיט פרוי און קינדער

שאק שאול — — — — — — — מיט פרוי און טאכטער
שטיין לייבל — — — — — — מיט פרוי און טאכטער
שיינדוואסער אברהם — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שטעמער דישע — — — — — מיט די קינדער
שטיצער דוד — — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שאק הענעך — — — — — — מיט פרוי און קינדער
שאק משה — — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שאק פאליק — — — — — — „ „ „ „
שאק גרשון — — — — — — מיט דער פאמיליע
שניידער יאסל — — — — — מיט דער גאנצער משפחה
שיידוואסער מאיר — — — — „ „ „ „
שמאראגד מלך — — — — — מיט פרוי און קינדער

באמערקונג: אין דער רשימה זענען נאר אויסגערעכנט די נעמען פון די ראשי המשפחות. דארט, וווּ עס איז א צושריפט „מיט דער גאנצער משפחה“, מיינט, אז אלע זענען אומגעקומען און קיינער איז נישט געבליבן. דארט, וווּ ס'איז דא א צושריפט „מיט פרוי און קינדער“, מיינט מען, אז איינצלנע פון דער משפחה זענען געבליבן לעבן; זייערע נעמען דארף מען זוכן אין דער רשימה פון די לעבנגעבליבענע.

שרידים

די לעבנגעבליבענע

*

אריה שטונציינגער

ווען מען רעדט וועגן קראסניסטאווער לעבנגעבליבענע יידן, האט מען בדרך כלל אין זינען נאר די, וועלכע האבן זיך געפונען אין קראסניסטאוו אין מאמענט פונעם מלחמה=אויסברוך אין 1939 יאר. דער דאזיקער באגריף איז אבער נישט אינגאנצן ריכטיק.

אייגנטלעך זענען — אויסער ווייניקע אויסנאמען — נאר לעבן געבליבן אזעלכע מענטשן, וועלכע זענען אנטלאפן פון קראסניסטאוו נאך איידער די היטלערישע בעסטיעס האבן פארשפרייט זייער ממשלה איבער דער שטאט, אדער הארט נאך זייער ארייננקום. די מענטשן האבן ערשט אין דער לעצטער מינוט פארשטאנען, וואס עס דערווארט זיי, אויב זיי זאלן בלייבן אויפן ארט; און דעריבער זענען זיי אנטלאפן קיין ראטן=פארבאנד, אין דעם איינציקן לאנד, וווהין עס איז נאך געווען א מעגלעכקייט צו אנטלויפן.

עס זענען אבער געווען פיל קראסניסטאווער, וועלכע האבן אויסגעוואנדערט אין אנדערע לענדער נאך מיט יארן פריער. די דערמאנטע מענטשן האבן שוין דאן דערשפירט די אויסזיכטסלאזיקייט אויפצובויען זייער לעבן אין קראסניסטאוו; זיי האבן געזען, אז די יידישע מאסן ווערן בהדרגה'דיק ארויסגעדרענגט פון אלע פרנסה=קוואלן, אז עס ווערט אלץ געטאן מצד דער רעאקציאנערער פוילישער רעגירונג צו צוברעכן די יידישע מאסן גייסטיק און עקאנאמיש, און אז בלייבן אין דער היימשאט, קראסניסטאוו, באדייט פארמשפט זיין אויף אייביקער וועגעטאציע. זיי האבן דעריבער באשלאסן אויסצוואנדערן אין אנדערע לענדער, ווו זיי האבן געגלויבט צו האבן מער פרייהייט און מער מעגלעכקייטן אויסצונוצן זייערע פעאיקייטן. לויט מיין מיינונג, זענען די מענטשן, וועלכע זענען נאך מיט יארן פריער פאר דער מלחמה אוועק קיין אמעריקע, אדער אין אנדערע לענדער מעבר=לים, געווען פיל ווייטזיכטיקער און געוואגטער ווי די, וועלכע זענען אנטלאפן שוין נאכן אויסברוך פון קריג אין 1939 יאר פארן דירעקטן אומגליק; שוין אפגערעדט פון די, וועלכע

זענען אלס חלוצים אוועק קיין ארץ-ישראל און אזוי ארום ארויסגעוויזן אן אמתן רעוואָלוציאָנער-געוואגטן כאראקטער.

אדאנק זייער געוואגטקייט, האבן זיי זיך און זייערע קינדער געראטעוועט פון א זיכערן טויט און אונטערגאנג און דארפן דעריבער אויך פארעכנט ווערן, ווי שרידים.

דער גורל האט געוואלט, אז די שרידים, וועלכע זענען אוועק פון קראסניסטאווער, זאלן איצט זיין דער הויפט-שטיצפונקט פאר דער רעטונג פון די שרידים, וועלכע האבן זיך געראטעוועט פון דער היטלעריסטישער פארניכטונג.

פאקטיש איז דאס נוגע נישט נאר די קראסניסטאווער, נאר דער גאנצער שארית-הפליטה בכלל: וואלטן מיר נישט געהאט איצט דאס אמעריקאנער יידנטום, וואס שטאָמט אין איר גרעסטן טייל פון פוילן, איז א גרויסער ספק צי די שארית-הפליטה וואלט געקענט עקזיסטירן. אָן דער מאטעריעלער הילף פון אונדזערע אמעריקאנער ברידער, וואלטן מיר — די געראטעוועטע פון די גאז-קאמערן און קרעמאטאָריעס — מסתמא נישט געקענט שפילן קיין ראָלע אינעם ווידערגעבורט פון יידישן פאלק נאָכן לעצטן חורבן.

די גיגאנטישע אנשטרענגונגען, וואס ווערן איצט געמאכט אויפצוהאלטן און צו רע-

קראסניסטאווער לאנדסלייט-קאָמיטעט אין דייטשלאנד

עס זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): נאָטע אבענשטיין, יעקב שאָק, אריה שטונציינגער, לייביש בורשטיין. עס שטייען: מעכל קאָנער, אברהם וואַרמאַן און מרדכי פוטערמאָן.

סטאווירן דאס לעבן פון די ווייניק לעבנגעבליבענע אייראפעאישע יידן, און צווישן זיי אויך די פוילישע, איז ענג פארבונדן מיט דער איבערגעגעבנקייט און הילפס-גרייטקייט פון אונדזערע אמעריקאנער ברידער. דורך פארשיידענע קאנאלן דערגרייכט צו אונדז די דאָזיקע הילף: דורך אלגעמיין נאציאָנאלע אינסטיטוציעס און אויך דורך די לאנדסמאנשאפטן.

אין דעם דאזיקן יזכור-בוך, וועלכער איז א מצבה פאר די אומגעקומענע קדושים, דארפן מיר אויך עפעס דערציילן וועגן די לעבנגעבליבענע; אפשר וועט עס זיין א שטיקל טרייסט ווען מיר וועלן דערציילן, אז עס איז נישט געלונגען דעם שונא צו פארניכטן דאס

גאַנצע יידישע פאָלק און אז די לעבנגעבליבענע ציען ווייטער דעם פאָדים פון דער יידי-שער געשיכטע.

נישט דאָ איז דאס אָרט צו שרייבן וועגן דער אַלגעמיינער נאציאָנאַלער אָנשטרענ-גונג פאַר ווידעראויפלעבונג. מיר ווילן נאָר דאָ דערמאָנען די באַשיידענע אָבער זייער וויכ-טיקע ארבעט, וואס ווערט געפירט דורך די לאנדסמאנשאפטן אויף צו העלפן זייערע לאנדסלייט מיט דירעקטער, באלדיקער, מאטעריעלער הילף, ווי אויך די ארבעט פון די לעבנגעבליבענע אין די לאגערן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט.

אונזערע קראסניסטאווער לאנדסלייט אין אמעריקע, שטייען נישט אָפּ פון די לאנדסלייט פון אנדערע שטעט. אויסער דעם, וואס יעדער פון זיי שטיצט די אלגע-מיינע אינסטיטוציעס, ווי: „דזשאָינט” קרן קימת לישראל, קרן היסוד א. אנד. נאציאָנאלע פאָנדן, גיבן זיי נאָך אויך דירעקטע שטיצע פאר זייערע לאנדסלייט, וועלכע געפינען זיך

די קראסניסטאווער לעבנגעבליבענע יידן אין טאָג פון דער ערשטער הזכרה, כ״ב אייר, התש״ז
אין באָד-רייכענהאַל (בייערן).

אין די לאגערן אויף דער פארשאָלטענער, מיט יידיש-בלוט-איינגעזאפטער, דייטשער ערד.

חער הויפט-ווערט פון דער דאזיקער הילף ליגט נישט נאָר — און אפשר ווייניקער — אין דער מאטעריעלער זייט, הגם זי איז געוואלטיק וויכטיק. די ווייניקע לעבנגעבליבענע, האבן זיך נאכן חורבן געפילט שרעקלעך פאר׳יתומ׳ט און עס איז, קודם כל, נויטיק גע-

ווען זיי צו דערמוטיקן דורך א ווארעם וואָרט, בכדי זיי זאָלן ווייטער קענען לעבן און עקזיסטירן, איז פריער פאר אלץ נויטיק געווען א ברודערלעכע, ווארעמע האנט, וועלכע זאָל זיי ווייזן, אז זיי זענען נישט געבליבן פאראייניזאמט און פארלאָזן.

די סיבה, וועלכע האט געשטויסן די פון חורבן אנטרונענע שרידים זיך צו אָרגאַניזירן אין לאנדסמאנשאפטן, איז קודם כל געווען די בענקשאפט זיך ווידער צו טרעפן מיט באקאנטע, נאָענטע מענטשן פון איין שטאָט. מען האט זיך געוואָלט צוטוליען איינער צום צווייטן, ווייל אלע האבן זיך געפילט שרעקלעך פאר׳יתומ׳ט.

די אויבן=דערמאנטע סיבה, ווי אויך דער ווילן צו באוויינען בציבור די הייליקע קדושים, די שוועסטער, ברידער, טאטעס, מאמעס און באקאנטע, האט באוויגן צו דער שאפונג פון אונדזער קראסניסטאווער לאנדסמאנשאפט.

דער גורל האט געוואלט, אז אין די טעג פון 1939, ווען דער היטלער=מבול האט פארפלייצט פוילן און האט זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל קראסניסטאוו, זאָל זיין א מעגלעכקייט פאר א געוויסער צאָל פערזאָנען זיך צו ראטעווען קיין ראטן=פארבאנד. בערך הונדערט פערזאן זענען דאן אנטלאפן און דאס זענען עס די, וועלכע זענען געבליבן לעבן פון דעם גאנצן קראסניסטאווער יידישן קיבוץ. די אלע, וואס זענען געבליבן אין שטאָט און אריינגעפאלן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופאציע — זענען אויף א גרויזאמען אופן אויסגעמאָרדעט און פארניכטעט געווארן. פון זיי זענען נאָר — על פי נס — לעבן געבליבן 3 יונגע פרויען. דאס זענען: אסתר מוטערפערל, די טאכטער פון איטשעלע מוטערפערל; אסתר קנאבעל, די טאָכטער פון אביש קנאבעל און צפורה

די קראסניסטאווער לעבנגעבליבענע אין טאָג פון דער צווייטער, פייערלעכער הזכרה, געווידמעט דעם אָנדענק פון די קדושי קראסניסטאָוו (כ״ב אייר, התש״ח) אין באָד=רייכענהאָל (בייערן).

זיגלשיפּער, די טאָכטער פון יצחק זיגלשיפּער, וועלכע איז אָבער אָפּגעשוואַכט פון די אי־בערגעלעבטע עגויים, געשטאָרבן אין דייטשלאַנד. א חוץ דעם זענען געבליבן לעבן איינציקע יונגע לייט דורך דעם, וואס מען האט זיי פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד אויף ארבעט און דאָרט האבן זיי געלעבט אויף אַרישע נעמען. אלע איבעריקע, זענען צוזאַמען מיט אלע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, אוועקגעפירט געוואָרן קיין בעלזשעץ, ווו זיי זענען אויסגע־מאָרדעט געוואָרן. א גרויסער טייל פון זיי איז נאך אומגעקומען אין קראסניסטאַוו גופא.

נאָר די, וואס האבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק קיין ראַטן־פאַרבאַנד און דאָרטן ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען, געלעבט פינף יאָר צייט, זענען, סוף־כל־סוף, צוריקגעקומען קיין פּוילן. די עטלעכע צענדליק קראסניסטאַווער לאַנדסלייט, וואס זענען געקומען צוריק פון רוסלאַנד נאָך דער מלחמה, זענען אלע — א חוץ א צוויי, דריי גאַנצע משפחות — געווען אָפּגעריסענע אברים פון פאַרצווייגטע יידישע פאַמיליעס.

קיין ראַטן־פאַרבאַנד איז בדרך כלל, אוועק נאָר די יוגנט. די עלטערע מענטשן זענען נישט געלאָפן. קיינער האט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אז די דייטשן וועלן אויף א טייוואָלאַניש־ראַפינירטן אופן אייסמאָרדן אלעמען אָן אויסנאַם: אלטע, מענער, פרויען און קינדער. מילא, האבן די עלטערע מענטשן זיך געטראַכט: צו צרות זענען יידן שוין געוווינט און שטאַרבן ווילט זיך אויפן אייגענעם בעט. זיי האבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז די מערדער וועלן זיי נישט לאָזן שטאַרבן אין אייגענעם בעט, נאָר אפילו קומען צו קבר־ישראל וועלן זיי נישט קענען.

זייענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד האט קיינער נישט געהאט קיין אַנונג וועגן דעם גרויסן חורבן. מען האט געהערט, וואס היטלער טוט מיט די יידן, דאס האַרץ האט גע־קלאַפּט און געציטערט פאַרן גורל פון די נאָענטסטע: טאַטעס, מאַמעס און משפחות. אָבער מען האט די פינצטערע געדאַנקען געטריבן פון זיך: „ס'איז נישט מעגלעך אַזאַ אכזריות", „די וועלט וואָלט נישט געשוויגן" — האט מען גע'טענה'ט. און ביי יעדן האט געטליעט א פונק פון האָפנונג, אז ער וועט דערלעבן דעם טאָג, ווען ער וועט זיך זען מיט זיינע נאָענטע און טייערע.

דאס איז אויך געווען די סיבה, וואס באַלד נאָך דער מלחמה זענען אלע פּוילישע יידן צוריקגעלאָפן קיין פּוילן. אָבער אַנשטאָט זייערע נאָענטע האט יעדער געטראָפן ביי זיך אינדערהיים — א ליידיקן, פּוסטן אָרט. מיט לעבנס־געפאַר זענען די איבערגעבליבענע אריינגעפאָרן אין זייער שטעטל קראסניסטאַוו, ווו עס האבן נאך געבושעוועט און גע־לויערט פאַרשיידענע באַנדעס אויף יידן.

די יידישע הייזער זענען באַוווינט געוואָרן דורך גויים און פון די נאָענטסטע איז אפילו נישט געבליבן קיין זכר. ווי פון א שרעקלעכן פעסט זענען זיי דאַן אַנטלאָפן פון זייער שטעטל, געיאָגט דורכן פינצטערן, בלוטיקן קאָשמאַר פון חורבן, האבן די פאַר'יתומ'־טע, לעבנגעבליבענע געוואַנדערט איבער פּוילן. ביי אָט דעם צושטאַנד, האבן אלע באַ־שלאָסן צו פאַרלאָזן דאס בלוטיקע פּוילן, אוועק ווו די אויגן וועלן טראָגן — און אַזוי איז מען געקומען אין די לאַגערן.

ביי דער מיטהילף פון א פּאָר איניציאַטאָרן איז דאַן צונויפגערופן געוואָרן אויף כ"ב אייר א פאַרזאַמלונג פון די קראסניסטאַווער שרידים קיין באַד־רייכענהאַל. פיל טרערן

זענען דאָן פאַרגאָסן געוואָרן. די מענטשן האָבן געשווירן אייביק צו געדענקען אָן די קדושים.

מען האָט געזוכט א טרייסט. מען האָט זי געזוכט ביי אונדזערע לאַנדסלייט אין אמעריקע און אין אַנדערע לענדער. עס איז נישט געגאַנגען אַזויפיל אין דער מאַטעריעלער הילף, וועלכע איז אויך געווען נייטיק, מען האָט, בעיקר, געזוכט א וואַרעם וואָרט, א האַרציקן מיטליידס-בריוו. און דאָ מוז ס'ספּעציעל באַטאָנט ווערן: דאָס ערשטע, וואַרעמע טרייסט-וואָרט איז געקומען פון לאָס-אַנדזשעלעסער קאָמיטעט. דער ערשטער בריוו פון פאָרזיצער, דעם חשובֿן ה' בען צוקערמאַן, איז מער געווען, ווי די גרעסטע אוצרות. אויך מאַטעריעלע הילף האָט דער לאָס-אַנדזשעלעסער קאָמיטעט געשיקט מער פון אַלע, דורך דעם ה' בען צוקערמאַן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין לאָס-אַנדזשעלאָס געפינען זיך גאָר געציילטע פון אונדזערע לאַנדסלייט, איז די פון דאָרט געקומענע הילף געווען גרעסער פון אַלע איבעריקע קאָמיטעטן און אויסלאַנד צוזאַמענגענומען. הונדערטער שפּייז-פּאַקעטן און צענטליקער קליידער-פּאַקעטן זענען אָנגעקומען אויסשליסלעך דורך ה' בען צוקערמאַן.

אויסער דעם האָט ה' בען צוקערמאַן געשיקט געלט פאַר יעדן פון די לעבנגעבליבענע. דערביי דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן דער אופן, ווי אַזוי דער ה' בען צוקערמאַן האָט אַדורכגעפירט די הילפס-אַרבעט: האַרציק, אָפּהיטנדיק די מענטשלעכע ווירדע פון די מקבלים.

די קראַסניסטאַווער לעבנגעבליבענע אין טאָג פון דער ערשטער, פייערלעכער הזכרה (כ״ב אייר התש״ז) אין באַד-רייכענהאַל (בייערן).

דער חשובֿער פּאַרזיצער פֿון לאָס-אַנדזשעלעסער קאָמיטעט, ה׳ בען צוקערמאַן, איז געווען דער הויפּט-איניציאַטאָר און מיטאַרבעטער פֿון דעם האַזיקן יזכור-בוך.

אַזוי אַרום ליגט דער הויפּט-פֿאַרדינסט פֿון לאָס-אַנדזשעלעסער קאָמיטעט סיי אין פֿאַראייביקן דעם זכרון פֿון די אומגעקומענע קדושי-קראָסניסטאַוו, סיי אין דער ברייטער הילף פֿאַר די לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט.

מיט דער גאַנצער זיכערקייט קען מען זאָגן, אַז די גאַנצע אַרבעט פֿון דער קראָסניסטאַווער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין דייטשלאַנד האָט געקענט צושטאַנדקומען, נאָר אַ דאַנק דער אַרבעט פֿון ה׳ בען צוקערמאַן מיט דעם לאָס-אַנדזשעלעסער קאָמיטעט..

אויך אונדזערע לאַנדסלייט אין ניו-יאָרק, מיט זייער פּרעזידענט, סעם ליכטנשטיין בראש, האָבן נישט פֿאַרגעסן זייער הייליקע פֿליכט לגבי זייערע אומגליקלעכע ברידער אין די לאַגערן. דער ניו-יאָרקער הילפֿס-קאָמיטעט זעצט ווייטער פֿאָר זיין הילפֿס-טעטיקייט, דורך שיקן געלט און אַנדערע שטיצע צו פֿיל קראָסניסטאַווער שרידים אינדיווידועל.

מיר האָבן באַקומען ידיעות, אַז אויך אין אַרגענטינע איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קראָסניסטאַווער הילפֿס-קאָמיטעט, מיט דעם ה׳ גרשון שטערן בראש. צום באַדויערן איז אונדז, ביז היינט נישט געלונגען אָנצוקניפּן אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיטן אַרגענטינער הילפֿס-קאָמיטעט צוליב דער ווייטקייט און פֿאַרבינדונגס-שוועריקייטן. אַלץ צוזאַמען ווייזט אָבער, אַז די לעבנגעבליבענע קראָסניסטאַווער לאַנדסלייט, זענען אומעטום, וווּ זיי געפֿינען זיך נאָר, אַנטשלאָסן מקריב צו זיין די צוואה פֿון די קדושים און אַלץ טאָן, אַז עס זאָל נישט אונטערגיין דעם זכר פֿון יידיש לעבן פֿון קראָסניסטאַוו; און אַז עס זאָל פֿאַרגעזעצט ווערן דער ווייטערדיקער קיום פֿון יידישן פֿאָלק.

געבענטשט זאָלן זיין זייערע הענט!

מײַן לעצטער באַזוך אין קראַסניסטאַוו

*

אריה שטונצײַנגער

אין נאָוועמבער 1944 יאָר בין איך, אַלס סאָלדאַט, איבערגעשיקט געוואָרן פון ראַטן-פאַרבאַנד קיין לובלין אין דער פּוילישער אַרמײ. פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אויסצונוצן די ערשטע מעגלעכקייט און אַרײַנפאָרן קיין קראַסניסטאַוו. וועגן בראָך פון אונדזער פאָלק און חורבן פון פּוילישן יידנטום האָב איך שוין געהערט נאָך זײַענדיק אין ראַטן-פאַרבאַנד. אָבער דאָס, וואָס מען האָט דערציילט, איז געווען אַזוי גרויליק און אַזוי אומגלויבלעך, אַז יעדער האָט זיך געוואָלט וועגן דעם איבערצייגן מיט די אייגענע אויגן. עס האָט נאָך אין האַרצן געטליעט אַ שטיקל האָפענונג: „אפשר איז עס איבערגעטריבן, אפשר איז דער חורבן דאָך נישט אַזוי גרויס".

אָנקומענדיק קיין לובלין, האָב איך צוערשט געמוזט זיך מעלדן אין שטאָב. אויף דער באַן-סטאַציע האָט מיר דער מיליטער-קאָמענדאַנט אינפאָרמירט, אַז דער שטאָב געפינט זיך אין דעם באַרימטן אויסראָטונגס-לאַגער מײַדאַנעק. די נײַגיריקייט האָט מיך געטריבן, וואָס שנעלער אַהין צוקומען און זען די האַזיקע פאַרניכטונגס-פאַבריק, אין וועלכער עס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן מיליאָנען פון אונדזערע ברידער, שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס.

דער לאַגער האָט זיך געפונען בערך 4 קילאָמעטער אונטער דער שטאָט, אויף אַ שטח פון בערך 15 קוואַדראַט קילאָמעטער, אַרומגערינגלט מיט אַ דאָפּלטער פאַרצוימונג פון שטעכל-דראָט. אין לאַגער זענען אין גלײַכע שורות געווען אויסגעשטעלט צענדליקער באַראַקן, אין וועלכע עס האָבן זיך פריער געפונען די אומגליקלעכע, צום טויט-פאַראורטיילטע אַרעסטירטע. אין לאַגער האָט געהערשט אַן אידעאַלע אָרדענונג. צווישן די באַראַקן האָבן זיך געצויגן פײַן-אַספאַלטירטע גאַסן. אין ערגעץ האָט מען נישט געזען קיין סימן פון דער מוראדיקער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך דאָ, אונטער די האַזיקע צוימען, אָפּגעשפּילט. כמעט אַלע באַראַקן זענען שוין געווען פול מיט סאָלדאַטן. איך האָב געזוכט מיט די

אויגן עפּעס אַן איבערבלייב פון די דערמאָרדעטע, דאָן האָב איך באַמערקט פון רעכטס, א האַלב־צעבראָכענע געביידע מיט אַן אויסשטאַרצנדיקן קוימען.

דאָס איז דאָס קרעמאַטאָריום — האָבן מיר די סאָלדאַטן געזאָגט. איך בין נענטער צוגעגאַנגען. דאָס קרעמאַטאָריום איז שוין געווען האַלב־צעשטערט. דער אויוון אָבער, איז נאָך געווען כמעט גאַנץ. אינעם אויוון זענען געווען ריזיקע, אייזערנע רושטן מיט לעכער. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז דאָס געמאַכט געוואָרן מיט א כוונה, בכדי דאָס פעטס פון די פאַרברענטע מענטשן זאָל אָפּפליסן אין א ספּעציעלן קאַנאַל אַריין און שפּעטער האָט מען דערפון געמאַכט זייף.

אַרום דעם קרעמאַטאָריום האָבן זיך נאָך געוואַלגערט גאַנצע קופּעס מיט מענטשלעכע ביינער און אַש. אַרום די מאַגאַזינען, זענען געווען צעוואָרפן שוכוואַרג פון פאַרשיידענע גרויס, אויך פיל פרויען־ און קינדער־שוכוואַרג.

צומאַרגנס, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, בין איך אַוועק אין שטאָט, מיטן איינציקן ציל אָפּצוזוכן א באַקאַנטן אָדער סתם א ייד. די שטאָט לובלין האָב איך געקענט גוט, נאָך פון פאַר דער מלחמה. איך האָב דאָרט געהאַט פיל באַקאַנטע און אויך פאַמיליע. איך בין דעריבער אַוועק אויף לובאַרטאָווסקע גאַס, האָרט, ווו מיין פעטער האָט געהאַט א ווורשט פאַבריק. פאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר וואָס איך האָב נישט געפונען נישט די פאַבריק און נישט דעם פעטער, נאָר אויף דער גאַנצער לענג פון דער אַמאָל כמעט דורכאויס יידישער גאַס, האָב איך נישט באַמערקט קיין סימן פון א ייד. אויף אַלע אַמאָליקע יידישע געשעפטן, האָבן פיגורירט פּוילישע נעמען. עס האָט שרעקלעך פאַרקלעמט ביים האַרצן, וואָס אַלץ זעט דאָ איצט אויס אַזוי רואיק און נאַטירלעך... עס זענען פאַרשוואונדן די יידן און אַלץ זעט אויס אַזוי נאָרמאַל...

כ'האָב געפרעגט א קריסט, צי עס געפינען זיך נאָך דאָ ערגעץ־ווו יידן. ער האָט מיך אינפאָרמירט, אַז אין פּרץ־הויז זענען קאָנצענטרירט א ביסל יידן, האָן בין איך אַהין אַוועק. האָרט האָב איך געטראָפן אַן ערך 200 יידישע מענער און פרויען, לעבנגעבליבענע פון די קאַצעטן. מערסטנטייל זענען דאָס געווען פּוילישע יידן, די איבעריקע אונגאַרישע. אַלע זענען אָבער געווען פון ווייטע געגנטן, נישט פון לובלינער קרייז.

איך האָב דערציילט די יידן, אַז איך קלייב זיך פאָרן קיין קראַסניסטאַוו. די יידן האָבן מיך געראָטן נישט צו פאָרן, ווייל קראַסניסטאַוו איז — צו יענער צייט — געווען דער צענטער פון די אַ. ק. און נ. ס. ז.־באַנדעס. און דאָס לעבן פון א ייד, איז דאָרט נישט זיכער.

א דערשלאָגענער בין איך אַוועק צוריק אין שטאָב. האָרט בין איך גלייך צוגעטיילט געוואָרן צום 5־טן זאַנדער־באַטאַליאָן און בין אַוועק קיין דעמבלין, ביי דער ווייסל, צום פראָנט. אָבער דער געדאַנק צו באַזוכן קראַסניסטאַוו האָט דאָך מיך נישט געלאָזט רוען אין אין איינציקע חדשים אַרום, ווי נאָר איך האָב געהאַט א מעגלעכקייט צו באַקומען אורלויב, בין איך אַהין געפאָרן. בכדי צו זיין עטוואָס זיכערער, האָב איך מיטגענומען מיין אָרדינאַנס, א פּאָליאַק, וועלכער האָט אָבער אויסגעזען ווי א ייד און האָט זיך עפּעס מאָדנע געטוליעט צו מיר. ווייזט אויס, אַז זיין אויסזען האָט אים פאַרשאַפט א סך צרות און דאָס האָט אים דערנענטערט צו יידן.

באַלאַרנדיק זיך מיט א „פּאַראַבעללום" און מיט א „ט. ט.' און דערצו נאך עטלעכע האנט-גראנאטן אין קעשענע, בין איך און אן אויטא אָפּגעפאָרן קיין קראסניסטאוו. דער אדיוטאנט איז געווען באוואָפנט מיט אן אויטאָמאט.

ווען כ'בין אויסגעשטיגן פון אויטא אין שטאָט, האב איך זיך מיטאמאָל דערפילט שרעקלעך עלנט. וואוהין גיין? איך האב געווארפן א בליק אויף דער שטאָט. קראסניסטאוו איז כמעט אינגאנצן נישט באשעדיקט געווארן דורך דער מלחמה. אלע הייזער זענען געבליבן גאנץ, אָבער עפּעס מאָרנע טרויעריק און אָפּגעלאָזן האט דאס שטעטל אויסגעזען אין דעם דאזיקן גרויען, קאלטן ווינטער-טאָג.

די הייזער ארום — אין גרעסטן טייל יידישע — זענען אלע געווען מאָרנע אָפּגעקראָכן און שמוציק. די פּאסאדן זענען, וויזט אויס, נישט אויפגעפרישט געווארן, זייט די יידן זענען פארטריבן געווארן פון דער שטאָט. דער אמאָל-שיינער סקווער אינמיטן שטאָט, איז געווען שרעקלעך פארוואָרלאָזט און די צוים ארום — צעבראָכן.

איך האב באשלאסן קודם-כל צוגיין צו מיין אייגענער וווינונג. אבער ארויפקומענדיק אויפן הויף, האט מיר שרעקלעך דאס הארץ פארקלעמט: דארט ווו עס האבן זיך פריער געשפּילט יידישע קינדערלעך, איז איצט געווען שטיל, שאַ. די פענצטער זענען געווען פארהאָנגען מיט קריסטלעכע פאָרהאנגלעך. איך האב זיך איניקע מינוטן ארומגעדרייט אויפן הויף, קיינער איז נישט ארויס. פּוסט.

פארשיידענע מחשבות האבן זיך געיאגט אין מח. דאס הארץ האט שנעל געקלאפּט. אָט-דאָ, אין דעם ווינקל, האב איך יעדעס יאר מיטן טאטן געשמעלט א סוכה... און דאָרט, פלעג איך זיצן אין די זומערדיקע אָוונט-שעה'ן, לייענענדיק א בוך, אדער שפּילן אויף דער מאנדאָלינע; און אָט, אויף דעם אָרט, איז אמאָל מיין שוועסטערל, שפּילנדיק זיך, אומגעפאלן און זיך שטארק צעקלאפּט...

איך בין כמעט לויפנדיק ארויס פון הויף, נישט ארויינגייענדיק אין דער וווינונג. איך האב שוין געוווסט, אז מער וועל איך אהער נישט קומען. איך האב באשלאסן גוט אנצוקוקן די גאנצע שטאָט, ווו יעדעס ווינקל און יעדער שטיין איז מיר גוט באקאנט.

עס איז גראָד געווען א מארק-טאָג און איך בין אוועק צום מארק-פלאץ. נישטאָ קיין איין ייד. קריסטן האנדלען געגנוי מיט די זעלבע ארטיקלען, ווי פריער יידן. איך בין ארומגעגאנגען צווישן די סטראגאנעס. עפּעס א קריסט איז געשטאנען און פארקויפט אלטווארג, מסתמא האט ער דאס „גערירשנט" פון יידן. אייניקע קריסטנס זענען צו באטראכטן די סחורה. דער „סוחר" האט זיי פארגעלייגט א צו הויכן פּרייז. ווען די פּויערטעס האבן זיך אנגעהויבן דינגען, האט ער אויסגעשריגן:

„איך בין האָד נישט קיין ייד, אז כ'זאָל זאָגן א הויכן פּרייז!"...

און ווידער האט מיר שרעקלעך א שטאָך געטאָן אין הארצן. עס האט מיך שטארק געצויגן ארייינצוווארפן א גראַנאַט אינעם קריסט צוזאמען מיט זיין סחורה. איך האב זיך אָבער איינגעהאלטן און בין אוועק ווייטער. מען דערקענט מיך נישט, אז כ'בין א ייד — האט מיר דורכגעבליצט אין מח.

אינמיטן דעם מארק-פלאץ שטייט נאך דער אלטער נים-בוים, אויף וועלכן איך פלעג אין די קינדער-יארן ארויפקריכן רייסן נים. דערנאך בין איך אוועק צום שטאָטישן

בית=מדרש. די געביידע איז חרוב; די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און דינט איצט אַלס מאַגאַזין פאַר דער „ספּולדזשעלניע", מיט אַ ווייטאָק אין האַרץ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָ, אין דעם בית=מדרש, האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אַלס לערנער. אויף דער גאַס זענען מיר, די „בית=מדרש'ניקעס" געווען די בעלי=בתים. איצט איז דאָ פּוסט און טרויעריק און די פאַרקלאַפּטע פענצטער שרעקן מיט זייער בלינדקייט און חורבן.

איך בין אַוועק ווייטער, צום „קלוב", וועלכער איז געווען דאָס אָרט, וווּ עס זענען פאַרביי די שענסטע טעג אין מיין לעבן — דער בית ועד פאַר דיסקוסיעס און פאָרלעזונגען, דאָס אָפּרו=ווינקל און פאַרווייִלונגס=אָרט פון כמעט דער גאַנצער קראָסניסטאַווער יידישער יוגנט.

דער קלוב איז געווען מיין געזעלשאַפטלעכע שול, וווּ איך האָב געמאַכט מיינע ערשטע שריט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער; דאָ האָט זיך אויסגעשמידט מיין וועלט=אַנשויאונג. דער „קלוב" און דאָס בית=מדרש, האָט אייִנגעפלאַנצט אין מיר און אין פיל קראָסניסטאַווער יוגנטלעכע, אַן אייביקע פיעטעט פאַרן בוך. דאָ בין איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געקומען אויף אַ טאַנץ=אָוונט און איבערגעלעבט דעם ערשטן ציטער פון מיידלשן באַריר. די ביבליאָטעק איז פאַרניכטעט געוואָרן נאָך אין די ערשטע טעג פון קריג, באַלד ווי די היטלעריסטישע וואַנדאַלן זענען אַריין אין שטאָט. איצט וווינט דאָרט אַ קריסט. אויך אין „טריסקער שטיבל" וווינט אַ קריסט. און דער פּלאַץ, אויף וועלכן כמעט יעדער קראָסניסטאַווער ייד האָט זיך געשפּילט אין די קינדער=יאָרן — איז פּוסט. דאָ בשכנות זענען געווען די דרדקי חדרים, וווּ ר' לייזער מלמד האָט געלערנט מיט יידישע קינדערלעך פערציק יאָר אָן איבעררייס. די בילדער פון מיין פריסטער יוגנט האָבן זיך געטראָגן פאַר מיינע אויגן. כ'בין אַוועק צו דער בריק — דאָס אָרט פון מיין ערשטער „ראַנדקע", דעם ערשטן נאַכט=שפּאַציר מיט אַ מיידל און דעם ערשטן שעמעוודיקן קוש... דער שאָסיי פון דער בריק אין דער ריכטונג צו דער באַן=סטאַציע איז אויסגעפלאַסטערט מיט די מצבות פון געשענדעטן יידישן בית=עולם. די טריט האָבן אָנגעהויבן ברענען, ווען איך האָב דאָס באַמערקט. איך בין האַן אַוועק רעכטס אין דורכגעגאַנגען די „גראַבליע" — דאָס אָרעמע, כמעט דורכאויס מיט יידן, באַוווינטע געסל. פאַר מיינע אויגן האָבן ווי געשוועבט די שבת'דיקע פאַרנאַכטן, ווען די פאַרהאָרעוועטע, אַ גאַנצע=וואָך=פאַריאָגטע יידישע פרויען, פלעגן זיך דאָ שלוות'דיק אַרויסזעצן אויף די שוועלן און פריזבעס, און טרייבן גוטמוטיקן „לשון הרע" פון יעדן פאָרל, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען שפּאַצירן. איך בין פאַרביי דאָס קליינע בריקל, נעבן וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס גראַבליע בית=מדרש. איצט איז אפילו קיין נעבייִן דערפון נישט פאַרבליבן; אויף דעם אָרט געפינט זיך אַ גאָרטן פון גרינוואַרג. איבער דעם דאָזיקן בריקל פלעגן די גראַבליע יידן יעדן שבת נאָכמיטאָג, מיט געמאָסטענע טריט, פאַרבייגיין צום „סטאָק", טרינקען דאָס אייז=קאַלטע קריסטאַלענע קוואַל=וואַסער. נישטאָ מער קיינער פון די דאָזיקע האָרעפּאַשנע יידן, פאַרשוווּנדן אין נישטאָ. מוראשקעס זענען מיר אַדורך איבער דער פּלייצע, אַן אינערלעכער שווידער האָט מיך געטרייסלט. אויפן מח איז געלעגן עפּעס אַ מאָדנע שווערקייט, ווי מיט בליי צוגעדריקט. איך האָב אָבער באַשלאָסן אַלץ צו זען און בין אַוועק ווייטער.

די קוזשניע, ווו „זיינוול קאָוואַל״ מיט זיין ברודער האָבן געאַרבעט, שטייט נאָך גאַנץ, איז אָבער געשלאָסן.

מיר איז נאָך פאַרבליבן צו זען איין אָרט — דעם יידישן בית־הקברות. און כ׳בין אַוועק אַהין.

אונטער דער שטאָט, ביים ראַנד פון סאָסנע־וואַלד האָט זיך געפונען דאָס דאָזיקע אָרט, ווו עס האָבן גערוט די בייגער פון מיינע זיידעס און ווו פרומע יידן פלעגן אויסגיסן זייערע ביטערע טרערן אין אַן עת צרה, בעטנדיק די טויטע זיך צו מיען „דאָרט״, ביים רבונו של עולם, פאַר זייערע קינדער.

דאָס בית־עולם איז שרעקלעך געשענדעט; דער פלויט אַרום פאַרניכטעט; עס וואַלגערן זיך שפּליטערן פון מצבות; די קברים צעטרעטן און צעגראָבן. מיין האַרץ האָט דאָס שרעקלעכע בילד נישט אויסגעהאַלטן, מיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן און שווערע טרערן האָבן זיך מיר אַראָפּגעקייקלט אויף די באַקן. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען אייניקע פויערים און פויערטעס און זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן מיך, דעם וויינענדיקן פּוילישן סאָלדאַט. זיי האָבן זיך אָבער גלייך אָריענטירט ווער איך בין און זענען שנעל אַוועק. עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט מיך געצוווּנגען וואָס גיכער אַוועק פון דאָרט „זאָלן די גויים נישט זען מיינע טרערן״ — האָב איך געטראַכט..

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. איך בין צוגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַציע מיט דער האָפענונג צו טרעפן אַ צוג קיין לובלין. כ׳האָב געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דער שטאָט—מיין שטאָט, וועלכע איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן שרעקלעך פרעמד און ווו איך האָב זיך דערפילט שרעקלעך עלנד און צעבראָכן. קיין צוג איז אָבער נישט געווען און כ׳האָב געדאַרפן וואַרטן ביז מאָרגן פרי. דעריבער האָב איך געמוזט געבן אַ טראַכט וועגן אַ נאַכטלעגער.

ביים צוג האָב איך געטראָפן אַ יונגן פויער, אַ שמיד, מיט וועמען איך בין אַמאָל צוזאַמען געגאַנגען אין שולע, זיין נאָמען איז האַלאַס. ער האָט מיך אָבער נישט דערקענט און געמיינט, אַז כ׳בין אַ פּאָליאַק. ער איז צוגעקומען צו אונדז און אויסגעדריקט זיין סענטימענט פאַרן „פּוילישן אָפיציר״ און אונדז איינגעלאַדן צו זיך. איך בין אַוועק צו אים אין זיין אָרעמער כאַטע.

אינאָוונט האָט מיין אַדיוטאַנט זיך צעשפּילט אויף זיין מאַנדאָלינע און עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ פּאָר יונגע שקאָצים „דורכשמועסן זיך״ מיט דעם פּוילישן אָפיציר. זיי האָבן מיר אָפן דערציילט, אַז זיי געהערן צו דער א. ק. באַנדע. איך האָב באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק. בכדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד, אַז כ׳בין אַ ייד, האָב איך געמוזט פאַריאָגן פון מיין געזיכט דעם טרויער און די אויפרעגונג. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך שטאַם פון דער געגנט און פאָר דאָ פאַרביי. איך האָב זיי אויסגעפרעגט וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען במשך פון די אָקופּאַציע־יאָרן. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די יידן־פאַרניכטונגען, גלייכגילטיק, ווי וועגן עפּעס אַ גאַנץ געוויינלעכער און נאַטירלעכער זאַך. דער גאַסט־געבער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט נישט גענאָסן פון יידישן גוטס און איז געבליבן אָרעם, ווי געווען — נישט ווי אַנדערע. דערפאַר בין איך נישט געווען אינגאַנצן זיכער צי מען האָט מיך נישט דערקענט, ווייל דאָס יידישע געזיכט פון מיין עכט־קריסט־

לעבן אדיומאנט האט ארויסגערופן א חשד. דעריבער בין איך א גאנצע נאכט געלעגן מיטן רעוואָלווער אין האנט און נישט צוגעמאכט קיין אויג.

גאנץ פרי בין איך אוועק אין שטאָט זוכן אַן אויטא. איך האב געמוזט ווארטן עטלעכע שעה. און דרייענדיק זיך אויפן גאס, האבן מיך דערווייל דערקענט אייניקע קריסטן. איינער פון זיי — א געוויינלעכער מויערער — איז צוגעגאנגען צו מיר. איך האב באלד באמערקט, אז אים איז שווער מיט מיר צו רעדן, עפעס פילט ער זיך קרעמפירט און אומבאקוועם. ווערנדיק דערקענען זיין שטימונג, האב איך אים געפרעגט:

— ווי מיינסטו, זאל איך קומען אהער צוריק זיך איינאָרדענען?

— יאָ, מען קען, אָרט איז פאראן, אָבער... האט ער זיך פארהאקט, עס זענען דאָך פאראן פארשיידענע „כאַלערעס" און דעריבער איז געפערלעך.

איך האב געפילט, אז ער זאָגט דעם אמת. אים, דעם אָרעמען ארבעטער, האבן די יידן נישט געשטערט. אָבער די אַלע, דאָ ארום, וואס האבן זיך באַרייכערט מיט יידישע הייזער און יידישע געשעפטן, זיי וועלן נישט דערלאָזן, אז דאָ זאל לעבן א ייד, וועלכער ווייס געגוי פונוואנען זיי האבן גענומען זייער פארמעגן.

איך האב אפילו נישט געטראכט נאכאמאָל אהערצוקומען, ווייל אין דער־אָ אטמאָספער, וואלט מיין הארץ לאנג נישט אויסגעהאלטן און געמוזט פלאצן.

דער אויטאָ איז אנגעקומען. כ'בין שנעל איינגעשטיגן, כדי וואס שנעלער אוועק פון דעם דאָזיקן אָרט.

ווען דער אויטא האט געדירט, האט א שווערע קללה זיך ארויסגעריסן פון מיין ברוסט, א קללה אָן אן אדרעס, וועלכע דארף לויערן אויפן דאָזיקן אָרט און טרעפן יעדן, וואס האט צוגעלייגט א האנט צום דאָזיקן חורבן.

אָבער די דאָזיקע אומבאשטימטע קללה האט נאָך מער פארקלעמט די נשמה.

א תיקון פאר יידישע נשמות

*

נח גריס

דען מיין טאטע איז פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה געפארן קיין ארץ־ישראל אויף א באזוך, האט ער צוגעזאגט עטלעכע מענטשן פון שטעטל צו ברענגען די טייערסטע מתנה, וואס זיי האבן ביי אים געבעטן: א זעקעלע ערד. עס איז פאר די דאזיקע מענטשן געווען דער הייסטער ווונטש. זיי האבן געהאלטן, אז נאר דורך פאראייניקן זיך מיט דער ארץ־ישראלדיקער ערד, וועלן זיי קאנען רואיק אפשליסן זייער לעבנס־וועג, וועלן זייערע אינטימסטע פארלאנגען באקומען זייער תיקון.

דער טיפער גלויבן פון פאלק, וואס האט באקומען זיין אויסדרוק אין אומצאליקע לעגענדעס, אז נאכן טויט, אויב נישט ביים לעבן, מוזן זיך די יידן פארבינדן מיט זייער ערד, האט באהערשט ס'רוב יידן און האט באקומען א פארשידנארטיקן אויסדרוק. אויף דעם גלויבן איז אויך אויסגעוואקסן די ציוניסטישע באוועגונג אין אלע אירע שאטירונגען.

אויב מען האט אמאל געבראכט ערד פאר פרומע יידישע מענער און פרויען, פירט היינט א דעלעגאציע פון ארץ־ישראל ערד אויפן קבר פון די העלדן פון ווארשעווער געטא, אומטערשטרייכנדיק דערמיט, אז זייער קאמף און אונדזערער, זענען רינגלעך פון דער זעלבער קייט, וואס פעגטעט אונדזער פרייהייט ווי יידן, צו לעבן ווי יידן,

אראנק די גינסטיקע, דעמאקראטישע אומשטענדן, איז געגעבן געווארן א מעגלעכקייט צו שטעלן א דענקמאל די קעמפער פון ווארשעווער געטא. ס'זענען אבער נאך פאראן צענטליקער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך, פעלדער און וועלדער אין פוילן, פראנקרייך, אונגארן, דייטשלאנד, רומעניע און בעלגיע, ווו מען וועט אפשר יא, אדער נישט שטעלן קיין מצבות. פאראן קברים צו וועלכע מען וועט נישט דערלאנגען און ס'זענען אויך פאראן קרובים, וואס ווייסן נישט ווו די קברים געפינען זיך.

און נישט נאר אין דעם גייט עס; נישט נאר אין באערן דעם אנדענק פון טויטן, הגם מיליאנען זענען אומגעקומען און קיין זכר פון זייער געביין איז נישט פארבליבן.

עס איז א חוב פון די לעבנגעבליבענע צו טאָן עפּעס מער: צו פאַראייביקן א גאַנצן דור אויף אן אופן, וואס זאל אנטשפּרעכן די גרויסקייט פון דער גבורה און קידוש-האומה.

עס איז נישט קיין צופאַל, אז אויפן 42-טן טאג פון העלדישן קאמף אין ווארשעווער געטאָ, ווען דער געטאָ איז געשטאַנען אין פלאמען, האבן זיך יידן פארבאריקאדירט אין לעצטן, פירשטאָקיקן הויז.

„ווען די פלאמען פון דער שרפה האבן ארומגעכאַפּט דעם ערשטן שטאָק, זענען די יידן ארויף אויף דעם צווייטן — און אזוי ווייטער זיך צוריקגעצויגן פאר דער פייערסטיכיע אַלץ העכער, ביזן פערטן שטאָק. אומזיסט האבן די שונאים גערופן: „קומט אַראָפּ! מיר וועלן אייך דאס לעבן שענקען!" די לעצטע פאַרטיידיקער פון יידישן כבוד האבן נישט געוואָלט קיין לעבן ווי שקלאַפן — און די שלאַכט איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

„מיטאַמאָל זענען די צעוויסטע דייטשע סאָלדאטן געבליבן ווי פארשטיינערט, מיט דעם שיס-געווער אין די פארשטאַרטע הענט. א מאָדנער בילד האט זיך געעפנט פאר דער מטורפער גאס: אויפן סאמע העכסטן באַלקאָן זענען ארויס די פיר לעצטע פאַרטיידיקער — די לעצטע פון די העלדישע אויפשטענדלער — איטלעכער פון זיי האט זיך ארומגעוויקלט מיט א פאָן — דער קאָליר פון איינער איז געווען רויט, פון דער צווייטער — ווייס-רויט, די דריטע איז געווען א בלוי-ווייסע, די פערטע איז, אייגנטלעך, נישט געווען קיין פאָן, נאָר א טלית. איינגעוויקלט אין זייערע פענער, האבן די יידן ארויסגעלאָזט אן אוממענטשלעך-הארצרייסנדן געשריי: „עם ישראל חי!" — און זיך געוואָרפן אין די פלאמען" (מארק: חורבות דערציילן).

„עם ישראל חי" איז געווען דער קאמפּס-רוף און ווו אויב נישט דאָ דארף פארווירקלעכט ווערן דער חלום פון די יידישע קעמפער און ווו, אויב נישט דאָ דארף פאראייביקט ווערן דער אָנדענק פאר דער גבורה?

אין „היכל חזק" דארפן אויסגעקריצט ווערן די נעמען און די מעשים פון אַנילעוויטש און חנה סענעש, בראַסלאַוו און פרומקע.

דא דארפן זיך איבעררופן מאיר הזנוביץ און טרומפעלדאָר, ברענער און יוסף לעווארטאָווסקי, לייב יפה און ד"ר קאַהאַנע פון קעלץ, און די מיליאָנען יידן פון אייראָפּע מיט די הונדערטער פון ארץ, וועלכע זענען געפאלן אין די לעצטע וואָכן, כדי אונדזער פאלק זאָל לעבן.

עס איז אָן יעדן ספק, אז דער אנטייל פון יידן אין קאמף קעגן פאשיזם, וועט ווערן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט אין יעדן לאַנד באזונדער.

דאס נייע פוילן וועט א ביישפּיל. די מאקי-קעמפער אין פראַנקרייך האבן געקראָגן אויסצייכנונגען. ווען שפּאַניע וועט ווידער ווערן פריי, וועט מען פארצייכענען צווישן די העלדן אויך די יידישע באַטאַליאָן-קאָמפּאַניע. אָבער עס מוז זיך געפינען אן אָרט און אן אינסטיטוציע, וואס זאל צונויפזאַמלען דעם יידישן צושטייער און פון די באזונדערע ציגל אויפשטעלן דעם מאָנומענטאַלן בנין פון דער יידישער העלדישקייט. וועגן באזונדערע דענקמעלער האבן געטראַכט פארשיידענע מענטשן אין אַלע שטעט און לענדער. עס זענען געשאַפן געוואָרן צו דעם צוועק פארשיידענע אינסטיטוציעס. איך דערמאָן זיך אָבער, וואס פארא אימפּאָזאַנטן איינדרוק ס'האט אויף אונדז געמאַכט, אין דער היסטארישער קאָמיסיע

אין פוילן, די ידיעה, וואס אונדזער דעלעגאט האט אונדז געבראכט פון דער לאנדאנער קאנפערענץ אין יאר 1945 וועגן „יד ושם".

ער האט אונדז דערציילט וועגן ריזן־פראיעקט, אויפצובויען א מאוזאליי אין ירו־שלים פאר די קדושים, א „פאלאץ פון גבורה", אן אינסטיטוט צו פארשן די געשיכטע, א ביבליאטעק מיט אן ארכיוו א. א. וו.

מיר האבן בהדרגה זיך אנגעהויבן צו באטראכטן, ווי א פיליאל פון דער צענטרא־לער יידישער אינסטיטוציע. כמעט אלע וויסנשאפטלער האבן באטראכט ירושלים פאר זייער ארבעטס־פלאץ. האס זעלבע האב איך געטראפן אין פראג. איך האב באזוכט דעם מוזיי און זיך אינטערעסירט מיטן מאטעריאל פון טערעזינא. הא האט מען מיר געזאגט, אז דער מאטעריאל געפינט זיך שוין אין ארץ־ישראל.

אויך די היסטארישע קאמיסיע אין דייטשלאנד זאמלט מאטעריאלן און האט בכלל נישט בדעה צו פארבלייבן איף דער פארשאלטענער ערד.

דער דאקומענטאציע־צענטער אין פאריז איז אויך ענג פארבונדן מיט „יד ושם"; דאס זעלבע לאזט זיך זאגן וועגן פיל אנדערע אינסטיטוציעס.

די אידיי פון „יד ושם" איז געניאל אין איר פשוטקייט און זעלבסטפארשטענדלעכ־קייט. זי איז דער תיקון פאר די מיליאנען, וואס האבן נישט אין קבר קיין זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, וואס האבן בכלל נישט קיין קבר, וואס זייער אש באפרוכפערט די פעלדער פון אייראפע.

„יד ושם" האט נאך אנדערע וויכטיקע אויפגאבעס: זי דארף זיין די אינסטיטוציע, וואס וועט איף איר פאן אויפשרייבן „והגדת לבנך"; זי דארף נישט לאזן איינשלעפערן דעם זכרון פון פאלק.

פאראן מענטשן, וואס וואלטן וועלן פארגעסן אלץ, וואס ס'איז פארגעקומען און ווילן נישט טראכטן וועגן א מעגלעכקייט, אז די טראגעדיע זאל זיך איבערחזרן. מען לעבט און טראכט אזוי, ווי עס וואלט גארנישט פארגעקומען. דאס איז זייער געפערלעך. א פאלק, וואס האט א קורצן זכרון, וויל נישט לערנען פון עבר, אדער פארגעסט זיינע טויטע, איז פארמשפט צום אונטערגאנג. דערצו קאן מען נישט דערלאזן. דעריבער מוז „יד ושם" ווערן אן עלאסטישע אינסטיטוציע מיט א גרויסער איניציאטיוו און ברייטן פארנעם. עס דארפן זיך אין איר צונויפגיסן די סטאטישע מצבה־עלעמענטן פון עמאציאנעלן באדייט פאר יחי־דים מיט א שטארקער דינאמיק פון היסטאריש־נאציאנאלן באדייט פארן גאנצן פאלק.

דאס מוז דאס פאלק פארשטיין און צולייגן א האנט, אז אלע עלעמענטן פון גראנ־דיעזן פלאן זאלן איבערגעשמידט ווערן פון פלענער אין מעשים.

רשימה

פון די לעבנגעבליבענע יידן פון קראסניסטאוו

אייזן שמחה
אײנגוואנער חיים און רבקה
אײנגוואנער בצלאל
איידלסבערג אליה
איידלסבערג נחום
איידלבערג משה און נעכע
אורוך שײנדל
אורוך שמואל און חיה
אורוך שרה
אורוך צירל
אבענשטיין נאטע און פרוי
אבענשטיין יוסף
אבענשטיין גאלדע
אייזנשטיין פערל
אקסנבערג פנחס און רחל
אייזנשטיין פערל
בערגערמאן יצחק
בערגערמאן יצחק
בערגערמאן עקיבה
בורשטיין לייביש און סימע
בורשטיין טויבע
בורשטיין שרה
בוכשטיין שמואל
בוכשטיין דוד
בעכער נח
באטאליאן דוד
בוכבלעטער בערל
בוים פייגע
בעליק הערש און ברודער
בירנבוים דבורה
גערעכט משה
גראבשטאק הערש
גראבשטאק מאטל
גראבשטאק צירל
גראבשטאק פייגע
גארטלער פנחס
גאלדבערג יוסף
גיט שמשון
גרינשטיין שיינדל
גערשטיין אברהם
דרייער יוסף
דרייער רויזע
דרייער מירל
דרעשער מאיר
האלצהאקער דוד
הארטשטיין ברוך
האכבוים עזריאל
האכבוים עזריאל
וואליק רחל
וויינריב משה
וויינריב מאטעס
ווארמאן אברהם און אסתר
זילבערמאן צבי
זאלצמאן הערש און שיינדל
זאלצמאן דוד
זאלצמאן לייבל
זיצער הערש
זינגער צודיק
זאלצמאן פעסיע
זאלצמאן שמואל
זאלצמאן מענדל
זאלצמאן צירל
זאלצמאן הינדע
זאלצמאן לאה
זאלצמאן מרים
טורקלטויב נחום
טורקלטויב לייבל
לעוו רחל
לופט גאלדע
לופט רבקה
לאנדער שמעון
לאנדער מאיר
לערנער חנא
לערנער אהרון

מיטערפערל אסתר
מאנדלמארט פאלע
מאנדלמארט ישראל
מאנדלמארט הערש לייב
מאנדלער מ. פ.
נירענבערג יידל
סמאק מאטל
פינגערהוט שרה
פינגערהוט מרדכי
פרעכטער ברוך און אסתר
פרעכטער משה און אסתר
פרעכטער אליה
פרעכטערביילע
פרעכטער מרים
פעלין צודיק
פערלמוטער יוסף
פלעשלער ראובן
פלוסמאן יקותיאל
פוטערמאן אברהם
פוטערמאן מרדכי און הינדע
פעלדמאן בעריש
פינקעל פערל
קנאבל אסתר
קאנער מעכל
קאנער לייזער
קעסטלמאן יעקב
קארנברענער יקותיאל
ראזנבלאט יעקב און רבקה
רייכמאן לייזער
רייכמאן מרים
ראזנצווייג מענדל און פריי
שאק דוד
שאק אהרון יצחק
שאק אורי
שאק אורי און חיה
שאק יעקב און צפורה
שאק רחל
שאק מענדל
שאק מעכל
שאק ליבע
שאק משה
שאק אשר און עטקע
שאק לייבל און שרה
שאק יצחק און פרוי
שאק משה
שאק שמחה
שטונצייגער מרדכי
שטונצייגער משה און יוכבד
שטונצייגער אריה
שטונצייגער בריינדל
שטונצייגער שרה
שטונצייגער גיטל
שטונצייגער דוד
שטונצייגער ישראל
שטונצייגער יצחק
שטונצייגער בנימין
שטעמער ישעיה
שווארץ חנה

דאנקזאגונגען

מיר דריקן אויס אונדזער הארציקן דאנק, די אלע, וועלכע האבן ביז איצט געשטיצט און זענען ווייטער פאר זייער אקטיווע ארבעט און אונטערשטיצונג פאר זייערע לעבנגעבליבענע ברידער פון קראסניסטאוו און האבן דערמעגלעכט דאס דערשיינען פון דאזיקן בוך, די איינציקע מצבה פאר אונדזערע אומגעקומענע קדושים.

אויף די ווייטערדיקע זייטן ברענגען מיר זייערע נעמען. מיר באגריסן זיי און ווינטשן זיי פיל גליק. זאָלן זיי זען א ברכה אין זייער הייליקער און נאָבעלער ארבעט.

אריה שטונצייגער

ד׳ קראסניסטאווער לאנדסמאנשאפט אין ניו־יארק

דאנקט הארציק אלע אירע מיטגלידער און די אלע, וועלכע האבן אקטיוו און מאטעריעל בייגעשטייערט צו דער הילפס־ארבעט לטובת אונדזערע ברידער אין שוועסטער אין די לאגערן, און באגריסט פאלגנדע פערזאנען אין ניו־יארק:

סעם און העלען ליכטנשטיין און פאמיליע

פרעזידענט פון קראסניסטאווער
לאנדסמאנשאפט אין ניו־יארק.

גדליה און סימע קאַן און פאמיליע
אברהם ליכטשטיין און פאמיליע,
מ״ר און מ״רס ע. קעסלמאן (טרעזשורער)
„ „ „ י. פינקלשטיין (פינאנס סעקרעטאר)
„ „ „ לעבנסבאום (קאמ.)
„ „ „ ס. ווייס (קאמ.)
„ „ „ לופטיק (קאמ.)
„ „ „ עדלער (קאמ.)
„ „ „ קוטשמאן
„ „ „ מעקס הערץ
„ „ „ וועגענער
מ״ר מילטאן און מ״רס שארלאטע ליכטשטיין.

דער „יעקב סטאטמאַן מעמאָריאַל־פאָנד“ איז לאָס־אַנדזשעלאָס

דער „יעקב סטאטמאן מעמאריאל - פאנד“ אין לאס אנדזשע־לאס, דאנקט הארציק, אלע זיינע מיטגלידער און אלע די, וועלכע האבן אקטיוו און מאטעריעל געשטיצט דעם פאנד אין זיין הייליקער ארבעט צו טראגן הילף פאר אונדזערע לאנדסלייט, אומעטום, ווו זיי געפינען זיך און צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים, דורך שטעלן זיי א מצבה, אין פאָרם פון א יזכור־בוך און באגריסט פאלגנדע פערזאנען:

לאָס־אַנדזשעלאָס

יעקב סטאטמאן ע״ה

רבקה סטאטמאן און
אוירווינג סטאטמאן
מאקס און בעקי בערגמאן
משה און אנדרעי גאלדבערג
שלמה און סעליא צוקערמאן
צדוק צוקערמאן
יוסף און רחל סיימאן

פראנק און דזעני סיימאן
פייוול בוימפעלד
יוסף און רעגינא זייד
סעם און מאשע ווערשיפ
חיים און פעני האקען
מ״ר און מ״רס דוד גארדאן
פיליפ און שוירלי ראזנבלום

קאנאדע

בערל און מלכה מיימאן
יוסף מיימאן

מ״ר און מ״רס לייזער גאלד
לייזער און חנה גרינבערג

שיקאגאָ

לייבל און פרידא לערמאן
נתנאל און מר״ס מיימאן
מענדל קאהן

מאקס קאהן
געני קאהן

דעטראָיט

פאמיליע צוקערמאן

בען און מיני צוקערמאן (פרעז.
פון יעקב שטאַטמאַן מעמאר. פאנד)
בנימין און ראזי צוקערמאן
מעקס און פאלי צוקערמאן
הערי און נעטי צוקערמאן
יעקב און איידא צוקערמאן
יצחק און ראזי צוקערמאן

אהרון יוסף און יוכבד הערשטיין
לואי און ענני זאק
לואי און ראז גרענד
מ"ר וועלוול זאק
ישראל און מאשעל צוקערמאן
אסתר מילער

מיר באגריסן אייך און ווינטשן אייך פיל גליק.

ניו־יארק

אלטער און מילדרעד האכמאן
אסתר מוטערפערל
מ"ר און מ"רס הערי בערגמאן
" " " שלמה לייביש און חיה אייזנבערג
דארים אייזנבערג
מ"ר און מ"רס מאקס הערץ
" " " הערש פייוול קוני
" " " בערגער
" " " סעם עפשטיין
יצחק צוקערמאן
מ"ר און מ"רס פייוול הערשטיין
פראפ. יעקב יאפע און אסתר גיטל יאפע
יעקב און יצחק דרעשער מיט זייערע משפחות
מ"ר און מ"רס חיים הערשטיין
סעם שווארץ און פאמיליע
לואיס און מ"רס סילווערבערג און פאמיליע

דער קאָמיטעט פוז די קראסניסטאווער שרידים אין גלות דייטשלאנד

דאנקט הארציק אלע אונדזערע לאנדסלייט מעבר לים, וועלכע האבן אויסגעשטרעקט א האנט פון הילף צו זייערע לעבנ געבליבענע ברידער אין די לאגערן.

באזונדער דאנקען מיר הארציק, דעם פארזיצער פון דער קראסניסטאווער לאנדסמאנשאפט אין לאס אנדזשעלאס, דעם חשובן ה׳ בען צוקערמאן, פאר זיין אויסערגעווינלעכער ווארעמער באציאונג און פארשטענדניש פאר די נויטן פון די קראסניסטאווער שרידים און פאר זיין איניציאטיוו ביים ארויסגעבן דאס דאָזיקע יזכור - בוך.

יעקב שאק פארזיצער
אריה שטונצייגער סעקרעטאר
מרדכי פוטערמאן קאסירער
אברהם ווארמאן

הערש זאלצמאן
לייזער קארנפעלד
מאיר דרעשער

אינהאלט

פאָרוואָרט 5
אנשטאט א הקדמה 6
קראסניסטאוו (מאָנאָגראפיע) 8
פארטייען און אָרגאניזאציעס — אריה שטונצייגער 15
דער „קלוב" — אריה שטונצייגער 19
דער פארבאנד „אהבת אחים" — הערשל זיצער 22
יידישע האנטווערקער אין קראסניסטאוו — אריה שטונצייגער 26
חדרים — אריה שטונצייגער 30
בתי־מדרשים „ „ 34
יידן ווערטל־זאָגער „ 41
חסידישע טיפּן — בען צוקערמאַן 45
בטלנים — יעקב שאַק 47
די השכלה — בען צוקערמאַן 51
אביסל זכרונות — ל. גרינבערג 55
די ערשטע קראסניסטאווער עמיגראנטן אין אמעריקע — בען צוקערמאן 58
א נאָמען באדעקט מיט קדושה — א. געלבערג 65
שמואל מרדכי זיגעלבוים (ביאָגראפיע) — י. ש. הערץ 68
בען צוקערמאַן — ל. גרינבערג 91
דער אומקום — אריה שטונצייגער 99
צום הייליקן אָנדענק — מרדכי פוטערמאן 110
מיינע איבערלעבונגען בעת דער נאצי־ממשלה — ישעיהו שטעמער 114
רשימה פון די אומגעקומענע יידן אין קראסניסטאוו 119
די לעבנגעבליבענע — אריה שטונצייגער 129
מיין לעצטער באזוך אין קראסניסטאוו — אריה שטונצייגער 136
א תיקון פאר יידישע נשמות — נח גרוס 142
דאנקזאָגונגען 147